STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09821

YIDN IN PARIZ

Yehezkel Kornhendler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידן אין פאריז

דערשינען פון זעלבן מחבר:

וווהין פירט אונדז י. ל. פרץ	1930
נאַפּאָלעאָנס בריוו צו מאַריע לואיזע	1934
אַלט פּאַריז	1936
אַ קול אין מדבר (דערציילונגען)	1936
פּרויען (דערציילונגען און איינאַקטערס)	1938
דער טויט פון ישו אין... פּוילן	1945
בריוו פון לעקטור (פיר יאָר נאַצי־הערשאַפט אין פראַנקרייך)	1947
אַלט פּאַריז (פאַרגרעסערטע אויסגאַבע)	1948
אַ גאַסט פון יענער וועלט	1955
ראַשעל (איר קונסט, איר לעבן, איר יידישקייט)	1958
פּאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן	1965

יחזקאל קאָרנהענדלער

ייִדן אין פּאַריז

מאַטעריאַלן פאַר ייִדישער געשיכטע

פּ אַ ר י ז
1970 — תשל"א

„יידן אין פּאַריז״ פון יחזקאל קאָרנהענדלער. פּאַריז 1970.

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון „פּאַראייניקטן סאָציאַלן פאָנד״ אין פראַנקרייך.

אַדרעס פון מחבר:
CH. KORENCHANDLER, 36, avenue du Général-Michel-Bizot, 75 - Paris XIIe

Ouvrage publié avec l'aide de la **Memorial Foundation for Jewish Culture** et de la **Commission du Livre**

Copyright by Ch. Korenchandler. Paris 1970

אינהאַלט

קאַפּיטל		זייט
	פון מחבר	8
1	וועגן דער אַנטשטייאונג פון פּאַריז	9
2	די קירכע „סען זשיליען לע פּאָוור"	13
3	דער פּאַנטאַן פון „די אומשולדיקע"	25
4	דער שאַנד־סלופּ ביי די פּאַריזער האַלעס	30
5	די יידישע מאָמענטן פון דער פּאַריזער קאַטעדראַלע „נאָטרע־דאַם"	38
6	דער יוסטיץ־פּאַלאַץ	104
7	דער בילבול וועגן דער פּראָפאַנירטער האָסטיע	118
8	דער פּלאַץ פון האָטעל דע וויל	160
9	די מיליטער־שול	173
10	דער האָטעל „קאַסטיל"	180
11	פון וואַנען דער נאָמען „פּלעצל"	186
12	יידישע מאָנומענטן פון „פּלעצל"	204
13	קברים אונטער צלמים	218
14	סאַראַ בערנהאַרדט	224
15	שלום עליכם אין פּאַריז	238
16	29 מאַרטירער	245
17	הייזער דערציילן	255
	ביבליאָגראַפיע	267
	רשימה פון אילוסטראַציעס	273
	זוכצעטלען	277

פון מחבר

מיט די דאָ פאַרעפנטלעכטע זיבעצן קאַפּיטלען האָט דער מחבר ווייט נישט אויסגעשעפּט דעם מאַטעריאַל וואָס ער האָט בדעה צו דערציילן וועגן דער רייכער געשיכטע פון יידן אין פּאַריז. ער האָט אָבער בדעה ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט און האָפט זי צו דערפירן ביזן סוף.

וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פּאַריז איז פאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. די אויפגאַבע פון מחבר פון די שורות איז נישט געווען בלויז דאָס איבערדערציילן דעם יידישן לייענער די אויסגעפאָרשטע געשיכטע, נאָר אויך דאָס געבן, באַלייכטן און אינטערפּרעטירן אַ ריי געשיכטלעכע געשעענישן אַזוי ווי ער האָט זיי געזען און פאַרשטאַנען.

ביי דער געלעגנהייט דריקט אויס דער מחבר אַ האַרציקן דאַנק דעם חשובן היסטאָריקער בערנהאַרד בלומענקראַנץ, דעם פראַנצויזיש־יידישן שרייבער מאַנעס ספּערבער און דעם עסעאיסט ד״ר נח גריס פאַר דער פריינטלעכקייט און הילף וועלכע ער האָט ביי זיי אָנגעטראָפן אויפן וועג פון רעאַליזירן די אויסגאַבע.

פּאַריז, 1950 — 1970.

1.

וועגן דער אַנטשטייאונג פון פּאַריז

די געשיכטע פון אַ סך גרויסע שטעט ווייסט אַנצוגעבן דאַטעס אָדער געשעענישן וועלכע זענען מער ווייניק באַשטעטיקט דורך פאַראַנענע אַלטע מאָנומענטן, געשעענישן און בכלל אויטענטישע דאָקומענטן, וואָס ברענגען באַשטימטע ידיעות וועגן זייער אַנטשטייאונג.

די שטאָט פּאַריז ווייסט נישט און קאָן נישט אָנגעבן קיין שום איינצלהייטן וועגן איר געבורט, וואָס ליגט איינגעהילט אין נעפּל פון יאָרטויזנטער. נישט נאָר וואָס עס איז נישט באַקאַנט די געשיכטע פון איר אַנטשטייאונג, נאָר עס איז אפילו אויך נישט גוט באַקאַנט, ווען בערך די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן רופן מיט איר היינטיקן נאָמען.

כדי צו האָבן אַ באַגריף ווי וויט נעפּלדיק ס'איז די געשיכטע פון איר נאָמען, איז אינטערעסאַנט צו דערציילן, אַז פון 195 פאַראַנענע אַלטע שריפטן פון דער מעראָווינגישער דינאַסטיע, וואָס האָט געהערשט ביזן יאָר 752 און פאַרוואַנדלט פּאַריז אין דער הויפּט־שטאָט פון דער מלוכה, זענען 97 דאָקומענטן אויטענטישע און 98 פון צווייפלערישן ווערט; פון זיי געפינען מיר דעם נאָמען פּאַריז נאָר אין 9 שריפטן, פון וועלכע בלויז איינע שיינט צו זיין אויטענטיש!

די ערשטע געשיכטלעכע ידיעה וואָס איז פאַראַן וועגן פּאַריז, — די שטאָט האָט דאַן געהייסן מיטן לאַטיינישן נאָמען „לוטעציא״, (אויך דער זין פון דעם נאָמען איז נישט גענוג קלאָר), — שטאַמט פון יוליוס צעזאַר, וועלכער דערציילט אין זיינע „קאָמענטאַרן״, אַז ער האָט דאָ אַ געוויסע צייט געהאַלטן זיין הויפּט־קוואַרטיר. דאָס איז געווען 53 יאָר פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג.

אויפן סמך פון די דאָזיקע נאָטיצן, זענען טאַקע אין יאָר 1953 פאַרגעקומען אין פּאַריז גרויסע פייערונגען לכבוד צוויי טויזנט יאָר פון איר עקסיסטענץ.

אויב געשיכטלעך ווייסן מיר גאָרנישט וועגן דער אַנטשטייאונג פון פּאַריז, זענען אָבער וועגן דער געבורט פון דער שטאָט פאַראַן אַ ריי לעגענדעס וואָס דערציילן, אַז אירע גרינדער זאָלן האָבן געווען באַקאַנטע העלדן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

ביז גאָר מערקווערדיק און פֿאַר אונדז יידן זייער אינטערעסאַנט איז דער פֿאַקט, וואָס צווישן די לעגענדעס וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון פּאַריז, איז אויך פֿאַראַן איינע, וואָס דערציילט, אַז די שטאָט האָט אַ ביבלישע אָפּשטאַמונג... אַז זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ 17־טן אוראייניקל פֿון נחס זון יפת און אַז דאָס איז געשען אומגעפער... 900 יאָר פֿאַרן מבול; 498 יאָר פֿאַר דער גרינדונג פֿון רוים און 1417 יאָר פֿאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג.

אוודאי וועלן מיר זיך נישט אַריינלאָזן אין איבערקאָנטראָלירן דעם חשבון, לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז פּאַריז האָט שוין הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון דריי מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר...

די געשיכטע האָט אויך נישט קיין ידיעות ווען אומגעפער עס האָבן זיך באַוויזן די אַלע לעגענדעס וועגן דעם מיטאָלאָגישן אָפּשטאַם פֿון דער שטאָט; עס ווערט אָבער אָנגעגעבן, אַז די לעגענדע וועגן יפת׳ס ווייטע אייניקלעך וועלכע זאָלן האָבן געגרינדעט פּאַריז, זאָל שוין האָבן געווען באַקאַנט אין 12־טן י״ה און אפשר נאָך פֿריער.

די דאָזיקע לעגענדע איז צו אונדז דערגאַנגען דורכן גלח אַנניוס פֿון וויטערב 1) וואָס האָט געלעבט אין 15־טן י״ה (1432 — 1502) און איז אויך באַקאַנט אונטערן נאָמען זשאַן נאַנני. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינס אַ זאַמלונג א. ב. „די אַנטיקע צייטן״, (רוים 1498), אין וועלכער ער דערציילט וועגן יפת׳ס ווייטע אייניקלעך ווי די גרינדער פֿון דער שטאָט פּאַריז. צווישן די געלערנטע פֿון 16־טן און 17־טן י״ה זענען אָנגעגאַנגען לאַנגע און הייסע וויכוחים וועגן דעם געשיכטלעכן ווערט פֿון זיינע ווערק.

דאָס פֿאָרשן און אַרויסקומען מיט ערנסטע געשיכטלעכע ווערק וועגן פּאַריז האָט זיך ריכטיק אָנגעהויבן אין 17־טן י״ה. עס האָט נאָך אָבער געדויערט, ביז די שטאָט האָט באַקומען וויכטיקע פֿאָרשער און היסטאָריקער. טראָץ דער גאָר גרויסער צאָל פֿאַראַנענע ווערק וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון פּאַריז, איז די צאָל מחברים וועלכע דערציילן מכוח דעם ביבלישן אָפּשטאַם פֿון דער שטאָט זייער קליין.

פֿון דעסט וועגן איז די עקסיסטענץ פֿון דער דאָזיקער לעגענדע ביז גאָר אינטערעסאַנט און מיר האָבן די פֿולע רעכט צו טראַכטן אַז אויב אַזאַ לעגענדע איז געבוירן געוואָרן, איז עס געשען אין רעזולטאַט פֿון יידישער אַנוועזנהייט און יידישן איינפֿלוס אויף די ערשטע פּאַריזער איינוווינער.

---

1) Annius de Viterbe.

אויב מען ווייסט נישט ווען אומגעפער עס האָבן זיך באַוויזן די לעגענדעס וועגן די העלדן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע אַלס גרינדער פון פּאַריז, איז עס אָבער ווייט נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער אויפקום פון קריסטנטום אין גאַלן־לאַנד האָט אַרויסגעברענגט די געשיכטע פון יפת׳ס ווייטע אייניקלעך ווי אַ רעפּליק קעגן די גריכיש־געצנדינערישע לעגענדעס. דאָס שליסט אָבער אויף קיין פאַל נישט אויס אונדזער מיינונג, אַז די לעגענדע וועגן ביבלישן אָפּשטאַם פון דער שטאָט האָט געקאָנט אויך זיין אַ רעזולטאַט פון יידישער אָנוועזנהייט און איינפלוס אויף די ערשטע פּאַריזער.

יידן זענען אָנגעקומען אין גאַלן־לאַנד און אין פּאַריז, אויב נישט צוזאַמען מיט די רוימער, איז עס יעדנפאַלס געשען אין די סאַמע פריסטע יאָרן פון דער שטאָט־עקסיסטענץ. ווען די ערשטע קריסטלעכע פּרעדיקער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין לאַנד, זענען דאָ די יידן שוין געווען פון לאַנג און האָבן אפילו שטאַרק באַווירקט די געצנדינערישע באַפעלקערונג. נישט קיין אַנדערער ווי ערנסט רענאַן שרייבט אַז „די יידן האָבן אַריינגעברענגט צווישן די גאלן דעם באַגריף פון איינציקן גאָט".

פראַנקרייך איז אָפיציעל געוואָרן אַ קריסטלעך לאַנד ערשט אין יאָר 480, ווען דער מלך קלאָוויס האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן גלויבן; עס האָט נאָך אָבער זייער לאַנג געדויערט ביז דאָס קריסטנטום האָט זיך אָנגענומען צווישן די מאַסן. ס׳איז געווען דער אָנהייב פון אַ רעליגיע, וואָס אירע מענטשן האָבן נאָך אַליין נישט געוווסט זייער וועג. אירע פאַרמען און דאָגמען האָבן געדאַרפט אַ סך צייט אויף זיך קריסטאַליזירן און באַפעסטיקן. די דעמאָלטיקע יונגע קריסטן האָבן אפילו געפייערט דעם שבת ווי אַ רו־טאָג און דער קאָנסול פון עלוויר (305 — 306) איז געווען געצווונגען אַרויסצוקומען מיט אַ רוף און אפילו אויך מיט אַ וואָרענונג צו די קריסטן, אַז זיי זאָלן זיך אויסהיטן פון באַטראַכטן שבת ווי אַ יום־טוב־טאָג.

נישט נאָר האָבן די יונגע קריסטן געפייערט דעם שבת ווי אַ רו־טאָג, נאָר זיי פלעגן אויך קומען צו די יידן מיט דער ביטע צו בענטשן זייער תבואה...

ס׳איז בכלל אַ פראַגע צי די יידן וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין גאלן־לאַנד, זענען טאַקע באַשטאַנען פון איינגעוואַנדערטע; גיכער האָבן מיר פאַר זיך אַ דערשיינונג פון פּראָזעליטיזם, פון אַריבערגעגאַנגענע צו יידישקייט; וועגן דעם קאָן אַ סך דערציילט ווערן, נעמענדיק אין באַטראַכט אויך די אַלע פאַרבאָטן מיט וועלכע די יונגע קירכע איז געווען געצווונגען אַרויסצוקומען, און וואָס נאָר איינעם פון זיי האָבן מיר דאָ דערמאָנט און וועלכע ווייזן, ווי

גרויס ס׳איז דאַן געווען די ווירקונג פון די יידן אויף דער נאָך נישט גענוג שטאַרק אויסגעפורעמטער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

דאַרפן מיר זיך נישט וואונדערן וואָס צווישן די לעגענדעס וועגן דער אַנט־שטייאונג פון דער שטאָט פּאַריז איז אויך פאַראַן איינע וואָס דערציילט וועגן נחס ווייטע אייניקלעך.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער :

1, 12, 36, 80, 107, 126, 135, 142.

2.

די קירכע „סען זשיליען לע פּאָוור"

אויף דער לינקער זייט פון דער סען, אינעם גערטנדל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רענע וויוויאַני", זעען מיר אין דער טיף, אַ קליינע אַלטע קירכע, באַרימט אין פּאַריז א"נ „סען זשיליען לע פּאָוור", וואָס איר הויפּט־אַריינגאַנג געפינט זיך אין אַלטן שמאָלן געסל, מיט דעם זעלבן נאָמען.

גלייך ביים ערשטן בליק אויף די קירכע־מויערן זעט מען, אַז זי האָט אַ ווייטע און לאַנגע געשיכטע הינטער זיך; זי האָט שוין אַדורכגעמאַכט אַ סך צעשטערונגען; איר צפונדיקער טייל, וואָס געפינט זיך אין אַ חרובן צושטאַנד, האָט פון דעסט וועגן איינגעהיט דעם ריינעם פּרי־גאָטישן כאַראַקטער. די קליינע קירכע איז היינט צו טאָג פיל קלענער, ווי זי איז געוועזן אַ מאָל. דער איצטיקער פאַסאַד פון דער קירכע איז אויפגעבויט אין 17־טן י"ה בעת אַ רעקאָנסטרוקציע פון בנין און איז ווייט פון אַלטן גאָטישן סטיל פון צפונדיקן טייל. (קלישע נומ. 1).

די קירכע „סען זשיליען לע פּאָוור" געהערט צו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע היסטאָרישע מאָנומענטן פון פּאַריז. אויף דעם אָרט האָט זיך אַ מאָל געפונען אַ געצנדינערישער טעמפּל, וואָס איז דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קריסט־לעכער קירכע און אין דעם אַמאָליקן בנין פלעגט אין 6־טן י"ה איינשטיין דער הויפּט פון דער קירכע פון גאַלן־לאַנד, דער בישאָף גרעגואַר פון טור, בעת זיין קומען פון צייט צו צייט קיין פּאַריז. די קירכע־מויערן פון „סען זשיליען לע פּאָוור" געהערן צו די סאַמע עלטסטע פון דער שטאָט. דער חרובער גאָטישער טייל, וואָס מיר זעען לינקס פון פאַסאַד, שטאַמט נאָך פון 12־טן י"ה.

מען האָט אים אָנגעהויבן צו בויען צווישן די יאָרן 1165 — 1170. אין יענע טעג האָט מען זיך אויפן דערנעבנדיקן סיטע־אינדזל נאָר וואָס געשטעלט בויען די נאָטרע־דאַם. די קליינע קירכע „סען זשיליען", וועמענס בוי איז געענדיקט געוואָרן אין יאָר 1240, האָט אין פאַרלויף פון נאָך לאַנגע יאָרן צוגעזען דאָס בויען פון דער גרויסער קאַטעדראַלע, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער. עס איז ווייט נישט אויסגעשלאָסן, אַז טראָץ די טראַנספאָר־מאַציעס וואָס די קליינע קירכע האָט דורכגעמאַכט אין רעזולטאַט פון אַלטקייט און מערערע פאַרוויסטונגען האָבן אירע מויערן אויפגעהיט אין זיך שטיינער,

קלישע נומער 1



קירכע סען זשיליען לע פּאָוור.
(פאָטאָ: יה. קאָרנהענדלער).

וועלכע געדענקען נאָך די טעג ווען עס איז דאָ איינגעשטאַנען, דער שוין דערמאָנטער בישאָף גרעגואַר פון טור, מחבר פון דער „געשיכטע פון די פראַנקן" אין וועלכער ער האָט באַשריבן די שווערע יידישע דראַמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יאָר 582 טאַקע אַרום די מויערן און אין טעמפּל גופא. מיר דערוויסן זיך אַזוי אַרום וועגן יידן וואָס האָבן דעמאָלט באַווינט פּאַריז, דאָ געלעבט, געווען אַקטיוו און באַצאָלט מיט זייער בלוט און לעבן פאַרן וועלן בלייבן יידן.

אין 6־טן י"ה איז נאָך דאָס פראַנצויזישע פאָלק נישט געווען אויסגעפורעמט און אין דער שטאָט פּאַריז וואָס האָט נאָך אפשר נישט געטראָגן איר היינטיקן נאָמען, האָט געוועלטיקט דער קריסטלעכער קעניג שילפּעריק דער ערשטער, פון דער מעראָווינגישער דינאַסטיע.

אין שייכות מיט די געשעענישן וואָס מיר קלייבן זיך דאָ איבערצוגעבן און אין וועלכע דער קעניג שילפּעריק האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, איז וויכ־טיק צו דערציילן, אַז זיין קריסטלעכקייט האָט אים, ווי אַ סך אַנדערע הערשער, נישט געשטערט צו זיין אַ גרויזאַמער דעספּאָט, וואָס האָט נישט פאַרטראָגן קיין שום ווידערשפּעניקייט. ער איז געווען באַהערשט דורך ווילדע קאַפּריזן, וואָס האָבן אין אים געברויזט און אים נישט אָפּגעהאַלטן פון קיין שום פאַר־ברעכן. ער פלעגט אייגנהענטיק אומברענגען מענטשן, פאַרברענען שטעט און בכלל פאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ שווערן טעראָר. און דאָך... נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז ער געווען אַ ביז גאָר אָריגינעלע פּערזענלעכקייט: אַ טיף־דענקענדיקער יחיד מיט אינטערעסאַנטע קולטור־נייגונגען; להיפוך צו אַ סך הערשער פון יענער באַרבאַרישער צייט האָט שילפּעריק געקענט לייענען און שרייבן און זיך באַשעפטיקט מיט ליטעראַריש־דיכטערישע און טעאָלאָגישע פּראָבלעמען. ער האָט געפּלאַנט צו רעפאָרמירן (אין פאָנעטישן זין) די לאַטיי־נישע שפּראַך. ער האָט געזוכט צו פאַרשטיין די גאָטהייט, אפילו אויך געהאַט בדעה אַריינצופירן ענדערונגען אין דער יונגער קריסטלעכער רעליגיע, אַ זאַך וואָס האָט שווער געטראָפן און אפילו אויפגעציטערט דעם דעמאָלטיקן הויפּט פון דער גאַלישער קירכע, דעם בישאָף גרעגואַר פון טור. ער דערציילט וועגן דעם אין זיין „געשיכטע פון די פראַנקן", וואָס ווערט באַטראַכט אַלס ערשטע באַדייטנדיקע געשיכטע־כראָניק פון יענער צייט.

דער בישאָף גרעגואַר רעדט מיט אַ סך גרינגשעצונג וועגן קעניג שיל־פּעריק, אָנרופנדיק אים מיטן נאָמען „הורדוס" און „נעראָן". ער דערציילט מיט איראָניע וועגן מלכ׳ס ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס יענער זאָל אים האָבן געלייענט און לאָכט אויס שילפּעריק׳ס אידעען מכוח רעפאָרמירן די לאַטיינישע

שפּראַך דערציילנדיק דערבײַ, אַז אין אָנבליק פֿון בישאָפֿס קעגנערשאַפֿט צום רעפֿאָרם־פּראָיעקט, האָט דער קעניג אים געזאָגט:

— איך וועל עס געבן צו לייענען געלערנטערע פֿון דיר און זיי וועלן מיט מיר מסכּים זײַן!

וואָס עס האָט אָם שווערסטן געטראָפֿן דעם בישאָף, איז געווען שילפּעריקס אַרויסקום מיט אַ פּראָיעקט אָפּצושאַפֿן די קריסטלעכע דאָגמע וועגן דער דרײַ־איינִיקייט; אַרויסקומענדיק מיט דעם דאָזיקן געדאַנק, האָט דער קעניג געזאָגט צום בישאָף:

— איך וויל אַז איר אַלע זאָלט אַזוי גלייבן: דו און אַלע איבעריקע קירכעלײַט!

און כאָטש דער סטיל און די שפּראַך פֿון בישאָף אין וועלכער ער דערציילט וועגן זײַנע שמועסן און דיסקוסיעס מיטן קעניג איז זייער אַ באַשיידענע און אַ ביז גאָר קאַרגע אין אויסדרוקן, פֿילט מען דעם שווערן אויפֿברויז זײַנעם קעגן דעם קעניגס געדאַנק, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ געוואַלדיקע אַפּיקורסות און אַ גרויסע געפֿאַר פֿאַר דעם אויפֿגייענדיקן קריסטלעכן גלויבן.

אויב דער בישאָף גרעגואַר פֿון טור האָט ביים שרייבן די כראָניק פֿון יענע טעג, זיך נישט אָפּגעהאַלטן פֿון אויסגיסן זײַן כעס אויפֿן קעניג, אָנרופֿנדיק אים מיט די עפּיטעטן „הורדוס" און „נעראָן", האָט ער אָבער אין זײַנע פּער־זענלעכע שמועסן מיט אים געמוזט זײַן זייער אײַנגעהאַלטן, נישט אַרויסכאַפּן זיך מיט קיין וואָרט, וואָס וואָלט געקאָנט חלילה אַרויסרופֿן אַן אויפֿברויז ביים קעניג. פֿאַרקערט, ער האָט אים אַפֿילו געמוזט חנפֿענען און אַכטונג געבן אים נישט צו דערצערענען, אַ זאַך וואָס וואָלט פֿאַרן בישאָף געקאָנט ווערן געפֿערלעך.

ווי ס'איז באַוווּסט, איז עס געווען דער קעניג קלאָוויס (שילפּעריקס זיידע) וואָס איז אין יאָר 496 אַריבער צום קריסטנטום, דאָס הייסט, מיט קנאַפּע 90 יאָר ערב די געשעענישן, וועגן וועלכע מיר דערציילן. די טויפֿונג זײַנע ווערט באַטראַכט פֿאַרן אָנהייב פֿון דער אָפֿיציעלער קריסטלעכער ערע פֿון לאַנד. עס האָבן נאָך אָבער געדויערט יאָרהונדערטער, ביז די קריסטלעכע רעליגיע האָט זיך אָנגענומען און באַפֿעסטיקט ביי דער באַפֿעלקערונג. איז נישט קיין ווּנדער שילפּעריקס זוכן צו פֿאַרשטיין די יונגע קריסטלעכע לערע, וועלכע איז נאָך ווייט נישט געווען פֿאַרמירט און זײַן אײַנפֿאַל אָפּצושאַפֿן די דרײַ־איינִיקייט, כּדי זי צו פֿאַרטרעטן נאָר און אויסשליסלעך מיטן איין און איינציקן גאָט.

דערהערנדיק פון קעניג מכוח דעם דאָזיקן געדאַנק, האָט דער בישאָף גרעגואַר חושד געווען אין דעם די השפעה פון אַ געוויסן אפיקורס סאַבעליוס, וואָס האָט געלעבט אין 3־טן י״ה.

ס׳איז אָבער ווייט נישט אויסגעשלאָסן, אַז צו דער אידעע פון אָפּשאַפן די דריי־אייניקייט איז דער קעניג געקומען נישט דורך לייענען סאַבעליוסן און נישט אַזוי דורך זיין אייגן דערטראַכטן זיך דערצו, ווי אַ דאַנק דער ווירקונג פון ייד פּריסקוס, דעם ערשטן יידישן מענטשן, וועגן וועמענס נאָמען און עקסיסטענץ מיר דערוויסן זיך טאַקע פון דער „געשיכטע פון די פראַנקן״.

ער האָט געלעבט אין פּאַריז, זיך געפונען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיטן קעניג שילפּעריק און אים שטאַרק באַווירקט.

וואָס ווייסן מיר און וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען וועגן ייד פּריסקוס וואָס האָט געלעבט אין פּאַריז סוף פון 6־טן י״ה?

זייער, זייער ווייניק.

ער איז געווען אַ הענדלער פון טייערע שטאָפן, פון ווערטפולע שטיינער, צירונג, פון איידל־מעטאַלן און קונסטווערק, וועלכע ער פלעגט אויפקויפן און צושטעלן דעם קעניג שילפּעריק און ווייל ער האָט זיך פאַרנומען מיטן גאָלד־מסחר, רעכנט מען אַז ער איז אויך אַ געוויסע צייט געווען דער שמעלצער פון די גאָלד־מטבעות פאַרן קעניג, וואָרעם אויף אַ גאָר קליינער מטבע וואָס געפינט זיך אין דער מעדאַלן־אָפּטיילונג פון דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און וואָס איז געגאָסן געוואָרן אין יאָר 555, פיגורירן צוויי נעמען פון די שמעלצער און מען לייענט דאָרט: „פּריסקוס״ און „דאָמנאָלוס״. (קלישע נומ. 2).

אין יאָר 555, ווען ס׳איז געגאָסן געוואָרן די איינגעהיטענע קליינע מטבע, האָט אין לאַנד געהערשט קלאָטאַר דער ערשטער, דער פאָטער פון שילפּעריק און ס׳איז ווייט נישט אויסגעשלאָסן, אַז פּריסקוס וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיטן גאָלד־מסחר און איז געווען דער צושטעלער פון איידל־מעטאַלן פאַרן קעניג שילפּעריק, זאָל אויך האָבן געווען דער שמעלצער פון דער מטבע.

פון דעם וואָס עס דערציילט דער בישאָף אין זיין כראָניק, טראָץ דער קורצקייט פון זיינע ידיעות, דערוויסן מיר זיך אַז פּריסקוס איז געווען אַן איינ־טעליגענטער, קלוגער מאַן און אַ שטאַרק איבערצייגטער ייד, זייער טריי זיין גלויבן.

פון די זעלבע מאָגערע ידיעות, וועלכע זענען צו אונדז דערגאַנגען, ווייסן מיר אויך, אַז פּריסקוס האָט געהאַט אַ פאַמיליע, קינדער, קרובים און אַז צוליב זיין קלוגשאַפט איז ער געווען זייער געשעצט דורכן קעניג, וועלכער פלעגט

קלישע נומער 2

מטבע פון 6־טן י״ה געשמאָלצן דורך פריסקוסן.

זיך מיט אים באַראַטן וועגן וויכטיקע ענינים. בכלל איז פּריסקוס געווען דעם קעניגס פּאַרטרויאונגס־מענטש אויפן געביט פון פינאַנצן און עס איז אויסער יעדן ספק, אַז דער ייד פּריסקוס האָט שטאַרק באַווירקט דעם קאַפּריזנעם קעניג. מיר דאַרפן אָננעמען אַז אין זייערע אָפטע שמועסן וועגן וועלכע עס דערציילט דער בישאָף, פלעגן אויך באַרירט ווערן רעליגיע־ענינים און ווייל פּריסקוס איז געווען אַ הייסער און באַוווסטזיניקער ייד, איז ווייט נישט אויס־געשלאָסן, אַז דער אַרויסקום פון מלך מיט דער אידעע אָפּצושאַפן די דריי־אייניקייט איז געווען אַ רעזולטאַט פון פּריסקוסעס יידישן איינפלוס.

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן פּריסקוסעס יידישן באַוווסטזיין, איז ביז גאָר וויכטיק צו דערציילן וועגן אַ דיספּוט פון גאָר גרויסן אינטערעס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן קעניג, דעם בישאָף און דעם ייד.

געשען איז עס אין יאָר 581.

דער מלך שילפּעריק וואָס האָט זומערצייט זיך אויפגעהאַלטן אין זיינס אַ גוט אין נאָזשען סיר מאַרן (ביי פּאַריז) האָט ערב האַרבסט, געהאַלטן ביים פאַר־לאָזן דאָס אָרט כדי זיך צו באַזעצן אין זיין ווינטער־ווױנונג אין פּאַריז. פאַר דעם איז געקומען צו אים דער בישאָף כדי זיך צו געזעגענען און בעת זייער אונטערהאַלטן זיך, איז אויך אָנגעקומען דער ייד פּריסקוס.

זייענדיק זייער באַפריינדעט מיטן ייד, פלעגט דער קעניג האָבן אויך מאָמענטן פון פאַרדראָס אויף אים; ער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין פּריס־קוסעס האַלטן זיך אַזוי עקשנותדיק ביי זיין יידישן גאָט. ער וואָלט גערן גע־וואָלט, אַז דער קלוגער ייד מיט וועמען ער איז אַזוי נאָענט און וועמען ער שעצט אַזוי שטאַרק, זאָל אַריבער צום קריסטנטום. בעת פּריסקוסעס אָנקומען און באַגריסן זיך מיטן קעניג האָט דער לעצטער אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָפּ פון ייד, אים אָנגעהויבן אַראָפּבייגן, רופנדיק צום בישאָף:

— קום אַהער, גאָטס־גייסטלעכער, לייג אויף אים אַרויף דיינע הענט און בענטש אים!

פּריסקוס האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און זיך אַרויסגעריסן פון קעניגס הענט כדי אויסצומיידן דעם גלחס ברכה אין וועלכער ער האָט געזען אַ פּרוּוו פון שמד. דער קעניג האָט אים דאַן בייז צוגעוואָרפן:

— דו שווערער מענטש. דו אומצוטרויעלעכער שטאַם, וואָס ווילסט נישט אָנערקענען גאָטס זון, וועמענס קומען די נביאים האָבן פון פאָרויס אָנגעזאָגט.

אַ ביסל באַרויִקט, זעענדיק אַז עס דראָט אים נישט קיין געפאַר, האָט פּריסקוס אָנגעהויבן אָפּענטפערן און אַרויסזאָגן וואָס ער טראַכט וועגן דער מעשה פון „גאָטס זון".

— גאָט האָט נישט חתונה — האָט פּריסקוס גערעדט — און עס ווערן אים נישט געבוירן קיין קינדער. אַזוי אויך דאַרף ער נישט קיין שותּפים צו זיין אַלמעכטיקייט, וואָרעם ער האָט דורך משהן געזאָגט: „איך בין דער האַר־גאָט און עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער גאָט אַ חוץ מיר. איך שיק דעם טויט און איך גיב דאָס לעבן. איך בין דער וואָס שלאָגט און דער וואָס היילט״.

אַזוי האָט זיך צעפּלאַקערט אַ דיספּוט בעת וועלכן פּריסקוס האָט הייס פאַרטיידיקט זיין יידישן גלויבן קעגן קריסטלעכן, זאָגנדיק צווישן אַנדערע געדאַנקען, אַז:

„גאָט האָט נישט קיין שום נויטווענדיקייט זיך צו טיילן אין דרייען״.

אָדער גאָר:

„קאָן דען גאָט זיין אַ מענטש און געבוירן ווערן דורך אַ פרוי?״

צי גאָר:

„קאָן מען גאָט שמייסן מיט ריטער און אים פאַרמשפּטן צום טויט?״

דער מלך שילפּעריק איז לסוף מיד געוואָרן. עס האָבן אים אויסגעפּעלט אַרגומענטן און דער וויטערדיקער דיספּוט איז שוין אָנגעגאַנגען נאָר צווישן פּריסקוסן מיטן בישאָף, וועלכער דערציילט אין זיין כראָניק אַז:

„מיר האָבן אים געזאָגט דאָס און דאָס און נאָך אַנדערע אַרגומענטן. ס'איז אונדז אָבער נישט געלונגען צו ברענגען דאָס נעבעכדיקע נפש צום ריכטיקן גלויבן״.

מיר דאַרפן אָננעמען אַז גרעגואַר פון טור ברענגט נאָר אַ באַשטימטע באַ־גרענעצטע צאָל געדאַנקען און אַרגומענטן מיט וועלכע פּריסקוס האָט זיך באַנוצט בעתן דיספּוט, אָבער פון דעם וואָס ער דערציילט, זעען מיר אַרויס דעם טיף־איבערצייגטן ייד, וואָס האָט דרייסט און אומדערשראָקן פאַרטיידיקט זיין גלויבן קעגן קעניג און קעגן דעם הויפּט פון דער קריסטלעכער קירכע אין לאַנד.

מיר האָבן שוין דערציילט וועגן כאַראַקטער פון קעניג און וועגן זיין מערק־ווערדיקן אינטערעס פאַר פאַרשידענע פּראָבלעמען. וועלן מיר איצטער צוגעבן נאָך אייניקע כאַראַקטער־שטריכן זיינע, כדי עס זאָל מעגלעך ווערן צו פאַר־שטיין דאָס וויטערדיקע.

דער דראַנג פון קעניג שילפּעריק צו אַ גייסטיק אויסלעבן זיך, איז געווען נישט טיף. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין פעסטן ווילן און איז אויסדויער און איז לייכט מיטגעריסן געוואָרן פון פאַרשידענע איינפאַלן וועלכע זענען געקומען און גיך אָפּגעטרעטן פאַר נייע קאַפּריזן. ער פלעגט זיך אָנצינדן פאַר באַשטימטע אידעען און פלענער און זיי אויך גיך לאָזן פאַלן. אַזוי האָט ער אויך גיך פאַר־

געסן זיין אידעע וועגן אָפּשאַפן די „דריי־איינִיקייט״. אונטער דער ווירקונג פון די קירכלעכע אַנטי־יידישע שטימונגען וואָס האָבן זיך אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן פילן אין יענע טעג, און אפשר אויך באַווירקט דורכן בישאָף, האָט ער אין יאָר 582 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז אַלע יידן פון פּאַריז מוזן זיך שמדן. דער באַפעל האָט אויך געזאָגט:

„אויב עמעצער וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דער דאָזיקער פאַראָרדענונג, וועט מען אים אויסשטעכן די אויגן״ 1).

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די מהומה וואָס דער דאָזיקער ערשטער אַנטי־יידי־שער מלוכה־דעקרעט האָט אַרויסגערופן ביי די יידן אין פּאַריז, וועמענס ריכ־טיקע צאָל איז לײדער אומבאַקאַנט.

דער שמד איז פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון קעניג גופא, וואָס איז פאַר אַ טייל יידן געווען דער טויף־פאָטער. די מאַסנהאַפטע צערעמאָניע האָט אויך בייגעוווינט דער בישאָף גרעגואַר פון טור, ער איז אָבער ווייט נישט געווען צופרידן פון דעם וועג דורך וועלכן די קירכע האָט צובאַקומען פרישע נשמות. ער האָט נישט געגלייבט אין דעם שמד און אין זיין „געשיכטע פון די פראַנקן״ שרייבט ער:

„זיי וואַשן (טויפן) די לייבער, אָבער זייערע נשמות בלייבן אומריין!״...

דער בישאָף דערציילט נישט אין זיין כראָניק, אַז עס זאָלן האָבן פאָרגע־קומען פאַלן פון אויסשטעכן די אויגן צוליב אָפּזאָגן זיך פון שמד און מיר דאַרפן אָננעמען אַז אַלע יידן אין פּאַריז — אויב עס זענען נישט געווען קיין אַנטלאָפענע — אויך וועגן דעם וויסן מיר לײדער גאָרנישט, האָבן זיך אונ־טערגעוואָרפן דעם באַפעל.

עס האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דעם דעקרעט אַלע יידן אַ חוץ איינעם, דער איינער ייד איז געווען פּריסקוס!

ער האָט וויזט אויס, געקענט דעם כוח און איינפלוס זיינעם אויפן קעניג און אָפּגעזאָגט זיך פון אונטערוואַרפן זיך דעם באַפעל. און אפשר איז ער גאָר אין זיין טיפער יידישקייט אויך געווען גרייט צו ברענגען דעם קרבן? צו באַצאָלן מיט זיינע אויגן דעם פּרייז פאַר בלייבן ביים יידישן גלויבן!

---

1) דער אָנזאָג פון דער גרויזאַמער שטראָף אין פאַל פון נישט שמדן זיך איז נישט געווען צוגעטראַכט ספּעציעל פאַר די יידן. דער קעניג פלעגט פון צייט צו צייט זיך באַנוצן מיט דער דאָזיקער דראָאונג, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין באַשטימטע באַפעלן אין וועמענס אויספירונג ס׳איז אים שטאַרק געגאַנגען.

דער קעניג האָט אים געלאָזט אַרעסטירן און געהאַלטן אין טורמע דער־קלערנדיק:

„אויב פריסקוס וויל נישט גלייבן פרייוויליק וועט ער ווערן געצוווּנגען צו גלייבן קעגן זיין אייגענעם ווילן".

ניין, פריסקוס האָט נישט נאָכגעגעבן און שילפעריק האָט זיך נישט גע־קאָנט דעצידירן ווי אַזוי צו האַנדלען. קענענדיק דעם קעניגס גיריקייט צו געלט, האָט פריסקוס אים פאַרגעשלאָגן ווערטפולע מתנות פאַרן פרייז פון באַפרייאונג, דערקלערנדיק דערביי אַז זיינער אַ זון דאַרף בקרוב חתונה האָבן און אויך מיט אַ יידיש קינד. קוים וועט ער זיך טויפן, וועט דער שידוך צע־שטערט ווערן, אַ זאַך וואָס ער וואָלט עס אויף קיין פאַל נישט געוואָלט. ערשט נאָך דער חתונה פון זון וועט ער האָבן אויפגעבונדענע הענט און דאַן.. דאַן וועט ער נאָכקומען דעם קעניגס פאַרלאַנג...

קענענדיק די שוואַכקייט פון קעניגס כאַראַקטער, זיינע שטימונגען וואָס האָבן זיך אָפט געטוישט, האָט פריסקוס, ווייזט אויס, געגלייבט, אַז זיין געיעג נאָך די יידישע נשמות ווי אַ סך אַנדערע קאַפּריזן זיינע וועט גיך פאַרביי און עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן די גזרה. צי האָט שילפעריק געגלייבט אין דער מעשה פון נאָכקומענדיקן שמד איז נישט באַוווּסט. אָבער אויף וויפל די ווירקונג אויף אים פון ייד פריסקוס איז געווען גרויס און די צוגעזאָגטע ווערט־פולע מתנות האָבן געלאָקט, האָט ער לסוף באַפרייט פריסקוסן פון טורמע.

און עס האָט זיך געשאַפן אַן אויסטערלישע סיטואַציע: פריסקוס איז אין יענע טעג געווען דער איינציקער אין פאַריז וואָס האָט געלעבט אָפן און נישט אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט און אויף טריט און שריט זיך געטראָפן מיט זיינע אומגליקלעכע ברידער וואָס אַ טייל פון זיי האָבן אָפּגעהיט יידישקייט באַהאַל־טענערהייט.

דעם דאָזיקן מצב האָט וווּנדערבאַר גוט פאַרשטאַנען דער בישאָף גרעגואַר פון טור, וואָרעם אויף אַ געוויסן אָרט פון זיין כראָניק זאָגט ער וועגן די גע־שמדטע יידן אַז:

„זיי נאַרן אָפּ דעם רבונו של עולם. זיי קערן זיך אום צו זייער אַמאָליקן אומגלויבן, אָפּהיטנדיק גלייכצייטיק דעם שבת און דעם זונטיק".

אַ דאַנק זיין רייכקייט און ווירקונג אויפן באַרבאַרישן קעניג, האָט פריס־קוס געקאָנט לעבן פריי און אָפן ווי אַ ייד, אַ זאַך וואָס האָט געוועקט קנאה און פאַרביטערונג ביי אַ ריי געשמדטע יידן און האָט גורם געווען אין זעלבן יאָר 582 צו אַ בלוטיקער דראַמע צווישן די יידן גופא, בעת וועלכער פריסקוס איז געפאַלן אַ קרבן.

געשווינט דורכן דעספּאָטישן מלך, איז ער אומגעקומען פון די הענט פון אַ משומד, אַ געוויסן פּאַטיר, וועלכער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דאָס מזל פון פּריסקוסן צו לעבן פריי ווי אַ ייד: ער איז אים באַפאַלן אין אַ שבתדיקן טאָג, ווען פּריסקוס האָט נישט געטראָגן מיט זיך קיין געווער אויף זיך צו באַשיצן און אים דערהרגעט.

אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן משומד פּאַטיר איז, אַז ער איז געקומען קיין פּאַריז פון בורגונדיע און אַז זיין טויף־פּאָטער איז געווען דער מלך שילפּעריק גופא. ער איז וואָרשיינלעך נישט געווען קיין אָרעמאַן, וואָרעם ער האָט פּאַר־מאָגט שקלאַפן וועלכע ער האָט מיטגענומען מיט זיך, כדי זיי זאָלן אים העלפן איבערפאַלן פּריסקוסן, וואָס איז געווען אין דער געזעלשאַפט פון אייניקע געשמדטע יידן. פּריסקוס און זיינע מענטשן זענען וואָרשיינלעך געקומען פון אַ געהיים דאַווענען, וואָרעם אַלע האָבן זיי אונטער די מלבושים געטראָגן אויף זיך טליתים.

דער דאָזיקער מאָרד, אויסגעפירט דורכן משומד פּאַטיר איבער פּריסקוסן און זיינע באַגלייטער, איז פאָרגעקומען נאָענט פון דער קירכע „סען זשיליען לע פּאָוור״. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז דער אומגעקומענער פּריסקוס איז צוליב זיין נאָענטקייט צום קעניג און זיין פּאָזיציע געווען באַקאַנט ביי די פּאַ־ריזער איינוווינער און זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די מערדער. פּאַטיר מיט זיינע שקלאַפן זענען אַריין אין דער קליינער קירכע אין וועלכער זיי האָבן געגלייבט צו געניסן פון אַזילרעכט, וואָס אַזאַ אָרט האָט געגעבן פאַרפאָלגטע.

דער עולם האָט באַלאַגערט די קירכע און געזוכט אָנצוגרייפן די מערדער וואָס זענען אַלע מיט אַן אויסנאַם פון איינעם, אומגעקומען אין דער קירכע גופא און דער לעצטער וואָס איז געווען געצווונגען אַרויסצוקומען איז אומגע־קומען אין דרויסן. דער איינציקער אויסנעם איז געווען דער הויפּט־שולדיקער, דער משומד פּאַטיר, וועמען ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן. ס׳איז פאַראַן אויך אַ ווערסיע, אַז שליחים פון קעניג, זאָלן אים האָבן אַרויסגעגנבעט פון דער קירכע און ער איז אַוועק קיין בורגונדיע, ווו ער האָט געגלייבט זיך אויסצו־באַהאַלטן. קרובים פון אומגעקומענעם פּריסקוס האָבן אים אויסגעפונען און דערהרגעט.

וועגן דער פּערזענלעכקייט פון ייד פּריסקוס איז וויכטיק צו דערציילן אַז צווישן 4־טן און 6־טן י״ה באַגעגענען מיר אייניקע מאָל דעם נאָמען פּריסקוס. נאָך דעם ווי די רוימער האָבן פאַרלאָזט דאָס גאַלן־לאַנד, האָט זייער קולטור־איינפלוס נאָך לאַנג אָנגעהאַלטן און ממילא אויך אויפן געביט פון רופן זיך מיט לאַטייניש נעמען. ריין יידישע נעמען האָבן, מיט זעלטענע אויסנעמען,

זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן ערשט נאָכן 10־טן י״ה. דערפֿאַר טרעפֿן מיר אָן די לאַטייִנישע נעמען פּריסקוס און פּאַטיר ביי פּאַריזער יידן פון 6־טן י״ה. וואָס ס׳איז אָבער ביז גאָר אינטערעסאַנט און אינטריגירנדיק איז די עקסיסטענץ פון אַ בישאָף מיטן נאָמען פּריסקוס. ער האָט געלעבט אין ליאָן אין יאָר 555, ד״ה בערך אין דער זעלבער צייט, ווען אַ געוויסער פּריסקוס האָט אין שאַלאָן סיר סאָן געשמאָלצן מטבעות פאַרן קעניג קלאָטאַר.

ווען דער מאָנאָטעאיזם האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין לאַנד אַריין סיי דורך די קריסטלעכע מיסיאָנערן, סיי דורך דער ווירקונג פון יידישע הענד־לער, וועלכע האָבן אַדורכגעקרייצט דאָס לאַנד אין אַלע ריכטונגען, זענען פאָרגעקומען אַ מאַסע פאַלן פון אַריבערגיין צום יידישן גלויבן. ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין דער טיפער באַוווסטזיניקייט פון ייד פּריסקוס, וועגן זיין אופן פון אַרגומענטירן און זוכן צו באַווייזן די נישט־אויסגעהאַלטנקייט פון די קריסטלעכע דאָגמעס, ד״ה זיין קענען די קריסטלעכע פונקט אַזוי ווי די יידישע רעליגיע, שווימט אויף נישט ווילנדיק די פראַגע:

איז נישט אַ מאָל פּריסקוס, דער בישאָף פון ליאָן, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען אין יאָר 555 און וועגן וועמען עס זענען נישט פאַראַן קיין שום קלאָרע ידיעות און פּריסקוס פון שאַלאָן סיר סאָן די זעלבע פּערזאָן וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען אין יאָר 582 אין פּאַריז?...

ווער איז בכוח אַריינצודרינגען אין די טונקלקייט פון די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט אַזוי פיל יאָרהונדערטער צוריק אין שייכות מיט די ערשטע געשיכטלעכע ידיעות וועגן יידן אין פּאַריז און מיט דער בלוטיקער דראַמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין און אַרום די מויערן פון אַמאָליקן טעמפּל, אויפן אָרט ווו מיר זעען היינט צו טאָג די קליינע אַלטע קירכע „סען זשילען לע פּאָוור״? אפשר האָט אָט די קירכע איינגעהיט אין אירע מויערן שטיינער, וואָס האָבן צוגעזען די פאָרגעקומענע דראַמע פון די פּאַריזער יידן, סוף פון 6־טן י״ה?

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

12, 36, 41, 51, 61, 63, 85, 89, 100 105, 109, 118, 120, 135.

3.

דער פאָנטאַן פון „די אומשולדיקע"

האָרט ביי די געוועזענע פּאַריזער שפּייזהאַלעס, אינעם ווינקל, וואָס נעמט אַרום די קאָכעדיקע גאַסן סען דעני און בערזשע, זעען מיר אַ קליין גערטנדל, אין וועמענס צענטער עס געפינט זיך איינער פון די סאַמע שענסטע פּאַריזער פאָנטאַנען: דער „פאָנטאַן פון די אומשולדיקע".

מיר געפינען זיך דאָ אין אַ זייער אַלטן פּאַריזער קוואַרטאַל, וועמענס גרויסע טיילן האָלטן ביים אָפּגערוימט ווערן. דער שיינער פאָנטאַן אין גערטנדל דעקאָרירט מיט שניצערייען פון קינסטלער זשאַן גוזשאָן איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן נאָך אין 16־טן י"ה.

אָבער דער נאָמען „די אומשולדיקע", וועלכן עס טראָגט דער פאָנטאַן און דאָס גערטנדל און אויך אַ דערנעבנדיק קליין געסל, לענג אויס דעם סקווער, דערציילט וועגן דעם אפשר סאַמע ערשטן בלוט־בלבול וואָס איז פאָרגעקומען אין לאַנד און זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַריז, אין 12־טן י"ה בעת וועלכן ס'איז דאָ פאַרגאָסן געוואָרן אַ סך יידיש בלוט.

נאָך פון די גאָר אַלטע צייטן האָבן זיך אויף דעם דאָזיקן אָרט, ווו עס געפינט זיך דאָס גערטנדל, אָנגעהויבן צו באַווייזן קברים, ביז עס איז דאָ געוואָרן אַ גאָר גרויסער בית עולם, וואָס איז איינגעקריצט אין דער געשיכטע פון פּאַריז, צוליב אַ ריי אויסטערלישע געשעענישן וועלכע האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט.

אין 12־טן י"ה האָט זיך דאָ געפונען אַ קליינע קירכע וואָס האָט באַדינט דעם בית־עולם און האָט געטראָגן דעם נאָמען סען מישעל; אָבער אונטער דער הערשאַפט פון קעניג פיליפּ־אויגוסט האָט מען אויף דעם אָרט פון דער קליינער קירכע, אויפגעבויט אַ גרעסערע, וועלכע מען האָט געווידמעט „די הייליקע אומשולדיקע" און מיטן זעלבן נאָמען האָט מען אויך אָנגעהויבן צו רופן דאָס בית עולם, וואָס האָט פון מאָל צו מאָל גענומען שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין דער געשיכטע פון פּאַריז און איז אָפּגערוימט געוואָרן ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. 1)

---

1) די קירכע געווידמעט „די הייליקע אומשולדיקע" זאָל מען האָבן געבויט פאַרן געלט וואָס פיליפּ־אויגוסט האָט צוגענומען ביי די יידן, קאָנפיסקירנדיק אין יאָר 1182 דאָס יידישע פאַרמעגן. זע דאָס קאַפּיטל „די יידישע מאָמענטן פון דער פּאַריזער קאַטעדראַלע נאָטרע־דאַם".

דער אָנדענק פון אַלטן בית עולם איז געווען אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אינעם זכרון פון די פּאַריזער איינוווינער, אַז דאָס גערטנדל וואָס געפינט זיך אויף דעם זעלבן אָרט, איז ביים גרינדן עס, אין יאָר 1859, אָנגערופן געוואָרן מיטן זעלבן נאָמען און ווי שוין אָנגעוויזן, איז דער פאַנטאַן דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיט פיר הונדערט יאָר צוריק און ער געדענקט נאָך די עקסיסטענץ פון אַמאָליקן בית עולם.

פאַר וואָס איז דער בית עולם און די קירכע וואָס האָבן זיך דאָ אַ מאָל געפונען, אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „די הייליקע אומשולדיקע״?

אַזוי באַצייכנט מען ביי די קריסטן די אומגעקומענע יינגלעך פון בית־לחם, וועלכע זענען אומשולדיק אויסגעהרגעט געוואָרן דורכן חיל פון מלך הורדוס, ווי עס ווערט דערציילט אין דער עוואַנגעליע פון מתי. די קירכע און דער בית עולם זאָלן האָבן באַקומען דעם דאָזיקן נאָמען, אין שייכות מיטן ברענגען דאָ צו קבורה אַ קריסטלעך יינגל רישאַרד (ריכאַרד), וועגן וועלכן עס איז דערציילט געוואָרן, אַז ער איז אומגעקומען, אַ דערהרגעטער (געקרייציקט...) דורך די יידן, צוליב רעליגיעזע טעמים!...

אוודאי ווערט אויך אָנגעגעבן דאָס יאָר ווען די יידן זאָלן אים האָבן אומגעברענגט, אָבער די כראָניקערס וועלכע דערציילן וועגן דער געשעעניש זענען ווייט נישט איינשטימיק בנוגע דער דאַטע: מען גיט אָן די יאָרן 1158, 1159, 1163, 1171, 1173, 1179 און 1180.

אויך די ידיעות וועלכע עס ברענגען די אַלטע כראָניקערס וועגן אָרט גופא פון מאָרד, זענען פאַרשידן: אַזוי למשל ווערט דערציילט, אַז דאָס יינגל רישאַרד איז דערהרגעט געוואָרן אין שטעטל פּאָנטואַז און איז געברענגט געוואָרן צו קבורה אין פּאַריז, לויט אַנדערע ווידער מחברים, זאָלן די יידן האָבן אויסגעפירט דעם מאָרד אין פּאַריז גופא.

די באַשולדיקונג אין האָבן אומגעברענגט דאָס יינגל רישאַרד צוליב ריטועלע טעמים איז פאַרגעקומען אין די טעג פון די אָנגייענדיקע קרייץ־צוגן, אין אַ צייט וואָס האָט גורם געווען אַ געוואַלדיקע שנאה צו יידן, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו באַשולדיקן אין אַל דאָס ביז.

אין יאָר 1144 אָדער 1146 איז אין ענגלאַנד, אין נאָרוויטש, געבוירן געוואָרן דער ערשטער בלוט־בילבול אויף יידן, וואָס האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער אַלע קריסטלעכע לענדער און די מעשה מיטן יינגל רישאַרד איז אפשר געווען דער סאַמע ערשטער בילבול דאָ אין לאַנד, וואָס האָט קודם כל שווער געטראָפן די יידן פון פּאָנטואַז און פּאַריז.

געפינען אַ דערמאָרדעטן איז אין יענער ווייטער צייט געווען אַ געוויינלעכע

און אפילו אָפּטע דערשיינונג. אַרויפּוואַרפן די שולד אויף די „גאָטמערדער" איז נישט נאָר געווען „נאָרמאַל", נאָר אפילו אויך געוואונטשן. עס איז געווען גענוג, אַז עס זאָל זיך בלויז פֿאַרשפּרייטן אַ קלאַנג וועגן אַ כלומרשט געפֿונענעם „דורך די יידן" דערהרגעטן קריסט אָדער קריסטלעך קינד, אַז מען זאָל גלייך אָנהייבן איבערפֿאַלן יידן, זיי פּאָגראָמירן, באַרויבן און הרגענען. האָט טאַקע די ידיעה וועגן יינגל רישאַרד, דערמאָרדעט „פֿאַרשטייט זיך" צוליב ריטועלע טעמים, פּראָוואָצירט פּאָגראָמען אויף די יידן פֿון פּאַריז, פּאָנטואַז און אַנדערע ערטער און געוויסע כראָניקערס דערציילן, אַז 80 יידישע נפשות זאָלן צוליב דעם בילבול, האָבן אומגעקומען אין פֿייער.

צוליב דעם פֿעלן פֿון ידיעות וועגן דעם געשעענעם און דער נישט־קלאָרקייט וועגן יאָר פֿון פֿאָרגעקומענעם בילבול אויף די יידן פֿון פּאַריז (און פּאָנטואַז), איז שווער צו וויסן, צי דאָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַר דעם יאָר 1171, דאָס יאָר פֿון בלוט־בילבול אויף די יידן אין בלואַ, וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער ערשטער בילבול אין פֿראַנקרייך פֿון דעם מין, צי שפּעטער.

מיר וועלן אוודאי אויך נישט וויסן דעם אמת, וואָס איז נוגע דעם יינגל רישאַרד, וועמען מען האָט קובר געווען אויפֿן בית עולם פֿון „די הייליקע אומ־שולדיקע".

די געשיכטע מיטן יינגל רישאַרד האָט אַ לאַנגע צייט נישט צו רו געלאָזט די פּאַריזער איינוווינער, וואָרעם מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן נסים, וועלכע געשעען ביים קבר פֿון „קדוש". דער גלויבן אין די אַלע מעשיות איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין 15־טן י"ה ווען די ענגלענדער האָבן באַלעבאַטעוועט אין פּאַריז, זאָלן זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ טייל פֿון דעם יינגלס קערפּער און עס אַוועקגעפֿירט אין זייער היימלאַנד.

דער בית עולם פֿון „די הייליקע אומשולדיקע", וואָס איז ערב דער פֿראַנ־צויזישער רעוואָלוציע געווען דער גרעסטער אין דער שטאָט און פֿון וועלכן עס האָבן זיך דאַן געטראָגן שרעקלעכע ריחות, איז צוזאַמען מיט דער אַלטער קירכע, ליקווידירט געוואָרן אין יאָר 1786. 1)

---

1) ש. דובנאָוו, בעת ער דערמאָנט אין זיין „וועלט־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק", באַנד 4 זייט 223, די מעשה מיטן יינגל רישאַרד, גיט ער אָן, אַז די אַלטע קירכע איז געווען געווידמעט אַ הייליקן אינאָקענטיוס. „אינאָקענטיוס" מיינט טאַקע אומשולד. גאַנצע 13 פֿויפֿסטן האָבן געהייסן מיטן זעלבן נאָמען. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן דער אַלטער קירכע, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דעם בית עולם איז זי געווען געווידמעט נישט עפּעס אַ קריסטלעכן צדיק, נאָר טאַקע די אומשולדיקע אויסגעהרגעטע יינגלעך פֿון בית לחם. אַנרופֿנדיק די קירכע און דעם בית עולם מיטן דאָזיקן נאָמען איז אויך געמיינט געוואָרן דאָס יינגל רישאַרד, ווי אַן אומשולדיק אומגעבראַכטער דורך די יידן.

די געשיכטע פון פּאַריז און די פראַנצויזישע ליטעראַטור האָבן קאָנסערווירט אַ סך ביז גאָר אינטערעסאַנטע בלעטער וועגן דעם בית־עולם. אָבער אויך די געשיכטע פון יידן אין פּאַריז האָט, ווי מיר זעען עס, פאַרצייכנט טראַגישע איבערלעבונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם אָרט, וועגן וואָס עס דערציילט דער נאָמען פון גערטנדל און זיין פּרעכטיקער פאָנטאַן וואָס באַצירט ביז היינט דעם דאָזיקן אַלטן פּאַריזער קוואַרטאַל (קלישע נומ. 3).

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

12, 32, 36, 41, 49, 62, 63, 109, 112, 114, 135.

קלישע נומער 3

דער פאָנטאַן פון „די אומשולדיקע״. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

4.

דער שאַנד־סלופּ ביי די פּאַריזער שפּייז־האַלעס

צווישן די ערטער אין פּאַריז, וועלכע זענען אין מיטלעלטער באַווינט געווען דורך יידן טרעפן מיר דעם נאָמען שאַמפּאָ. אַזוי באַצייכנט מען דעם קוואַרטאַל, ווו עס האָבן זיך ביז לעצטנס געפונען די פּאַריזער שפּייז־האַלעס.

אָנהייב 12־טן י״ה איז די דאָזיקע געגנט נאָך נישט געווען באַווינט. צוליבן וווקס פון דער באַפעלקערונג האָט מען זיך געניייטיקט אין אַ פרישן האַנדלס־צענטער און מען האָט דאָ אין יאָר 1137, אונטער דער הערשאַפט פון קעניג לואי דעם 6־טן, געגרינדעט אַ נייעם מאַרק און אַ גרויסע צאָל הענדלער וואָס זענען דאָ געווען טעטיק, דערונטער אויך יידן, האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן צו באַזעצן.

אויב עס זענען פאַראַן ידיעות וועגן דער אַקטיוויטעט און לעבן פון די פּאַריזער יידן, וואָס האָבן אין יענע ווייטע יאָרן געווינט אין אַנדערע שטאָט־צענטערן (אויפן אינדזל סיטע און אויף דער לינקער זייט פון טייך) ווייסט מען כמעט גאָרנישט וועגן לעבן פון די יידן אין שאַמפּאָ־קוואַרטאַל און דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס דער מצב זייערער האָט זיך צוליב די דויערנדיקע קרייץ־צוגן כסדר פאַרערגערט און די יידן וואָס זענען דאָ געווען טעטיק האָבן וואַר־שיינלעך זיך געפילט זיכערער אין די אַלט איינגעזעסענע קוואַרטאַלן און דאָרט געבליבן ווינען.

לויט דעם היסטאָריקער פון 17־טן י״ה סאָוואַל, זאָלן די יידן דאָ יאָ האָבן געווינט אַ לענגערע צייט. עס האָט דאָ אפילו אויך עקסיסטירט אַ „יידן־גאַס״, וואָס עס איז, לויט דעם זעלבן היסטאָריקער זייער אינטערעסאַנט, איז זיין באַ־הויפּטן, אַז די יידן האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט האַנטווערקעריי. מסתמא האָבן זיי דאָ אויך פאַרקויפט סחורות פון אייגענער אויסאַרבעטונג.

ס׳איז אָן ספק, דאָס אויב יידן האָבן געווינט אין שאַמפּאָ־קוואַרטאַל, איז זייער צאָל דאָ זיכער געווען זייער קליין; אין קעגנטייל וואָלטן איבערגעבליבן באַ־שטימטע שפּורן. אויב מיר האָבן נישט קיין ידיעות וועגן עפּעס אַ שול, וואָלטן מיר אָבער געהאַט שפּורן פון אַ בית־עולם, פון מצבות, ווי ס׳זענען עס פאַרבליבן פון אַנדערע פּאַריזער ערטער אין וועלכע יידן האָבן געלעבט.

דער מאַרק אין דער שאַמפּאָ־געגנט האָט עקסיסטירט אין זיין ערשטער פאָרעם, נישט קיין גאַנצע פופציק יאָר. אין יאָר 1183 איז אַריינגעקומען אַן ענדע־רונג וואָס האָט איבערגעלאָזט שפּורן כמעט ביז אין אונדזערע טעג.

אין יענעם יאָר האָט אין פראַנקרייך געהערשט דער יונגער קעניג פיליפּ־אויגוסט, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעטריבן די יידן פון לאַנד און צוגע־רויבט זייער גאַנץ אומבאַוועגלעך פאַרמעגן. דער מלך האָט געטראַכט מכוח פרישע הכנסות אויפן אָרט פון די שטייערן וועלכע ער פלעגט אויספּרעסן פון די יידן. ער שטעלט זיך דאַן אָפּ אויף דעם שאַמפּאָ־מאַרק און פאַר אַ טייל פון דעם אַריינ־באַקומענעם יידישן געלט, לאָזט ער אויסבויען צוויי גרויסע האַלעס אין וועלכע די הענדלער וועלן קענען האַלטן זייערע סחורות, וואָס וועלן דאָרט זיין באַשיצט פון רעגן און בכלל פון שלעכטן וועטער. דער קעניג לאָזט די האַלעס אַרומצוימען מיט אַ מויער, וואָס ווערט ביי נאַכט געשלאָסן. אַזוי אַרום, אַנטשטייען סוף 12־טן י״ה די פּאַריזער האַלעס.

די ניי־אויפגעבויטע פּאַוויליאָנען ווערן דאַן גערופן „דעם קעניגס יאַריד״.

דאָס צוגערויבטע יידישע פאַרמעגן האָט אָבער נישט געסטאַיעט אויף לאַנג. די מלוכה־קאַסע האָט זיך גענייטיקט אין אַ סך געלט און זעכצן יאָר שפּעטער עפנט פיליפּ־אויגוסט צוריק אויף דאָס לאַנד און די שטאָט פּאַריז פאַר די יידן. אויספּרעסנדיק פון זיי פאַר דעם חסד אַ פרישע געלט־סומע.

און יידן האַנדלען ווידער אַ מאָל אויף דעם קעניגלעכן מאַרק אין שאַמפּאָ־קוואַרטאַל, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן. יעדער קעניג לאָזט צובויען פרישע פּאַוויליאָנען און אַזוי ווי מען דאַרף אָפּט מאָל אויך באַשטראָפן דעם קעניגס אונטערטאַנען פאַר באַגאַנגענע זינד, ווי געבן אַ פאַלשע וואָג, באַנקראָט, פאַלש עדות־זאָגן אאַ״וו האָט מען דאָ, אין 13־טן י״ה אויפגעבויט — ווי עס האָט זיך דאַן געפירט — אַ שאַנדסלופּ, וואָס האָט זיך געפונען אין דער היינטיקער ראַמביטאָ־גאַס, אַנטקעגן דעם דרום־טויער פון דער, אין 15־טן י״ה אויפגע־בויטער קירכע סענט עסטאַש.

דער שאַנדסלופּ איז דאָ אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן דערפאַר, ווייל דאָס אָרט האָט בכלל אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אינעם לעבן פון דער שטאָט. דאָ האָבן זיך דאַן שוין צונויפגעטראָפן די היינטיקע גאַסן מאָנטמאַרטר, מאָנטאָרגוי און אויך פּירועט, אַ געסל פון וועלכן עס איז היינט צו טאָג פאַרבליבן סך־הכל נאָר איין און איינציק הויז. דאָס אָרט וווּ עס קומען זיך צונויף די דריי דערמאָנטע גאַסן פאָרמירן אַ שפּיץ און זענען זינט דעם 15־טן י״ה באַקאַנט געווען אין פּאַריז, אַלס דער „סענט עסטאַש־פּונקט״.

פונקט ווי דער יאַריד, איז אויך דער שאַנדסלופּ געראופן געוואָרן „פּילאָרי די רואַ״; ער איז געווען געבויט אין דער פּאָרעם פון אַ רונדיקן טורעם, איין עטאַזש די הויך. אונטן האָט זיך געפונען אַ שטוב אין וועלכער עס האָט געוווינט דער תליון. ער פלעגט אויספירן פאַרשידענע אורטיילן, ווי שמייסן, אָפּהאַקן הענט און אַנדערע באַשטראָפונגען. (ביז אַ געוויסער צייט, פלעגט מען דאָ אויך אויס־פירן טויטאורטיילן). די אייבערשטע טייל פון פּילאָרי איז געווען געבויט אין אַ זעקס־קאַנטיקער פאָרעם, מיט גרויסע אָפענע „פענצטער״ אין וועלכע מען פלעגט אַריינשטעלן די פאַרמשפטע. דער פּילאָרי האָט פאַרמאָגט צוויי אייזערנע רייפן. איינעם אונטן אין וועלכן מען פלעגט איינשליסן די פיס פון די אויסגעשטעלטע צום שאַנדסלופּ און איין רייף אויבן, אין וועלכן מען פלעגט איינשליסן די העלדזער זייערע. ביידע רייפן האָבן זיך באַוויגן אויף אַן אַקס און האָבן פון צייט צו צייט זיך איבערגערוקט, אַזוי אַז אין רעזולטאַט פון אַן אַדורכגעפירטן פירועט, איז דער איינגעשלאָסענער נישט פאַרבליבן אויפן זעלבן אָרט; זיין פּאָזיציע האָט זיך כסדר געטוישט און דער עולם וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פּילאָרי, האָט אַזוי אַרום געזען אַלע אויסגעשטעלטע „אויף שאַנד און שפּאָט״. (קלישע נומער 4).

דאָס קאַפּיטל פון קעניגלעכן שאַנדסלופּ וואָס איז געשטאַנען ביי די שפּייז־האַלעס ביז ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1786) איז פול מיט מענטש־לעכע ליידן; עס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט אַ סך שוידערלעכע סצענעס און איינע פון זיי, איז געווען אַ געשעעניש מיט זעקס פּאַריזער יידן, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1394, האַרט ערב דעם לעצטן, „ענדגילטיקן״ אַרויסטרייבן די יידן פון לאַנד.

צווישן די יאָרן 1380 און 1394 זענען אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ ריי איבער־פאַלן און פּאָגראָמען אויף יידן. עס פלעגט נישט איין מאָל טרעפן, אַז געפינענדיק זיך אין אַ געפאַר אומצוקומען, האָבן יחידים זיך געלאָזט אָפּשמדן. ס׳איז ווייט נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַזוי זאָל אויך האָבן געשען מיט אַ פּאַריזער ייד דעניס דע מאַשאַ, וואָס איז אין מאָמענט פון טויטגעפאַר איינגעגאַנגען אויף שמד.

וואָס עס איז פאָרגעקומען אין האַרצן פון משומד וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, שוין קיין מאָל נישט וויסן; אָבער דערזעענדיק זיך פּלוצעם אַלס קריסט, האָט ער באַשלאָסן אַזאַ צו פאַרבלייבן, כדי עס זאָל אַ סוף נעמען צו זיינע צרות ווי אַ ייד.

דעניס דע מאַשאַ האָט אָבער געהאַט אַ פרוי מיט פינף קינדער, וואָס אַלע זענען זיי פאַרבליבן יידן. ס׳איז אָנצונעמען, אַז דער משומד האָט פּרובירט ווירקן אויף זיין פרוי ליאָן דע קרעמי, אַז אויך זי מיט די קינדער זאָלן זיך שמדן, כדי

קלישע נומער 4



(Bib. Nationale)

דער שאַנדסלופּ ביי די האַלעס. (צייכענונג פון 17־טן י״ה).

צוריק אויפצושטעלן די צעבראָכענע היים. האָט אָבער די פרוי זײַנע אויף קיין פֿאַל נישט געוואָלט באַגיין אַזאַ שריט און מיט אַלע כּוחות איך געזוכט אָפּצו־היטן אירע קינדער פֿון אַריבערגיין צום קריסטנטום.

און דעניס דע מאַשאַ, וואָס האָט, ווייזט אויס, ליב געהאַט זײַנע קינדער, האָט זיך דעצידירט אויף אַן אויסערגעוויינלעכן שריט: ער האָט פֿאַרפֿירט אַ משפּט קעגן זײַן ייִדישער פֿרוי, אויף אַרויסצובאַקומען לעגאַל די קינדער זײַנע, וועלכע ער וואָלט פֿאַרשטייט זיך געלאָזט אָפּשמדן.

דאָס פּראָצעסירן זיך פֿון געשמדטן דעניס דע מאַשאַ מיט זײַן ייִדישער פֿרוי וועגן דעם גורל פֿון זייערע קינדער, איז אין יענע טעג פֿון טראַגיש־ייִדישן מצב פֿון רעכטלאָזיקייט און הפקרות, געווען אַן אויסטערליש געשעעניש וואָס איז פֿאַרבליבן איינציק אין די אַנגאַלן פֿון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע און ייִדישער דראַמע אין מיטלעלטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער שטרייט צווישן דעם געשמדטן און זײַן ייִדישער פֿרוי האָט צוגעצויגן אַ גאַר גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט און געהאַלטן געשפּאַנט די דעמאָלטיקע קריסטלעכע געזעלשאַפֿט. ספּעציעל האָט זיך אַרום דעם ענין געטומלט אין פּאַריז, צוליב וואָס די פּערזאָן פֿון משומד איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.

און פּלוצעם איז דעניס דע מאַשאַ נעלם געוואָרן! פֿאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַרײַן. ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט עקסיסטירט! אַלע זוכענישן זענען געווען אומזיסט.

ס'איז מעגלעך אַז אין גאַנג פֿון פּראָצעס, האָט דער משומד חרטה באַקומען אויף זײַן שמד און אויף זײַן האַנדלונג און אַזוי ווי קיין וועג אויף צוריק צום ייִדנטום איז מער נישט געווען — אַזאַ זאַך האָט געדראָט מיט אומקומען אויפֿן שייטער־הויפֿן — איז ער אַוועק אין אַ ווײַט אָרט און זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ, וווּ מען האָט אים נישט געקענט, כּדי זײַנע קינדער זאָלן בלײַבן ייִדן און אַז ער גופֿא זאָל קאָנען לעבן ווי אַ ייִד. אַזאַלכע זאַכן פֿלעגן דאַן געשען. אָבער דאָס פֿאַרשווינדן ווערן פֿון דעניס דע מאַשאַ איז אַזוי אויסגעטײַטשט געוואָרן: די ייִדן באַהאַלטן אים ערגעץ אויס, כּדי ער זאָל צוריק אַריבערגיין צום ייִדנטום, אָדער זיי האָבן אים דערהרגעט.

אין רעזולטאַט פֿון דעם חשד, זענען אַרעסטירט געוואָרן זעקס (אָדער זיבן) פֿון די סאַמע בכבודיקסטע ייִדן פֿון פּאַריז, דער שטאָט־עלטסטער האָט פֿאַראָרדנט אַז די אַרעסטירטע זאָלן אומקומען אין פֿייער. דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דאָס געריכט און אַנולירט דעם טויטאורטייל, אַרויסטראָגנדיק אַ נישט ווייניקער דראַקאָנישן משפּט: דאָס געריכט האָט פֿאַראָרדנט, אַז די אַרעסטירטע ייִדן זאָלן אין פֿאַרלויף פֿון דריי שבתים געשמיסן ווערן עפֿנטלעך; דאָס שמייסן האָט געדאַרפֿט

פאַרקומען אין דריי פאַרשידענע שטאָט־קוואַרטאַלן און נאָכן שמייסן זאָלן זיי אויסגעשטעלט ווערן ביי איינעם פון די דריי פּילאָריס, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין פּאַריז.

דאָס ערשטע שמייסן פון די אומגליקלעכע, האָט דער תליון אַדורכגעפירט דעם 6־טן אַפּריל 1394 און פאַרגעקומען איז די עקזעקוציע טאַקע ביים קעניגלעכן פּילאָרי, וואָס האָט זיך געפונען ביי די פּאַריזער שפּייז־האַלעס. 1)

דאָס שמייסן די יידן איז אַדורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן אַז דער פאַרטרעטער פון געריכט האָט בפירוש איינגעשריבן אין געריכט־רעגיסטער, אַז „דאָס שמייסן פון די יידן איז געווען איבערגעטריבן און זייער גרויזאַם" און דאָס ווייטערדיקע שמייסן איז געוואָרן אָפּגעשטעלט און פאַרביטן אויף אַ גאַר גרויסער געלטשטראָף: צען טויזנט פונט. עס ווערט אויך אויסגערעכנט די סומע פון אַכצן טויזנט פונט.

ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס אָפּשטעלן דאָס גרויזאַמע שמייסן איז געטאָן געוואָרן אויס מורא אַז די יידן זאָלן נישט אומקומען ביים פּייניקן זיי, דאָס וואָלט געווען אַ שטער אויף אַרויסצובאַקומען פון זיי דאָס געלט... ס'איז אויך מעגלעך, אַז דער געדאַנק וועגן אויספּרעסן פון זיי וואָס מער געלט, איז געווען פאַרטראַכט פון דער ערשטער רגע אָן.

מיר קאָנען פאַרשטיין דעם חשד וועלכן מען האָט געהאַט אויף די פּאַריזער יידן אין אויסבאַהאַלטן דעם משומד דעניס דע מאַשאַ, כדי ער זאָל אויף דאָס ניי לעבן ווי אַ ייד און אויף אָפּצוראַטעווען זיינע פינף קינדער פון שמד; אָבער דער ווילקירלעכער אורטייל אומצוברענגען די זעקס (אָדער זיבן) פּאַריזער יידן אויפן שייטער־הויפן, וואָס איז פאַרביטן געוואָרן אויף דעם טראַגישעפנטלעכן שמייסן, איז אין דער אמתן געווען אַ ציניש־אוממענטשלעכע האַנדלונג. זי האָט געהאַט נאָר איין ציל: אויסצופּרעסן פון די שוצלאָזע יידן די גרויסע געלט־סומע אין וועלכע די שטאָט האָט זיך דאַן גענייטיקט, כדי צוריק אויפצובויען די דעמאָלט איינגעפאַלענע „קליינע בריק", די איינציקע צו פאַרבינדן דעם אינדזל סיטע מיטן לינקן ברעג וואָס געפינט זיך צווישן די גאַסן לאַ סיטע און פּעטי פּאָן. (קלישע נומער 5).

די דראַמע פון שמייסן די יידן איז געווען די לעצטע טראַגישע געשעעניש פון פּאַריזער יידנטום פאַרן ענדגילטיקן אַרויסטרייבן זיי פון דער שטאָט און פון לאַנד, וואָס איז פאַרגעקומען אייניקע חדשים שפּעטער.

---

1) בעת זייער גרינדונג האָבן די פּאַריזער האַלעס נישט איינגעשלאָסן אין זיך קיין לעבנסמיטל. ערשט שפּעטער זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן נאָר אין אַ מאַרק פאַר שפּייז.

קלישע נומער 5



די קליינע בריק. (פאָטאָ : לעאָן אַפּעלבוים).

מיר האָבן פריער דערמאָנט די רי פּירועט וועלכע „עקסיסטירט״ ביז היינט צו טאָג און פון וועלכער מען האָט, ביים צעשטערן זי אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י״ה בכיוון איבערגעלאָזט נאָר איין און איינציק הויז, וואָס טראָגט דעם נומער 3. די רי פּירועט וואָט האָט זיך דאָ געפונען נאָך אין מיטל־עלטער, איז וואַרשיינלעך אַזוי אָנגערופן געוואָרן, צוליבן פּירועט וואָס עס פלעגן מאַכן די אייזערנע רייפן פון פּילאָרי, כדי צו טוישן דעם פּלאַץ פון די אויסגעשטעלטע ביים שאַנדסלופּ.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

1, 12, 32, 36, 49, 57, 62, 63, 95, 96, 109, 124, 127, 135.

5.

די יידישע מאָמענטן פון דער פּאַריזער קאַטעדראַלע „נאָטרע־דאַם"

צווישן די פּאַרשידענע פּאַריזער מאָנומענטן איז די „נאָטרע־דאַם" אָן ספק, איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע. ס'איז אַ בנין, וואָס האָט שוין איבער אַכט הונדערט יאָר.

די קאַטעדראַלע האָט צו דערציילן אַ ביז גאָר רייכע געשיכטע וועגן רעלי־גיעזע, מלוכיש־פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע געשעענישן פון גרויסער וויכטיקייט פאַרן פראַנצויזישן פאָלק, אָבער אויך פאַר יידן.

דאָס 12־טע י"ה, ווען ס'איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער נאָטרע־דאַם, איז געווען אַ צייט, ווען דאָס קריסטנטום האָט זיך דערפילט ביז גאָר מעכטיק און זיך געפונען אין העכסטן אויפבלי אין אייראָפּע. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אונטערגענומענע מלחמות, די טרויעריק באַרימטע קרייץ־צוגן, כדי אָפּצונעמען ביי דער מוסולמענישער וועלט די הייליקע ערטער אין פּאַלעסטינע, דאָס לאַנד אין וועלכן עס האָט געלעבט ישו.

צוליב דער אָנגייענדיקער לאַנגער מלחמה און שוועריקייטן אויף צו פאַר־כאַפּן און איינצוהאַלטן די הייליקע ערטער אין ארץ ישראל האָבן די אייראָפּע־איש־קריסטלעכע פעלקער און גאָר ספּעציעל דאָס פראַנצויזישע פאָלק זיך געפונען אין אַ רעליגיעז־עקזאַלטירטן צושטאַנד. דאָס האָט באַווירקט אַלע גע־ביטן פון דעמאָלטיקן פאָלקס־לעבן און האָט אין דער אַרכיטעקטור אַרויסגערופן די אַנטשטייאונג פון אַ נייעם סטיל, די גאָטיק. 1)

די דערפילטע מאַכט און דער אויסגעוואַקסענער גלויבן האָבן געשטויסן צו בויען קירכעס. מען קאָן זאָגן אַז דאָס לאַנד האָט ממש געפיבערט מיט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג. ס'איז געווען אַנצוונייזן, אַז אין פאַרלויף פון הונדערט

---

1) די ראָלע פון פראַנקרייך אין די קרייץ־צוגן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז געבוירן געוואָרן דאָס ווערטל : «Gesta Dei per Francos» ד. ה. „גאָטס מעשים געוויזן דורך די פראַנצויזן".

יאָר, ד. ה. פון 1170 ביז 1270 האָט דאָס מיטלעלטערלעכע פראַנקרייך אויסגע־בויט גאַנצע 80 קאַטעדראַלעס און 500 גרויסע קירכעס.

פון יענער צייט זענען פאַרבליבן אַ ריי ביז גאָר אינטערעסאַנטע גאָטישע קאַטעדראַלעס. אַ טייל האָט דורכגעמאַכט גרויסע, וויכטיקע געשעענישן, ווי למשל, די קאַטעדראַלע פון ריימס אין וועלכער עס זענען געקרוינט געוואָרן אַזוי פיל פראַנצויזישע מלכים, אָדער די פון סען דעני, וווּ דער רוב פון די קעניגן און זייערע משפחות זענען געקומען צו קבורה. אָבער אויך וויפל פאַריז, וואָס איז געווען די הויפטשטאָט פון לאַנד, האָט אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע געשעענישן און אויפטרייסלונגען, איז אויך די פאַריזער נאָטרע־דאַם, גלייך פון אירע ערשטע יאָרן אָן, געווען אַן עדות פון אַ סך פאַסירונגען, וואָס האָבן אויך אַ שייכות מיט יידישער אַנוועזנהייט און יידיש לעבן אין לאַנד און אין פאַריז גופא.

צווישן די פאַרשידענע נייעסן, וואָס עס האָט מיט זיך געברענגט דער פריש־אַנטשטאַנענער גאָטישער סטיל, איז אויך געווען דאָס באַדעקן די מויערן פון די קירכעס מיט מערערע סטאַטועס און שטיינבילדער, וואָס האָבן געהאָט פאַר אַ ציל צו לערנען די גלייביקע מאַסן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט לייענען, די געשיכטע פון דער קריסטלעכער רעליגיע. אויף וויפל דער דאָזיקער גלויבן איז אַרויסגעוואַקסן פון יידישן, האָבן זיך אויף די מויערן פון די גאָטישע קאַטעדראַלעס באַוויזן סימבאָלישע פיגורן און שטיינבילדער נישט בלויז פון דער עוואַנגעליע, נאָר אויך פון תנ״ך.

די יידישע מאָמענטן פון דער פאַריזער נאָטרע־דאַם דאַרפן געטיילט ווערן אין דריי גרופעס:

א) סטאַטועס און שטיינבילדער וועלכע סימבאָליזירן געשטאַלטן פון תנ״ך.

ב) שטיינבילדער וואָס דערציילן וועגן אַנטי־קריסטלעכע האַנדלונגען פון יידן; מעשיות וואָס וועגן זיי ווערט דערציילט אין דער עוואַנגעליע און סתם קריסטלעכע, אַנטי־יידישע לעגענדעס.

ג) מאָמענטן פון יידישן לעבן און עבר אין פאַריז אין שייכות מיט דער אַנטשטייאונג און דער עקסיסטענץ פון דער נאָטרע־דאַם.

כדי זיך אָפּצושטעלן אויף די סטאַטועס וועלכע אינטערעסירן אונדז און וועגן וועלכע מיר האָבן דאָ בדעה צו דערציילן, ברענגען מיר אַ רעפּראָדוקציע פון הויפּט־פאַסאַד פון דער קאַטעדראַלע (קלישע נומער 6) און ציען די אויפ־מערקזאַמקייט אויף די איינצלנע סטאַטועס, וואָס מיר זעען אין דער הייך ביי די פענצטער און אויף דער קליינער סקולפּטור־גרופּע אין צענטער גופא.

קלישע נומער 6



מערב־פאַסאַד פון דער נאָטרע־דאַם. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

דאָ זעען מיר אין דער דרום זייט (רעכטס) אַן איינצלנע סטאַטוע וואָס שטעלט פֿאָר די מוטער חוה און אין דער צפֿונדיקער זייט (לינקס), וואָס סימ־באַליזירט אדמען;ביידע האַלב־נאַקעטע סטאַטועס דערציילן וועגן אַ געוויסער דערשלאָגנקייט און זענען דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן, כּדי זיי זאָלן דערמאָנען אין די ערשטע מענטשן אויף דער וועלט און אין דער ערשטער זינד: דאָס פֿאַרזוכן די פֿאַרבאָטענע פּרוכט פֿון עץ הדעת, ווי עס ווערט דערציילט אין בראשית.

אָפּגערוקט אויף אַ באַשטימטן שטח פֿון די „פֿאַרשעמטע‟ פֿיגורן פֿון אדם און חוה, זעען מיר אין סאַמע צענטער, אויפֿן פּאָן פֿון רונדיקן רויזן־פֿענצטער, אַ גרופּע וואָס שטעלט פֿאָר די מוטער מרים מיטן קינד אויף דער האַנט און צוויי מלאָכים ביי אירע זייטן; מיט דער דאָזיקער גרופּע האָבן די בויערס פֿון דער קאַטעדראַלע געזוכט אונטערצושטרייכן, דאָס נאָך דעם באַשאַף פֿון אדם און חוה, וועלכע זענען לויט דעם חומש געווען די ערשטע מענטשן אויף דער ערד, האָט זיך מיטן געבורט פֿון קינד ישו אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע פֿאַר דער מענטשהייט, ווי עס באַהויפּט עס די קריסטלעכע לערע.

אַ ביסל נידעריקער, אונטער די נאָר וואָס דערמאָנטע סטאַטועס, זעען מיר אין דער גאַנצער ברייט פֿון פֿאַסאַד, 28 גרויסע פֿיגורן פֿון קעניגן מיט די סצעפּטערס אין די הענט און קרוינען אויף די קעפּ.

וואָס זענען עס פֿאַר אַ מלכים? פֿון וועלכן לאַנד און פֿאַר וואָס אין דער צאָל פֿון 28?

די סטאַטועס פֿון די מלכים ווי בכלל אַלע גרויסע סטאַטועס וואָס מיר זעען היינט צו טאָג אויף די מויערן פֿון דער קאַטעדראַלע זענען נישט מער די אָריגי־נעלע פֿיגורן. אַוועקגעשטעלטע צווישן 12־טן און 14־טן י״ה, מיט אַן אויסנעם פֿון איינצלנע, זענען אַלע גרויסע סטאַטועס, דערונטער אויך די 28 סקולפּטורן פֿון די מלכים, פֿאַרניכטעט געוואָרן אין יאָר 1793, ווען די פֿראַנצויזישע רעוואָ־לוציע, אַ צעקריגטע מיט דער מאָנאַרכיע און מיט דער קאַטוילישער קירכע, האָט זיי געלאָזט צעברעכן. אַלע גרויסע סטאַטועס וואָס מיר זעען היינט צו טאָג אויף איר פֿאַסאַד, זענען דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן בעת דער אַרכיטעקט וויאָלע־לע־דיק האָט צווישן די יאָרן 1845 און 1864 אַדורכגעפֿירט די גרויסע רעס־טאווראַציע פֿון דער קירכע.

זינט דעם 13־טן י״ה ווען מען האָט אַוועקגעשטעלט אויף די מויערן פֿון דער נאָטרע־דאַם די 28 מלכים, האָט קיינער נישט געצווייפֿלט, אַז דאָס זענען סטאַטועס פֿון פֿראַנצויזישע קעניגן, אָנהייבנדיק פֿון מלך שילדעבער (6־טער י״ה) ביז פֿיליפּ־אויגוסט (12־טער י״ה) טראָץ דעם, וואָס די צאָל 28 האָט

נישט פאַרענטפערט די ליסטע פון די פראַנצויזישע מאָנאַרכן. וויקטאָר הוגאָ אין זיין ראָמאַן „נאָטרע־דאַם דע פּאַריז" (דערשינען אין יאָר 1831) חזרט אויך איבער דעם דאָן אָנגענומענעם גלויבן, אַז די 28 פיגורן זענען פראַנצויזישע מלכים. און דאָך איז עס נישט אַזוי געווען. דער גלויבן פון די פראַנצויזישע מאַסן, וועלכע האָבן געזען אין די סטאַטועס זייערע קעניגן, איז געווען אַ נישט ריכ־טיקער און זיך וואַרשיינלעך גענומען פון אַ סאַטירע פונעם יאָר 1284, אין וועלכער מען האָט גערעדט וועגן די 28 געקרוינטע פיגורן ווי וועגן פראַנצוי־זישע מאָנאַרכן. וויאָלע־לע־דיק, וואָס האָט אָדורכגעפירט די גראַנדיעזע אַרבעט פון רעסטאַווירן די קאַטעדראַלע, זאָל עס האָבן געווען דער, וואָס האָט אויס־געפונען אַז די 28 סטאַטועס זענען גאָר די מלכים פון יהודה און ישראל, וואָס זייערע נעמען געפינען זיך אויסגערעכנט אין דער עוואַנגעליע פון מתי, וועלכער ברענגט, אַז ישו קומט אַרויס פון צוויי מאָל פערצן דורות מלכים פון בית דוד. דערפאַר זענען דאָ אָוועקגעשטעלט געוואָרן די 28 קעניגן — ביי די פיס פון מרים מיטן קינד. אויב ישו איז טאַקע משיח, איז דאָך „קלאָר" אַז ער שטאַמט פון בית דוד... דערפאַר די לאַנגע שורה מלכים, וואָס דאַרפן כסדר דערמאָנען אין דעם גרויסן יחוסדקן אָפּשטאַם זיינעם.

ווען מען זאָל שוין אפילו מסכים זיין מיטן עוואַנגעליסט, וואָס רעכנט אויס ישוס געניעאַלאָגיע, אָנהייבנדיק פון אברהם אבינו ביז דוד המלך און פון דודן ביז... יוסף דעם סטאָליאַר, איז דאָך אָבער דער לעצטער (דער מאַן פון מרים), ווי עס באַהויפּט די עוואַנגעליע נישט געווען דער פאָטער פון נוצרי, וואָרעם מתי דערציילט דאָך:

„די געבורט פון ישו המשיח איז געווען אַזוי: מרים זיין מוטער איז פאַרקנסט געוואָרן צו יוסף און איידער זיי זענען געווען אין איינעם, איז זי געפונען געוואָרן מעוברת פון רוח הקודש."

איז אויב יוסף דער סטאָליאַר איז נישט געווען דער פאָטער פון ישו, האָט דאָך דער לעצטער אין גאַנצן נישט קיין שייכות מיטן בית דוד!

אַ גאַנצן טאָג טאַקע האָט מען אין די קריסטלעכע קרייזן זיך אַרומגעזען, אַז באַזירנדיק זיך אויף דער עוואַנגעליע פון מתי, קאָן מען גלייכצייטיק נישט באַהויפּטן וועגן וועלכער עס איז שייכות צווישן ישו הנוצרי און דעם בית דוד, איז דעריבער געבוירן געוואָרן אַ קאָמענטאַר צו דער עוואַנגעליע פון מתי, וואָס זאָגט פשוט און פראָסט, אַז... אויך מרים שטאַמט פון בית דוד.

איז נישט איבעריק צו ברענגען אויף דעם אָרט אייניקע שורות פון קריסט־לעכן געלערנטן ערנסט רענאַן וועלכער שרייבט:

„אין פאַרלויף פון די ערשטע דריי הונדערט יאָר, האָבן טיילן פונעם קריסטנטום עקשנותדיק געלייקנט דעם קעניגלעכן אָפּשטאַם פון קריס־טוסן און די אויטענטישקייט פון דער גענעאַלאָגיע".

ס'איז נישט אונדזער אויפגאַבע זיך דאָ אַריינצולאָזן אין אַ וועלכן עס איז טיפערן אַנאַליז וועגן אינהאַלט פון דער עוואַנגעליע, צי וועגן קאָמענטאַרן אין שייכות מיט מרימס און יוסף דעם סטאָליאַרס יחוס, וואָס זענען ווייט פון אויטענטישער געשיכטע, נאָר אויב די קירכע־פּאָטערס איז ליב דער יחוס פון די מלכים פון בית דוד איז... מילא, בלייבט אונדז נאָר צו ציען די אויפמערק־זאַמקייט אויף דעם שיינעם פאַקט, וואָס אַן אָפּשטאַמיקן פון בית דוד האָט געפּאַסט צו זיין אַ סטאָליאַר... וואָרעם אונטער דער הערשאַפט פון די פרומע קאַטוילישע מלכים פון שפּאַניע, פערדינאַנד דער קאַטוילישער און פיליפּ דער צווייטער, פון די פראַנצויזישע הענריכס און לודוויקס, וואָלט יוסף דער הייליקער צוליב זיין סטאָליערײ, אויף קיין פאַל נישט געקאָנט ווערן קיין... אַדעליקער, טראָץ זיין גרויסן יחוס.

יעדנפאַלס איז דער טעות, וואָס איז געשען סוף 13־טן י"ה מיטן פאַרטוישן די 28 תנ"ך־מלכים אויף פראַנצויזישע קעניגן, געווען פאַטאַל פאַר די דאָזיקע סקולפּטורן. דעם 23־טן אָקטאָבער 1793 האָט די שטאָט פאַריז באַשלאָסן צו פאַרניכטן אַלע פיגורן פון די הייליקע און פון די מאָנאַרכן און דאַן האָט מען צעקלאַפּט די גרויסע סטאַטועס אויף די מויערן פון דער נאָטרע־דאַם און דע־רונטער אויך די 28 מלכים פון בית דוד. 1)

כדי צו פאַרניכטן די פאַרהאַסטע קעניגן, האָט מען אַרום יעדער סטאַטוע אַרומגעבונדן אַ שטריק וועלכן דער המון, וואָס איז געשטאַנען אונטן, האָט געשלעפּט מיט אַלע כוחות, ביז די אַריבער פינף הונדערט יאָר אַלטע סקולפּ־טורן האָבן צו דער גרויסער צופרידנקייט און אונטער אַפּלאָדיסמענטן פון פאַר־זאַמלטן עולם, וועלכער האָט געגלייבט אַז ער פירט מלחמה קעגן די פאַרהאַסטע פראַנצויזישע קעניגן, זיך אָנגעהויבן איינצוברעכן און אַרונטערפאַלן.

טיילן פון די צעבראָכענע צדיקים און מלכים זענען דערנאָך פונאַנדערגע־

---

1) דער באַשלוס פון דער שטאָט פאַריז וועגן באַזייטיקן די סטאַטועס האָט געזאָגט:

„דער ראַט איז אינפאָרמירט, דאָס טראָץ דעם געזעץ, עקסיסטירן נאָך אין מערערע גאַסן פון פאַריז, מאָנומענטן פון פאַנאַטיזם און פון קעניגרייך... באַשליסט ער, אַז אין פאַרלויף פון אַכט טעג צייט, זאָלן די גאָטישע ענלעכקייטן פון די פראַנצויזישע קעניגן וועלכע געפינען זיך אויפן פאַסאַד פון דער נאָטרע־דאַם, ווערן אַראָפּגעוואָרפן און פאַרניכטעט און אַז די אַדמי־ניסטראַציע פון די עפנטלעכע אַרבעטן איז באַאויפטראַגט און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויספירונג פון דער געגעבענער פאַראָרדענונג".

שיקט געוואָרן ווי „טראָפּעען" פון דער זיגערישער רעוואָלוציע אין אַ ריי נישט ווייטע פון פּאַריז שטעט און שטעטלעך. פּופּצן שטיינער פון צעבראָכענע סטאַטועס זענען 45 יאָר שפּעטער צופעליק אַנטדעקט געוואָרן אין דער רי דע לאַ סאַנטע, ווו זיי האָבן אונטערגעהאַלטן אַן אַלטע מויער פון אַ פּאַריזער קוילן־מאַגאַזין און וועלכע געפינען זיך זינט 1950 אויף דאָס ניי אין דער נאָטרע־דאַם, אַוועקגעשטעלט אין אַן אָפּגעשלאָסן ווינקל אין צפונדיקן טורעם. אַ טייל פון די אָפּגעבראָכענע שטיקער פון מלכים און הייליקע געפינען זיך אין פאַרשידענע מוזייען און דער סאַמע אויטענטישסטער שטיין פון איינעם פון די מלכים, זאָל זיך געפינען אין דער קאָלעקציע פון אַ געוויסן אַרטור זאַקס אין ניו־יאָרק. 1)

די 28 מלכים פון בית דוד, וועלכע מיר זעען איצט אויפן פּאַסאַד פון דער קאַטעדראַלע, זענען דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין פאַרגאַנגענעם י"ה. די קינסטלער אין דער צאָל פון אַכט, וואָס האָבן געפורעמט די סטאַטועס פון די מלכים זענען געווען: עלמעריך, זשאָפּרואַ, מישעל פּאַסקאַל, שעניאָן, זשאָפּרואַ דעשאָם, טוסען, פראַמאַנזשע און פראַנסע. אויך די פיגורן פון אדם און חוה וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערציילט, זענען בעתן פאַרניכטן די סטאַטועס פון די מלכים צעבראָכן געוואָרן און די וועלכע מיר זעען היינט, געהערן דעם שוין דערמאָנטן קינסטלער שעניאָן. 2)

מיר וועלן דאָ נאָך אָנווייזן אויף אַ ריי סטאַטועס און שטיינבילדער פון תנ"ך, וואָס די בויערס פון דער קאַטעדראַלע האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק צו פיקסירן אויף אירע מויערן.

אינעם צפונדיקן טויער (לינקס) וואָס איז געווידמעט דער מוטער מרים און ווו עס געפינט זיך אירס אַ גרויסע סטאַטוע מיטן קינד אויף דער האַנט, זעען מיר ביי אירע פיס אַ זעלטן שיינע מיניאַטור־גרופּע: אדם און חוה. די סקולפּטור באַשטייט פון דריי סצענעס: א) דער באַשאַף פון חוהן (לינקס), ב) אדם און חוה ביים עץ הדעת (אין צענטער) און ג) דאָס פאַרטרייבן פון גן־עדן (רעכטס — קלישעס נומ. 7, נומ. 8 און נומ. 9). די דאָזיקע סקולפּטור־גרופּע איז זייער אַן אַלטע און האָט אין יאָר 1793 בעתן פאַרניכטן די גרויסע סטאַטועס נישט צופיל געליטן. זי איז טיילווייז רעסטאַווירט געוואָרן און גע־

---

1) ווי עס אינפאָרמירט אונדז דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט „ייוואָ" פון ניו־יאָרק, איז דאָרט אַזאַ קאָלעקציע אין גאַנצן נישט באַקאַנט.

2) אין פּאַריזער מוזיי „קליני" זעען מיר אַן אַלטע, גוט קאָנסערווירטע סטאַטוע, וואָס סימבאָליזירט אדמען און וועלכע האָט זיך אַ מאָל געפונען אויף איינעם פון די נאָטרע־דאַם טורעמס.

קלישע נומער 9

דאָס פאַרטרייבן פון גן־עדן.

קלישע נומער 8



ביים עץ הדעת.

קלישע נומער 7

די באַשאַפונג פון חוה׳ן.

(פאָטאָס : יח. קאַרנהענדלער).

הערט לויט אונדזער מיינונג, צו די סאַמע שענסטע ווערק, וועלכע מיר זעען אויף די מויערן פון דער נאָטרע־דאַם.

ביים מיטלסטן, צענטראַלן טויער, וואָס שטעלט פאָר דעם „לעצטן משפט״, זעען מיר (גאַנץ אונטן) אויף דער מויער (רעכטס) אַ קליינעם שוואַר־באַשעדיקטן באַרעליעף: די סצענע פון עקדת יצחק (קלישע נומ. 10) און אַנטקעגן איבער, (פון דער לינקער זייט) אַ באַרעליעף מסתמא אויך פון זעלבן קינסטלער: איובן, אַ זיצנדיקן אויף אַ בערגל מיסט פול מיט ווערעם וואָס קריכן איבער אים. איוב איז דאָ אַרויסגעפירט אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי און זיינע דריי פריינד וואָס זענען געקומען אים טרייסטן (קלישע נומ. 11). ביידע באַרעליעפן געהערן גאַנץ וואַרשיינלעך צו די סאַמע עלטסטע אויף די מויערן פון דער קירכע. דער איוב־באַרעליעף איז טראָץ זיין באַשעדיקטקייט גאַרנישט שלעכט דערהאַלטן געוואָרן.

אין זעלבן צענטראַלן טויער, צווישן דער גרויסער צאָל פיגורלעך וואָס פילן אויס דעם א. ג. „הימל״, זעען מיר אין דער הייך, אַ קליינע סטאַטוע פון זיצנדיקן משה רבינו מיט די לוחות אין זיין רעכטער האַנט. פון זיין שטערן טראָגן זיך שטראַלן. די סקולפּטור איז אַן אָריגינעלע און געפינט זיך אויף דעם אָרט זינט דעם 13־טן י״ה (קלישע נומ. 12).

אין דעם דרומדיקן טויער (רעכטס) וואָס איז געווידמעט דער הייליקער אַננאַ (מרימס מוטער), זעען מיר פיר גרויסע סטאַטועס פון דער רעכטער און פיר — פון דער לינקער זייט (קלישע נומ. 13); צווישן די סטאַטועס פון רעכטס געפינט זיך דוד המלך מיט אַ פידל אין דער האַנט און נעבן אים בת שבע (קלישע נומ. 14). אַנטקעגן איבער, צווישן די אַנדערע פיר גרויסע סטאַטועס, זעען מיר שלמה המלך, וואָס האַלט אַ ספר אין האַנט ווי אַ סימבאָל פון חכמה און נעבן אים, די מלכה פון שבא (קלישע נומ. 15).

די לעצטע איז מסתמא אַוועקגעשטעלט געוואָרן נעבן שלמהן כדי צו דער־מאָנען אין דער חכמה זיינער, וואָס האָט באַוויגן די מלכה זיך צו לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג, כדי זיך מיט אים פּערזענלעך צו באַקענען... 1)

דאָ איז אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן אויף איינער פון די סקולפּטור־גרופּעס וואָס מיר זעען אין דער הייך איבער דעם אַננאַ־טויער. מיר מיינען די גרופּע וואָס פאַרנעמט די גאַנצע ברייט, גלייך איבער די צוויי טירן:

---

1) די סטאַטוע פון דודן געהערט דעם קינסטלער זשאָפּרואַ דעשאַם. די בת שבע איז געשאַפן פון קינסטלער פראַמאַנזשע. שלמה איז געשניצט פון סקולפּטאָר שעניאָן און די מלכה שבא פון קינסטלער מישעל פּאַסקאַל.

קלישע נומער 10

עקדת יצחק. (פאָטאָ : לעאָן אַפּעלבוים).

קלישע נומער 11



איוב און זיינע פריינד. (פאָטאָ : לעאָן אַפּעלבוים).

קלישע נומער 12

משה. (פאָטאָ : יה. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 13



דרום־טויער געווידמעט דער מוטער אַננאַ. (פֿאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

קלישע נומער 14



דוד און בת שבע. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 15

שלמה און די מלכה פון שבא. (פאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

די דאָזיקע סקולפּטור־גרופּע, ווו מיר זעען מערערע מיניאַטור־פיגורלעך פון אַ זעלטענער שיינקייט, איז געשניצט געוואָרן אין 13־טן י״ה און איז געווידמעט די עלטערן פון דער מוטער מרים (קלישע נומ. 16).

לויט דער עוואַנגעליע איז דאָס קומען אויף דער וועלט פון דער מוטער מרים אויך נישט געווען אַזוי פשוט; אויך דאָ זענען פאָרגעקומען נסים; עס ווערט דערציילט וועגן אַ גרויס עגמת־נפש פון אירע עלטערן צוליב זייער נישט האָבן קיין קינדער און וועגן זייער קומען אין בית המקדש מיט מתנות פאַרן כהן גדול, וואָס האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זיי צו נעמען. מרימס פאָטער האָט לסוף פאַרלאָזט זיין ווייב, די עקרה, געלעבט צווישן פאַסטעכער און דאָ האָט זיך צו אים באַוויזן אַ מלאך מיט דער בשורה, אַז זיין ווייב וועט מעוברת ווערן און אַזוי איז עס טאַקע געשען; פינף און צוואַנציק יאָר נאָך זייער חתונה, איז ביי זיי געבוירן אַ טאָכטער, די שפּעטערדיקע מוטער פון נוצרי.

דער סקולפּטאָר פון דער זעלטן שיינער מיניאַטור־גרופּע האָט דאָ אַרויס־געברענגט פאַרשידענע סצענעס וועגן דעם לעבן פון דער הייליקער אַננאַ מיט איר מאַן. דאָס אינטערעסאַנטסטע ליגט אָבער אין דעם, וואָס אין די אַלע סצענעס, זעען מיר מרימס פאָטער טראָגן אַ היטל מיט אַ שפּיץ...

ס׳איז דאָס היטל וואָס אין מיטלעלטער זענען יידן געווען געצוווּנגען צו טראָגן אין אַ ריי קריסטלעכע לענדער.

טראָץ דעם וואָס די סקולפּטור־גרופּע דערציילט וועגן אַ געשעעניש פון פאַר דער געבורט פון ישו, האָט אָבער דער סקולפּטאָר וואָס האָט געלעבט אין 13־טן י״ה אַרויסגעפירט אין אַלע סצענעס דאָס יידן־היטל און אפילו אויך די קליידונג, וועלכע יידן זענען געווען געצוווּנגען צו טראָגן אין דער זעלבער צייט ווען מען האָט געבויט די נאָטרע־דאַם.

אין דער איקאָנאָגראַפיע פון מיטלעלטער איז דאָס אַרויספירן יידן אין היטלען מיט שפּיצן,ביים צייכענען סצענעס פון דער עוואַנגעליע, געווען זייער פאַר־שפּרייט.

דער דרום־פאַסאַד שטעלט מיט זיך פאָר אַ שעדעוור פון דער אַרכיטעקטור און קונסט, ער באַשטייט פון אַ כסדר געשלאָסענעם טויער געווידמעט דעם הייליקן עטיען און פון אַ פערצן מעטער גרויסן, רונדיקן וויטראַזש וועגן וועלכן מיר וועלן דערציילן אַ ביסל ווייטער (קלישע נומ. 17).

דאָ, אין דער הייך איבער דעם עטיען־טויער זעען מיר אין נישעס צוויי גרויסע פיגורן: פון לינקס משה און פון רעכטס אהרן הכהן. דאָס זענען צוויי צופעליק אָפּגעשוינטע סטאַטועס פון 13־טן י״ה וועלכע זענען אין פאַרגאַנגענעם י״ה רעסטאַווּרירט געוואָרן דורך זשאָפּרואַ דעשאַם.

קלישע נומער 16



די לעגענדע וועגן געבורט פון דער מוטער מרים. (פאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

קלישע נומער 17



דאָס סענט עטיען־טויער. (פאָטאָ: יח. קאָרנהענדלער).

מיטן אָנווייזן אויף די דאָזיקע סטאַטועס האָבן מיר כמעט ווי פאַרענדיקט דאָס אָפּשטעלן זיך אויף די תנ״ך־סקולפּטורן פון דער נאָטרע־דאַם.

איצט וועלן מיר דערציילן וועגן באַרעליעפן וואָס אילוסטרירן אַנטי־קריסט־לעכע האַנדלונגען פון יידן; מעשיות וואָס האָבן אַן עוואַנגעלישן און סתם אַ קריסטלעך־לעגענדאַרן מקור. צוויי אַזעלכע מאָמענטן געפינען מיר אויף די מויערן פון דער קירכע; איינער פון זיי, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין די קריסט־לעכע שריפטן איז די געשיכטע וועגן סאַמע ערשטן דיאַקר סענט עטיען, וועמען ס'איז טאַקע געווידמעט דאָס טויער פון דרום־פּאַסאַד.

אין די „געשיכטע פון די אַפּאָסטאָלן" ווערט וועגן אים דערציילט, אַז ער זאָל האָבן געווען אַ תלמיד פון רבן גמליאל. ער האָט דערנאָך אָנגעהויבן גלויבן אין ישו הנוצרי און אָנגעפירט זייער אַן אַקטיווע פּרעדיקונג פון דער נייער לערע. פול מיט שנאה צו אים, האָבן די יידן פאַרפירט קעגן דעם דיאַקר אַ משפּט און באַנוצנדיק זיך מיט פאַלשע עדות, האָבן זיי אים באַשולדיקט אין חוזקן פון דער תורה. פאַרמשפּט דורך דעם סנהדרין צום טויט זאָל ער האָבן אומגעקומען אַ פאַרשטייניקטער. לויט דער עוואַנגעליע איז ער, נאָך קריסטוסן, דער סאַמע ערשטער מאַרטירער, וואָס דאָס קריסטנטום האָט אַרויסגעגעבן.

נישט נאָר טראָגט דאָס דרום־טויער זיין נאָמען, נאָר עס איז אויך רייך מיט שטיין־שניצערייען וואָס אַנטהאַלטן מערערע בילדלעך, אויף וועלכע מיר זעען זיין אַקטיוויטעט און מאַרטירערטום; מיר זעען שניצערייען, וואָס ווייזן דעם דיאַקר פירן דיספּוטן מיט די יידן. מען זעט אויך דעם סענט עטיען שוין אַן אַרעסטירטן, פאַר אַ פאַרשטייער פון סנהדרין און לסוף די סצענע ווי אַזוי די יידן שליידערן אין אים שטיינער (קלישע נומ. 18).

די געשיכטע פונעם דיאַקר פאַרנעמט אַ גאַר גרויס אָרט אין דער קריסט־לעכער קונסט; באַרימטע מאַלער, ווי דזשיאָטאָ, דירער, טיצשיען, פראַ אַנזשע־ליקאָ, ראַפאַעל, רובענס, פיליפּ דע שאַמפּעין א״א האָבן אים געווידמעט ווערק. אויך דער מאַלער שאַרל לעבראַן האָט געווידמעט דעם דיאַקר אַ גרויסע לייוונט, וואָס געפינט זיך טאַקע אין דער נאָטרע־דאַם און אויב די בויערס פון דער קאַ־טעדראַלע האָבן אים געווידמעט איינע פון אירע פאָרטאַלן, האָבן זיי עס גאַנץ וואַרשיינלעך געטאָן צוליב דעם וואָס פריער, פאַרן צוטרעטן צום בויען די נאָטרע־דאַם, האָט זיך אויף דעם זעלבן אָרט געפונען אַ קירכע אויף זיין נאָמען.

די קריסטלעכע קוועלן באַהויפּטן אפילו, אַז די רעשטן פון סענט עטיען (וואָס זאָל האָבן אומגעקומען סך־הכל נאָר אייניקע יאָר נאָכן טויט פון ישו) זענען געפונען און אויסגעגראָבן געוואָרן אין יאָר 415 (!). עס בלייבט אונדז נאָר צו

קלישע נומער 18



די געשיכטע פון דיאַקר סענט־עטיען. (פאָטאָ : יה. קאַרנהענדלער).

שטויינען און באַוווּנדערן די מערקווערדיקע פּינקטלעכקייט פון די קריסטלעכע קוועלן...

ווי ווייט די דאָזיקע קוועלן זענען היסטאָריש „פּינקטלעך" און אמתדיק איז אויך צו זען פונעם פאַקט, וואָס ווערט מיט אַ סך ערנסט דערציילט דורך געוויסע היסטאָריקער, אַז אין יאָר 1186, ביים פונאַנדערוואָרפן די לעצטע רעשטלעך פון דער אַלטער סענט עטיען־קירכע, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ריי סענסאַציאָנעלע חפצים און צווישן זיי האָט מען אויך געפונען איניקע שטיינער, מיט וועלכע די יידן האָבן דערהרגעט דעם סענט עטיען !...

מסתמא האָבן יענע שטיינער פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון קענען רעדן און דערציילן... און מעגלעך, אַז זיי האָבן אויך אויף זיך געטראָגן די אויפשריפט „מעיד אין איזראַעל"... 1)

אַזוי איז אויך פאַראַן אַ קריסטלעכע לעגענדע וואָס דערציילט, אַז די יידן האָבן פּרובירט שטערן די לוויה פון דער מוטער מרים. די מעשה ברענגט, אַז נישט קיין אַנדערער ווי דער כהן גדול גופא האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן ארון, כדי אים אַראָפּצושליידערן אויף דער ערד ; דאָ איז אָבער פאָרגעקומען אַ גאָר גרויס געשעעניש : די הענט פון כהן גדול זענען געוואָרן אָפּגעריסן און געבליבן צוגעקלעפּט צום אָרון, בעת דער כהן גדול גופא איז אַוועקגעפאַלן קורטשענדיק זיך פון ווייטיק. די לעגענדע דערציילט, אַז נאָך דעם אומגליקלעכן פּרווו האָט נאָך אַ ייד זיך געוואָרפן אויפן אָרון מיט דער זעלבער כוונה, אָבער אויך מיט אים האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע מערקווערדיקע געשיכטע. די דאָזיקע מעשה וועגן יידישן פּרווו צו פאַרשטערן די לוויה פון דער מוטער מרים קומט צום אויסדרוק אין אַ באַרעליעף וועלכן מיר זעען אויף דער צפונדיקער זייט פון דער קירכע־מויער, אין דער רי די קלואַטר נאָטרע־דאַם, ווו ער פאַרנעמט אַ פּלאַץ צווישן אַ גרופּע פון זיבן אַזעלכע שטיינבילדער פון 14־טן י״ה וואָס אַלע

---

1) דער אַמעריקאַנער ייד, פּראָפעסאָר אַלאַן טעמקאָ, אַ מחבר פון אַן אינטערעסאַנט ווערק „די פּאַריזער נאָטרע־דאַם", גיט אָפּ אין זיין בוך אַ סך פּלאַץ אויף צו שילדערן די שיינקייט פון די סקולפּטור־ווערק פון סענט עטיען־טויער, וואָס אילוסטרירט דעם מאַרטירער־וועג פון דיאַקר. זיין יידיש געוויסן האָט אָבער דערביי גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן, אפילו נישט קיין איין וואָרט מכוח דער מעשה גופא, וואָס באַשולדיקט די יידן אין האָבן אומגעברענגט דעם סענט עטיען ; אַן עוואַנגעלישע געשיכטע, וואָס האָט נישט הינטער זיך די מינדעסטע באַווייזן וועגן איר אויטענטישקייט און וועלכע איז אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרהונדערטער און ביז היינט צו טאָג כסדר עקספּלואַטירט דורך דער קירכע, ווייט נישט אין די אינטערעסן פון ליבע צום נאָענטן.

דערציילן זיי פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן לעבן פון דער מוטער־מרים, און אויך די אויבן דערמאָנטע מעשה (קלישע נומ. 19). 1)

מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן אויף דער סאַמע לעצטער סטאַטוע, וואָס מיר זעען אויף דער מויער פון דער קאַטעדראַלע און ביי וועמענס אָנבליק ס'איז אומגעהייער שווער צו צוימען דעם ווייטיק וואָס די פיגור רופט אַרויס אין יעדן יידישן מענטשן. אפילו דער געדאַנק, אַז אַזאַ סטאַטוע געפינט זיך נאָך היינט צו טאָג און פאַרנעמט אַזאַ אָנגעזעען אָרט אויפן פאַסאַד פון דער קירכע, רופט אַרויס אַ טיפן צער.

די דאָזיקע סטאַטוע ווערט באַצייכנט אַלס „די סינאַגאָגע". זי ווערט אויך גערופן די „סינאַגאָגע מיט פאַרבונדענע אויגן", אָבער איר פאַקטישן נאָמען וועלכן זי האָט באַקומען פון אירע שעפער און וועלכן מיר טרעפן כסדר אין אָפּהאַנדלונגען, איז די „באַזיגטע סינאַגאָגע". כדי וואָס שאַרפער אונטערצושטרייכן איר באַזיגטקייט, איז זי אַוועקגעשטעלט געוואָרן נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך אַ פיגור, וואָס שטעלט פאָר די „טריומפירנדיקע קירכע".ביידע סקולפּטור־פיגורן בילדן איין גאַנצקייט; ס'איז אַ סימבאָליש פּאָרל, וואָס דערציילט וועגן נצחון פון איינער און וועגן דער מפּלה פון דער אַנדערער.

ביידע, זייער גרויסע סטאַטועס, געפינען זיך דאָ סך־הכל נאָר, אויף אַ 7־6 מעטערדיקער הייך. די „טריומפירנדיקע קירכע" געפינט זיך ביי דער לינקער און די „באַזיגטע סינאַגאָגע" ביי דער רעכטער זייט פון צענטראַלן טויער. די „טריומפירנדיקע קירכע" שטעלט פאָר אַ הויכע פיגור וואָס טראָגט שטאָלץ אַ קרוין אויף איר קאָפּ. אין איר רעכטער האַנט האַלט זי דעם ווייַנבעכער וואָס ווערט באַנוצט ביי דער תפילה און אין איר לינקער האַנט דעם טריומפירנדיקן קרייץ. די סטאַטוע די „באַזיגטע סינאַגאָגע" זעען מיר אַ פיזיש איינגעבראָכענע, מיט אַן אַראָפּגעשליידערטער קרוין, וואָס וואַלגערט זיך ביי אירע פיס. אין איר לינקער האַנט האַלט זי אַ צעבראָכענע פּיקע, ריכטיקער אַ צעבראָכענעם שטעקן פון אַ פאָן, וואָס סימבאָליזירט די פאַרניכטעטע מאַכט אירע. די רעכטע האַנט וואָס האַלט אייניקע שטיינטאָוולען, אַן אָנדייט אויף דער יידיש־רעליגיעזער לערע, פאַלט אַרונטער; קוים וואָס זי קאָן נאָך דערהאַלטן די טאָוולען. אויף דעם קאָפּ פון דער „באַזיגטער שול" קריכט אַ גרויסע בייזע שלאַנג מיט אַ צעעפנטן פּיסק, גרייט צום בייסן און וויקלענדיק זיך, פאַרשטעלט זי איר די אויגן... (קלישע נ. 20).

1) פון איין זייט מאָלט די קריסטלעכע קירכע די געשטאַלט פון דער מוטער־מרים אַלס איבערפולטע מיט ליבשאַפט צו יעדן מענטשן און פון דער צווייטער, זעען מיר זי אַן איבער־פולטע מיט אומרחמנותדיקער נקמה. ס'איז געווען גענוג אַז אַ ייד זאָל פּרובירן אַראָפּ־שליידערן דעם אָרון מיט איר גוף, ס'זאָלן אים גלייך אָפּגעריסן ווערן די הענט...

קלישע נומער 19



ייִדן שטערן די לוויה פון דער מוטער מרים. (פאָטאָ : לעאָן אַפּעלבוים).

קלישע נומער 20

די „באַזיגטע סינאַגאָגע". (פאָטאָ : יה. קאָרנהענדלער).

אוודאי איז די סטאַטוע אויך אַ „נייע” און געהערט דעם קינסטלער פּראָ־מאַנזשע. זי איז, ווי בכלל אַלע אַנדערע גרויסע פיגורן, דאָ אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן כדי צו פאַרטרעטן די פריערדיקע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם אָרט און איז, וואַרשיינלעך, געהאַלטן אין כאַראַקטער פון דער אַמאָליקער סטאַטוע

מיר האָבן רעכט צו פרעגן:

ווען איז די סינאַגאָגע געוואָרן באַזיגט?

זאָל עס זיין אַן אַנדייט אויף דעם גרויס־אויסגעוואַקסענעם קריסטנטום, וואָס האָט אין די טעג, ווען מען האָט געבויט די נאָטרע־דאַם און דאָ אַוועקגעשטעלט די צווי פיגורן, שוין געציילט מערערע צענדלינגער מיליאָנען נפשות און באַ־ווירקט אַזוי פיל פעלקער און לענדער, בעת די יידן, פאַרטריבענע פון זייער לאַנד, זענען געווען נעבעכדיק קליין אין צאָל, נע־ונד און האָבן אָפּגעריכט גלות, געוואָרן אַ הפקר־פאָלק אָפּהענגיק פון די קריסטלעכע באַראָנען און הערשער, פון זייערע קאַפּריזן און גוטן ווילן?

נישט נאָר דאַרפן מיר נישט צווייפלען אַז די טראַגישע יידישע לאַגע האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייאונג פון די סטאַטועס, די „באַזיגטע סינאַגאָגע” און ׳טריומפירנדיקע קירכע”, נאָר מיר זענען אַ חוץ אַלעם אויך זיכער, אַז עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ באַשטימט געשעעניש, וואָס האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייאונג פון אַזאַ אַלעגאָריש פּאָרל אויף די מויערן פון דער קירכע.

דאָ דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז די פּאַריזער נאָטרע־דאַם איז נישט די איינציקע גאָטישע קירכע, וואָס פאַרמאָגט אויף אירע מויערן אַזעלכע צווי סטאַטועס; ענלעכע סקולפּטור־„פּאָרלעך” זענען אויך פאַראַן אין ריימס, מעץ, שטראַסבורג, אין דייטשן פרייבורג 1) און אין באַמבערג.

בעת ס׳איז אויפגעקומען דער גאָטישער סטיל און מען האָט אין אַזוי פיל ערטער אָנגעהויבן צו בויען די גרויסע קירכעס, איז פאָרגעקומען אַ קעגנזייטיקע באַווירקונג פון די אַרכיטעקטן און קינסטלער. איינע האָבן איבערגענומען פון די אַנדערע יעדע נייע און אינטערעסאַנטע אַרכיטעקטור־דערגרייכונג און קינסט־לערישן עפעקט. פונקט ווי מיר טרעפן אויף די קירכעס פון יענער צייט די סימבאָלישע סטאַטועס פון אדם און חוה, משה און אהרן, די מלכים פון בית דוד און אַנדערע תנ״ך־פּערסאָנאַזשן, אַזוי איז אויך איבערגענומען געוואָרן די אידעע פון דער „טריומפירנדיקער קירכע” און „באַזיגטער סינאַגאָגע”. אַזעלכע פּאָרלעך האָבן זיך אַ מאָל אויך געפונען אויף די קירכע־מויערן פון אַמיען, בורזש, ליאָן, סאַנס, שאַרטר, סען דעני און אַנדערע קאַטעדראַלעס און זענען מיט דער צייט

1) Freiburg im Brisgau.

פאַרשווונדן. ס׳איז דאָך אָבער אויסער יעדן ספק, אַז ערגעץ ווו האָבן זיך די דאָזיקע סטאַטועס באַוויזן צום סאַמע ערשטן מאָל אויף די מויערן פון אַ קירכע און מיר צווייפלען נישט, אַז דאָס איז געווען די פּאַריזער נאָטרע־דאַם.

בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זענען פאַרניכטעט געוואָרן אַלע גרויסע סטאַטועס פון דער קירכע און אויך די פון דער „באַזיגטער סינאַגאָגע״. אויב דער אַרכיטעקט וויאָלע־לע־דיק האָט אין פאַרגאַנגענעם י״ה צוריקגעשטעלט אַלע גרויסע פיגורן און אויך די סינאַגאָגע־סטאַטוע און זי אַרויסגעפירט, ווי מיר זעען זי, מיט דער קרוין, וואָס וואַלגערט זיך ביי אירע פיס און מיט אַ בייזער שלאַנג אַרום אירע אויגן, וועט זיין ריכטיק צו פרעגן:

אויף וואָס שטיצנדיק זיך, האָט וויאָלע־לע־דיק אַרויסגעפירט די סינאַגאָגע־סטאַטוע אַזוי אַנטי־יידיש?

האָט ער פאַרמאָגט וועלכע ס׳איז צייכענונג אָדער גראַוויור פון פאַר דער רעוואָלוציע, אויף וועלכער ער האָט זיך געשטיצט, כדי אַרויסצופירן די „באַזיגטע שול״ אַזוי בייז?

ניין, קיין שום צייכענונג אָדער קאָפּיע פון דער פאַריזער סטאַטוע האָט וויאָלע־לע־דיק נישט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע, פונקט ווי ער האָט עס, אַ חוץ אייניקע גאָר קליינע און אומבאַדייטנדיקע פראַגמענטן, אויך נישט געהאַט פון אַלע איבעריקע גרויסע סקולפּטורן, וועלכע ער האָט געלאָזט שניצן און אַוועקשטעלן אויף דעם אָרט פון די פריערדיקע. פאַראַן אַ סך אַלטע צייכענונגען און גראַוויורן פון דער קאַטעדראַלע, אָבער כמעט גאָרנישט פון אירע אַמאָליקע סקולפּטורן. 1)

זאָלן מיר אָננעמען, אַז די אַלעגאָרישע סקולפּטור, די „באַזיגטע שול״ איז אַ פּראָדוקט פון וויאָלע־לע־דיקס אַ פּערזענלעך־נעגאַטיווער באַציאונג צו אונדזער פאָלק?

ווייסן מיר וועגן דעם לײדער גאָרנישט; און דאָך גלייבן מיר נישט, אַז אַ נעגאַטיווע באַציאונג, אויב די זאָך זאָל טאַקע אַזוי האָבן געווען, זאָל האָבן דעצידירט וועגן כאַראַקטער פון דער אַרויסגעפירטער פאַריזער סינאַגאָגע־סטאַטוע. אָבער מיר וועלן זיך צו דעם ענין נאָך אומקערן.

---

1) אויף דער פאַראַנענער סאַמע גרעסטער צייכענונג פון דער נאָטרע־דאַם פון סוף 17־טן י״ה זעען מיר די באַקאַנטע ליניעס און קאָנטורן פון דעם בנין און די ערטער, ווו עס האָבן זיך געפונען די פאַרשידענע סטאַטועס, אָבער אויך די דאָזיקע צייכענונג ברענגט נישט קיין שום דעטאַלן וועגן די פאָרמען און אויסזען פון די אַלטע סקולפּטור־ווערק.
Notre Dame et le Parvis.
Dessin à la plume de V. Antier 1699. Bib. Nat. Estampes Va 419 J.

כדי אויפצוקלערן די אַנטשטייאונג פון אַזאַ שוידערלעכער אַנטי־יידישער סקולפּטור וועלכע מיר זעען נאָר אין פּאַריז, וועט זיין פון גאָר גרויסער וויכ־טיקייט צו ווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט אויף די אַנדערע סינאַגאָגע־סטאַ־טועס וועלכע געפינען זיך אין פראַנקרייך און מחוץ פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד.

האָבן די פאַראַנענע סטאַטועס עפּעס אַן ענלעכקייט צו דער פּאַריזער ?

יאָ, אַ גרויסע ענלעכקייט.

זעט מען ביי זייערע פיס זיך וואַלגערן קרוינען און בייזע שלאַנגען זיך וויקלען אויף זייערע קעפּ און אַרום די אויגן ?

ניין, אין גאַנצן נישט !

אַ חוץ דער פּאַריזער „באַזיגטער סינאַגאָגע”, זענען אונדז באַקאַנט נאָך פינף אַזעלכע סטאַטועס, וואָס סימבאָליזירן די זעלבע אידעע און פאַרמאָגן די זעלבע מאָטיוון. פון דעסט וועגן האָבן זיי אויפן געביט פון אַנטי־יידישקייט ווייניק שייכות מיט דער פּאַריזער סטאַטוע, וואָס איז מיט איר גיפטיקייט אַן אויסנעם.

אויב די פּאַריזער סטאַטוע איז געווען, ווי מיר גלייבן, די סאַמע ערשטע פון דעם מין און אַז פון פּאַריז אויס האָט דער מאָטיוו זיך אַריבערגעטראָגן אויף אַנדערע קירכעס, וועלן מיר קודם כל זיך אָפּשטעלן אויף די שותפותדיקע מאָמענטן, וואָס פאַרייניקן די אַלע אַלעגאָרישע פיגורן, וועלכע סימבאָליזירן די „באַזיגטע שול”.

עס זענען פאַראַן דריי עיקר־מאָטיוון, וועלכע מיר טרעפן אין אַלע אָן אויסנעם, סינאַגאָגע־סטאַטועס :

א) אַלע זענען זיי אויסגעפירט געוואָרן מיט אַ באַנד אויף די אויגן, ווי אַ רמז אויף דער בלינדקייט פון דער שול (פון יידישן פאָלק !), וואָס האָט נישט דערזען און נישט פאַרשטאַנען דעם נייעם וועג, די בשורה פון דער עוואַנגעליע.

בלויז די פּאַריזער סטאַטוע האָט אויף אירע אויגן נישט קיין באַנד נאָר אַ בייזע שלאַנג.

ב) אין אַלע סינאַגאָגע־סטאַטועס און אויך אין דער פּאַריזער זעען מיר, ווי די האַנט, וועלכע האַלט די טאַוולען, הענגט אַראָפּ : אַן אָנווייז אַז די סינאַ־גאָגע איז אַלט, מיד, אָפּגעלעבט און האָט שוין מער נישט קיין כוח צו האַלטן הויך איר לערע.

ג) אין אַלע סטאַטועס זעען מיר די סינאַגאָגע האַלטן אין אירס אַ האַנט

אַ צעבראָכענע פּיקע, ריכטיקער אַ שטעקן פון אַ פאַרניכטעטער פאַן, אָדער אַ צעבראָכענעם סצעפּטער...

מיט איין וואָרט, די סינאַגאָגע איז אומעטום אַרויסגעפירט מיט די זעלבע מאָטיוון: זי איז בלינד, זי האָט נישט מער קיין כוח אויפצוהאַלטן איר לערע און איר מאַכט (די פּיקע אָדער פאַן) איז צעבראָכן.

און נאָך אַ מאָמענט פאַרבינדט די אַלע אַלעגאָרישע פיגורן, וואָס ווייזט אַז זיי שטאַמען פון זעלבן מקור: אומעטום זעען מיר די „טריומפירנדיקע קירכע" פון אונדזער לינקער זייט און די „באַזיגטע סינאַגאָגע" פון דער רעכטער.

פּונקט ווי די סינאַגאָגע־סטאַטועס, אַזוי פאַרמאָגן אויך די סטאַטועס פון דער „טריומפירנדיקער קירכע" זייערע בשותפותדיקע מאָטיוון. אויף אַלע קירכע־מויערן דערשיינט זי פאַר אונדז מיט איר שטאָלצער האַלטונג, מיט אַ קרוין אויף איר קאָפּ. אין איין האַנט האַלט זי דעם קרייץ און אין דער אַנדערער דעם וויינבעכער. אָבער אַ חוץ מיט גאָר קליינע, אומבאַדייטנדיקע אונטערשידן זענען די אַלע קירכע־סטאַטועס כמעט אַן איבערחזרונג פון איין און דער זעלבער סטאַטוע.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט דער סטאַטוע פון דער „באַזיגטער סינאַגאָגע": די קינסטלער וואָס האָבן איבערגענומען דעם מאָטיוו פון דעם „פּאַרל" האָבן נישט קאָפּירט, נאָר אַריינגעטראָגן אין דעם מאָטיוו זייערע אייגענע קאָנצעפּציעס.

אויב אַלע סינאַגאָגע־סטאַטועס וועלכע מיר קענען האָבן פאַרבונדענע אויגן, צעבראָכענע שטעקנס פון פענער און אַראָפּהענגענדיקע הענט מיט די רעליגיעז־טאָוולען, שיידן זיי פון דעסט וועגן זיך אונטער מיט אַ ריי ביז גאָר אינטערע־סאַנטע דעטאַלן. עס איז אַזוי געשען וואַרשיינלעך דערפאַר, וואָס די ערשטע סטאַטוע, די פּאַריזער, לויט אונדזער מיינונג, ד"ה די וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער רעוואָלוציע, איז אָן ספק געווען אַ ווערק פון גאָר גרויסער שנאה, — בעת די שעפער פון די סינאַגאָגע־סטאַטועס מחוץ פּאַריז, מסתמא אויך נישט קיין גרויסע יידנפריינד, האָבן נישט געהאַט די זעלבע סיבות וואָס די פּאַריזער אַרויסצוקומען מיט אַזאַ בייזער פיגור.

פאַקטיש געפינען זיך אַלע סטאַטועס פון דער „טריומפירנדיקער קירכע" אין אַ כסדרדיקן דיאַלאָג מיט דער „באַזיגטער סינאַגאָגע": אומעטום, אויף אַלע קירכע־מויערן, ווו עס געפינען זיך אַזעלכע פּאָרלעך, זעט מען די קירכע־פיגור קוקן אין דער ריכטונג פון דער סינאַגאָגע, ווי זי וואָלט גערעדט צו איר; אין 12־טן און אין 13־טן י"ה און וואַרשיינלעך אַז נאָך פריער, האָט די קריסט־לעכע קירכע אָנגעהויבן צווינגען די יידן צו טעאָלאָגישע דיספּוטן. יידן פלעגן אויך מוזן אויסהערן דרשות פון די גייסטלעכע. ס'איז פאַראַן אַ סאַטירישע צייר־

כּענונג פון 11־טן י״ה וואָס ווייזט, ווי אַזוי די יידן בעת אַזאַ קריסטלעכער דרשה, פאַרשטעלן זיך די אויערן און די מיילער, כּדי נישט צו הערן און נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט קיין וואָרט בעת אַזאַ סעאַנס (קלישע נומ. 21). דערפאַר מיינען מיר, איז די באַציאונג פון די קריסטלעכע קינסטלער צו דער סינאַגאָגע סטאַטוע מחוץ פּאַריז נישט אַרויסגעקומען אַזוי אומרחמנותדיק ביטער, נאָר מיט אַ באַשטימטער איינזעעניש צו דער סינאַגאָגע, מיט וועמען דער דיאַלאָג ווערט געפירט.

די אָריגינעלע פּאַריזער סטאַטוע איז פאַרניכטעט געוואָרן און עס איז פון איר נישט פאַרבליבן אפילו קיין צייכענונג. נישט אַזוי אָבער איז געווען דער גורל פון די סטאַטועס מחוץ פּאַריז, וועלכע זענען אויפגעקומען צווישן 12־טן און 13־טן י״ה. אַזוי למשל געפינען זיך אין קירכלעכע לאַפּידאַרע מוזייען די אָריגינעלע סינאַגאָגע־סטאַטועס פון ריימס און שטראַסבורג, וועלכע מען האָט צוליב אַלטקייט, געמוזט פאַרטוישן מיט נייע, נאָר גאַנץ געטרייע קאָפּיעס.1) אין באַמבערג (בייערן) זעען מיר די אַלטע אָריגינעלע סטאַטוע, וואָס איז זינט אַ באַשטימטער צייט אַריינגענומען געוואָרן אין דער קאַטעדראַלע גופא, כּדי זי וואָס לענגער צו פאַרשוינען פון די צעשטערונגס־עפעקטן פון דער צייט. אַזוי אויך זעען מיר אין פרייבורג און אין מעץ די אָריגינעלע סקולפּטורן און קיין איינע פון זיי איז נישט אַזוי גיפטיק ווי די אין פּאַריז.

די אָריגינעלע ריימסער „סינאַגאָגע״, וואָס שטאַמט פון 13־טן י״ה, איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1962 אין פּאַריזער לוווּר און עס מוז געזאָגט ווערן, אַז טראָץ איר באַשעדיקטקייט, שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ קונסטווערק פון געוואַלדיקער פּראַכט און שיינקייט. (קלישע נומ. 22).

די צייט האָט אָפּגעבראָכן אירע הענט, ממילא זעען מיר נישט ביי איר די צעבראָכענע פּיקע און נישט קיין אַראָפּפאַלנדיקע האַנט מיט די רעליגיע־טאָוולען. מיר זעען די סטאַטוע מיט איר באַנד אויף די אויגן (נישט קיין שלאַנג!) און אויפן קאָפּ פון דער סקולפּטור זעען מיר אַ קרוין וואָס גליטשט זיך אַראָפּ... ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים אַראָפּפאַלן — אָבער נישט זיך וואַלגערן ביי אירע פיס ווי אין פּאַריז.

אַז מיר באַטראַכטן די דאָזיקע סטאַטוע, וואָס עטעמט מיט אַזוי פיל שיינ־קייט, האָבן מיר דאָס געפיל, אַז זי איז דער עיקר געפורעמט געוואָרן ווי אַן אַלעגאָרישע פיגור און נישט ווי אַ ווערק פון שנאה.

---

1) די היינטיקע סינאַגאָגע־סטאַטוע אין ריימס איז פון 18־טן י״ה און די פון שטראַס־בורג איז געטויִשט געוואָרן אין יאָר 1907.

קלישע נומער 21

(Etudes Augustiniennes)

די יידן פאַרשטעלן זיך אויערן און מיילער.

קלישע נומער 22

די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין ריימס. (צייכענונג פון מאָריס אַפּעלבוים).

אַזוי אויך איבערראַשט אונדז ממש מיט איר דראַמאַטישער שיינקייט די „סינאַגאָגע", וועלכע מיר זעען אויף דער מויער פון דער שטראַסבורגער קאַטעדראַלע. אוודאי דערשיינט זי דאָ מיט אַלע אירע סימבאָלן, און אויב אין ריימס זעען מיר אויפן קאָפּ פון דער סטאַטוע אַ קרוין, וואָס האַלט ביים אַראָפּפאַלן, זעען מיר שוין דאָס אויך נישט אין דער סטאַטוע פון שטראַסבורג; נישט קיין קרוין און נישט קיין שלאַנג. מיר ווערן אויך דאָ פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט פון דער סטאַטוע. זי איז פונקט ווי די ריימסער סטאַטוע זייער ווייט פון דער קאָנצעפּציע וועלכע מיר זעען אין פּאַריז. (קלישע נומ. 23). 1)

איז ווי מיר זעען עס, האָט מען טראָץ דעם כסדר הערשנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין עלזאַס, נישט געהאַט דעם אינטערעס צוריקצושטעלן די אַראָפּגעפאַלענע (?) קרוין.

די קריסטלעכע לערע, אַנשטויסנדיק זיך אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון איר אויפקום, אויף דער יידישער „איינגעשפּאַרטקייט" און ווידערשטאַנד, איז פון מאָל צו מאָל געוואָרן אַלץ ברוגזער אויף אונדז. צו ביסלעך איז דער ברוגז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווערער שנאה, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פאַרטיפן דעם אָפּגרונט צווישן די צוויי וועלטן און וואָס האָט מיטן אָנהייב פון די קרייץ־מלחמות דערפירט צו די שוידערלעכסטע פאַרפאָלגונגען און בלוטיקע שחיטות פון אונדזער פאָלק. צוליב דער דאָזיקער שנאה, איז דאָס באַווייזן זיך פון די סטאַטועס, די „באַזיגטע סינאַגאָגע" און „טריומפירנדיקע קירכע" אויפגענומען געוואָרן דורך די פאַנאַטיזירטע קריסטלעכע מאַסן מיט גרויס באַגייסטערונג.

דער רענעסאַנס וואָס האָט אין 16־טן י"ה אַריינגעבערענגט אַ נייעם אָטעם אין אייראָפּע און אויך אין דער קריסטלעכער קירכע, האָט לסוף אָפּגעשוואַכט די שוידערלעכע אַנטי־יידישקייט און דאָס האָט וואָרשיינלעך גורם געווען דערצו, אַז די צוליב אַלטקייט פאַרשוונדענע סטאַטועס פון דער „סינאַגאָגע" אויף אַ ריי קירכעס וועלכע מיר האָבן פריער דערמאָנט, זאָלן מער נישט צוריקגעשטעלט ווערן.

און מיר פרעגן:

פאַר וואָס זענען די צוויי סינאַגאָגע־סטאַטועס פון ריימס און שטראַסבורג אויסגעפירט געוואָרן אַזוי שיין? וואָס פאַר אַ געפילן האָבן אינספּירירט די קינסטלער, וואָס האָבן זיי געפורעמט?

---

1) לויט דעם היסטאָריקער פּאַול הילדענפינגער זאָל זיך ביי די פיס פון דער שטראַסבורגער „סינאַגאָגע"־סטאַטוע אויך האָבן געפונען אַ קרוין וואָס איז, ווי ער ברענגט עס, פאַרשוואונדן אין 17־טן י"ה.

קלישע נומער 23

די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין שטראַסבורג.

דעם ביז גאָר אינטערעסאַנטן ענטפער אויף דער פראַגע געפינען מיר, גלויב איך, ביי אַ היסטאָריקער פון דער שטראַסבורגער קאַטעדראַלע, אין זיינעם אַ רעפעראַט אין וועלכן ער האָט די דאָזיקע שיינקייט דערקלערט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„די קריסטלעכע רעליגיע קומט דאָך אַרויס פון דער יידישער, דערפאַר די שיינקייט פון דער „סינאַגאָגע־סטאַטוע״. 1)

דער דאָזיקער ביז גאָר אינטערעסאַנט־אויסגעדריקטער געדאַנק, וואָס זאָל האָבן באַווירקט די קינסטלער פון שטראַסבורג און מסתמא אויך פון ריימס און פון אַנדערע ערטער, איז זיכער נישט געווען די אידעע פון אַמאָליקן מחבר פון דער פּאַריזער סטאַטוע, וועלכע וויאַלע־לע־דיק האָט פּרובירט רעסטאַוורירן, געבנ־דיק איר דעם כאַראַקטער, וואָס מיר זעען היינט צו טאָג.

עס וועט פאַר אונדז אויך זיין אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן אַ מאָמענט אויף די פאַראַנענע אַנדערע סטאַטועס פון די „סינאַגאָגעס״.

מיר וועלן דאָ דערמאָנען די „סינאַגאָגע״־סטאַטוע פון מעץ, וואָס דערשיינט פאַר אונדז מיט אַ באַנד אויף די אויגן, צעבראָכענעם פאָן־שטעקן און אַראָפּפאַלנ־דיקער האַנט מיט די טאָוולען. זי עטעמט נישט מיט קיין שנאה און נישט מיט וועלכער ס׳איז אַנדערער לײדנשאַפט. זי איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן, ווייל אין יענע ווייטע טעג איז עס געווען אין גוטן טאָן, אַז אַזאַ סטאַטוע זאָל זיך געפינען אויף דער מויער פון אַ גרויסער קאַטעדראַלע. (קלישע נומ. 24).

גאַנץ אַנדערש דערשיינען פאַר אונדז די צוויי לעצטע „סינאַגאָגע״־סטאַטועס וועלכע געפינען זיך אין דייטשלאַנד; דאָ דערוואַרט אונדז אפילו אַ באַשטימטער סיורפּריז:

טראָץ דעם וואָס די סינאַגאָגע־סטאַטוע פון פרייבורג איז דורך דעם סקולפּטאָר אַרויסגעפירט געוואָרן מיט אַ גאַנץ באַנאַלן געזיכטס־אויסדרוק און זי עטעמט נישט מיט קיין קינסטלערישן כוח, דערשיינט זי אָבער פאַר אונדז, מיט אַ קרוין אויף איר קאָפּ, טאַקע אַ צעבראָכענער סצעפּטער, טאַקע אַ באַנד אויף די אויגן; די אַראָפּפאַלנדיקע האַנט האַלט דאָ נישט קיין טאָוולען נאָר אַ ספר, אָבער פאָרט דערשיינט זי פאַר אונדז ווי אַ קעניגין! (קלישע נומ. 25).

וואָס שייך די סינאַגאָגע־סטאַטוע פון באַמבערג, זעען מיר זי אויך מיט די

---

1) רעפעראַט פון אַנדרע פישער אד״ט „דער סוד פון דער שטראַסבורגער קאַטעדראַלע״, געהאַלטן אין פּאַריז, דעם 13־טן מערץ 1963 און איבערגעחזרט פינף אָוונטן נאָך אַנאַנד. דאָ איז אינטערעסאַנט צו דערציילן, אַז אין דעם אָפּגעדרוקטן טעקסט פון זעלבן רעפעראַט, פעלן די אויבן־ציטירטע ווערטער...

קלישע נומער 24

די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין מעץ. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 25

די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין פרייבורג. (פאָטאָ: י"ה. קאָרנהענדלער).

זעלבע סימבאָלן פון איר באַזיגטקייט, אָבער טראָץ איר מצב האָט דער אומ־באַקאַנטער קינסטלער זי געוויזן אַ שטאָלצע און אַ... שמייכלענדיקע, יאָ, אַ שמייכ־לענדיקע און מיר האָבן דאָס געפיל, ווי זי וואָלט גערעדט צו אונדז:

„כ׳האַלט מיך נישט פאַר באַזיגט. די מיליאָנען מאָסן אַרום אייך זענען ווייט נישט קיין באַווייז, אַז איר פאַרמאָגט דעם אמת." (קלישע 26 און 27).

סאַראַ מערקווערדיקע „באַזיגטע סינאַגאָגע" וואָס שמייכלט!

וואָס פאַר אַ מהלך עס טיילט אָפּ די סטאַטוע פון פרייבורג און באַמבערג פון דער, וואָס איז אין פאַרגאַנגענעם י״ה אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער מויער פון דער פאַריזער נאָטרע־דאַם!

מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף אַלע סינאַגאָגע־סטאַטועס וועלכע זענען אונדז באַקאַנט (ס׳איז אפשר נישט אויסגעשלאָסן אַז עס איז נאָך ערגעץ יוו פאַראַן אַזאַ אַלעגאָריש פּאָרל) און מיר האָבן פּרובירט אָנווייזן אויף דעם, מיט וואָס זיי זענען ענלעך און מיט וואָס זיי אונטערשיידן זיך.

עס זענען באַוווסט אַ ריי קירכעס, וואָס האָבן אויף זייערע מויערן קליינע סאַטירישע שטיין־שניצערייען וואָס חוזקן אָפּ פון יידן. די דאָזיקע ווערק זענען טראָץ זייער אַנטי־יידישקייט פאַרבליבן לאָקאַלע קאַריקאַטורן. זיי האָבן נישט געהאַט דעם כוח צו באַווירקן און צו ווערן איבערגענומען דורך אַנדערע קירכעס. 1)

גאַנץ אַנדערש איז עס געשען מיט דער אידעע פון פּאָרל „די באַזיגטע סי־נאַגאָגע" און „טריומפירנדיקע קירכע" אויף די מויערן פון די גאָטישע קאַטע־דראַלעס, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין די טעג פון די קרייץ־צוגן און האָבן געוואַלדיק אויסגענומען ביי די קריסטלעכע מאָסן. פון די קירכע־מויערן האָבן זיי זיך איבערגעטראָגן אויף קירכע־וויטראַזשן, זיך באַוויזן אין דער מעטאַל־פּלאַסטיק, אויף האָלץ־ און העלפאַנטביין־שניצערייען, ווי אילוסטראַציעס אויף מאַנוסקריפּטן, אין ביכער און אין דער מאַלעריי. 2) עס בלייבט אונדז נאָר צו באַוווּנדערן דעם אומבאַקאַנטן ייד, וואָס האָט אין 13־טן י״ה ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער מאָטיוו פון דער סינאַגאָגע מיט „פאַרבונדענע אויגן", אָפּגעענטפערט מיט אַ צייכענונג אויף זיין דייטשן מחזור, וווּ ער האָט אַרויסגעפירט פּונקט דאָס פאַרקערטע: (קלישע נומ. 30) די סינאַגאָגע איז

1) אין אופּסאַלאַ (שוועדן), (קלישע נומ. 28) און אין אַערשאָט (בעלגיע), (קלישע נ. 29).

2) לויט בערנאַרד בלומענקראַנץ, זענען פאַראַן ביי הונדערט ווערק פון דעם מין.

קלישע נומער 26

די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין באַמבערג. (פאָטאָ: יח. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 27

די שמייכלענדיקע סינאַגאָגע־סטאַטוע אין באַמבערג.

(צייכענונג מאָריס אַפּעלבוים).

קלישע נומער 28

(Etudes Augustiniennes)

דער ייד מיטן חזיר — אופּסאַלאַ.

קלישע נומער 29

סאַטירישע שטיין־שניצערייען אין אַערשאָט.

קלישע נומער 30

צייכענונג אויף אַ דייטשן מחזור פון 13־טן י״ה.

זעעוודיק און די קירכע, טראָגט טאַקע אַ קרוין, אָבער אויך אַ באַנד אויף אירע אויגן !... 1)

וואָלט עס זיך געהאַנדלט אין אַ מאָטיוו, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָר לשם סימבאָלישער דעקאָראַציע אויף די מויערן פון קירכעס, אָן דער גיפטיקייט וועלכע מיר זעען אין פּאַריז, וואָלט דער גאַנצער ענין אונדז ווייניקער אינטעע־רעסירט, אָבער לויט אונדזער טיפער איבערצייגונג איז די אַלעגאָרישע סינאַ־גאָגע־סטאַטוע געבוירן געוואָרן אין רעזולטאַט פון אַ טראַגיש געשעעניש וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט די יידן צום סוף פון 12־טן י״ה און וואָס האָט באַ־קומען אָט די שווערע אַנטי־יידישע אָפּשפּיגלונג אויף די דאַן נאָך גאָר יונגע מויערן פון דער פּאַריזער נאָטרע־דאַם און פון דאַנען זיך אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע ערטער.

טראָץ דעם וואָס די פּאַריזער קירכע געפינט זיך אויף דעם זעקסטן אָרט לויט דער צייט פון לייגן איר גרונט־שטיין, נאָך נואַיאָן, סאַנס, סען־דעני, סענ־ליס און לאַאָן, זענען אָבער די אויסגערעכנטע שטעט געווען און פאַרבליבן קליינע ערטער, וועלכע האָבן פונקט ווי היינט, אויך דעמאָלט נישט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָלע, הגם זיי האָבן מיט זייער נייקייט דערוועקט צו זיך אַן אינ־טערעס. אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט דער נאָטרע־דאַם פון פּאַריז; דאָס איז דאָך געווען די הויפּטשטאָט פון לאַנד, דער מלוכה־צענטער און מען קאָן זאָגן, אַז גלייך פון אירע סאַמע ערשטע יאָרן איז די קירכע שוין געווען דאָס אָרט פון וויכטיקע געשעענישן. אין יאָר 1185, נישט קיין גאַנצע צוויי צענדלינג יאָר נאָכן לייגן איר גרונטשטיין, האָט שוין דער ירושלימער פּאַטריאַרך הערא־קליט גערופן אין אירע יונגע מויערן צום דריטן קרייץ־צוג. בכלל איז נישט פאַראַן קיין קירכע אין לאַנד, וואָס זאָל נאָך האָבן אַזאַ רייכע געשיכטע אויף אַלע געביטן פון נאַציאָנאַלן, פּאָליטישן און רעליגיעזן לעבן פון פראַנצוי־זישן פאָלק.

---

1) אומעטום ווו מיר זעען די צוויי סקולפּטור־סטאַטועס, געפינט זיך די „סינאַגאָגע" תמיד פון רעכטס און די קירכע פון לינקס. דעם דאָזיקן פּרינציפּ זעען מיר אויך אויף אַ האָלץ־שניצערייַ פון אָנהייב 15־טן י״ה וואָס געפינט זיך אין דער קאַטעדראַלע אין ברעמען (קלישע נומ. 31) און אין צוויי אייל־בילדער פון האַנס מעמלינג, פון סוף פון 15־טן י״ה וועלכע געפינען זיך אין שטאָטישן מוזיי פון בריזש. (קלישע נומ. 32). דער דאָזיקער פּרינציפּ איז מסתמא אָפּגעהיט אויך אין אַנדערע ערטער.

אויף דער צייכענונג געמאַכט פון אומבאַקאַנטן יידן אין זיין דייטשן מחזור, זעען מיר די סימבאָלישע פיגור פון דער קירכע פון רעכטס און די סינאַגאָגע פון לינקס. דער יידישער צייכענער האָט קודם כל געזוכט צו קומען מיט זיין רעפּליק, אַז נישט די סינאַגאָגע איז בלינד, נאָר פאַרקערט... די פּאָזיציע פון די פיגורן האָט אים ווייניקער אינטערעסירט.

קלישע נומער 31

(Etudes Augustiniennes)

די סינאַגאָגע און קירכע. ברעמען.

קלישע נומער 32

די סינאַגאָגע און קירכע. (איילבילדער פון האַנס מעמלינג. בריזש, 15־טער י״ה).

נישט נאָר געהערט די פּאַריזער נאָטרע־דאַם צו די עלטסטע פון די גרויסע גאָטישע קירכעס, נאָר זי האָט אויך מיט איר אַרכיטעקטור און סקולפּטור באַ־ווירקט מערערע קירכעס קלענערע און גרעסערע, אַזוי אין פראַנקרייך גופא ווי אין אויסלאַנד, וואָס האָבן איבערגענומען און טיילווייז קאָפּירט איר סטיל און מערערע סקולפּטורווערק.

אוודאי איז די גרויסע ראָלע און איינפלוס, וואָס ס׳האָט אויסגעאיבט די פּאַריזער נאָטרע־דאַם, נאָך ווייט נישט קיין באַוויזן, אַז פון איר איז אַרויס־געקומען די אַלעגאָרישע סטאַטוע „די באַזיגטע סינאַגאָגע״; אָבער אין לאַפּי־דאַרן מוזיי פון דער דער שטראַסבורגער קאַטעדראַלע, ווו עס געפינט זיך די אַלטע אָריגינעלע סינאַגאָגע־סטאַטוע, האָבן מיר אַ געוויסן טאָג געלייענט שוואַרץ אויף ווייס, די אָנגעגעבענע אונטערשריפט, אַז די סטאַטוע איז „באַווירקט פון פּאַריז. 1277 — 1300״!

צי איז עס נישט זייער אינטערעסאַנט?

און איז עס נישט קיין גענוג וויכטיקע באַשטעטיקונג, וואָס ווייזט פון וואַנען און ווו ס׳האָט זיך באַוויזן דער ערשטער סקולפּטור־מאָטיוו פון דער „באַזיג־טער שול״?

די גרויסע קאַטעדראַלע פון שטראַסבורג וואָס איז אַזוי רענאָמירט אין דער וועלט מיט אירע קונסט־ווערק און רייכער גאַלעריע פון סטאַטועס, האָט דעם מאָטיוו פון איר אייגענער, ביז גאָר אינטערעסאַנטער סינאַגאָגע־סטאַטוע, די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און איינדרוקספולע סקולפּטור פון פראַנקרייך, גאָר גענומען פון פּאַריז!

און אויב אַזוי, צי איז עס דען געווען אַנדערש מיט די פּאַראַנענע אַנדערע סטאַטועס פון דעם מין? אין ריימס, מעץ, פרייבורג אָדער באַמבערג, וואָס אַלע האָבן זיי דעם זעלבן פּרינציפּ און די זעלבע סימבאָלן?

וואָס איז עס אַלזאָ געווען פאַר אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַריז, וואָס זאָל לויט אונדזער מיינונג, האָבן דערפירט צום אויפקום פון דעם אַלעגאָרישן פּאָרל אויף דער מויער פון דער נאָטרע־דאַם?

מיר וועלן פּרובירן אַ בליק טאָן אין 12־טן י״ה ווען מען האָט אָנגעהויבן צו בויען די פּאַריזער קאַטעדראַלע, כדי צו זען ווי עס האָט זיך אין יענע טעג געלעבט די יידן אין פראַנקרייך און אין פּאַריז.

אָט ווי עס שילדערט יענע צייט שמעון דובנאָוו:

„צווישן די מאָטיוון פאַר שנאה צו יידן האָבן אין יענער תקופה פאַרשטייט זיך די רעליגיעזע מאָטיוון פאַרנומען דעם ערשטן אָרט, מחמת אַלע געזעל־

שאַפּטלעכע באַציאונגען אין יענער צייט זענען געווען רעליגיעז באַפאַרבט. די אויפרעגונג פון די גייסטער וואָס האָבן אַרויסגערופן די קרייץ־צוגן און דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנצע שיכטן פון דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג האָט אַוועקגעשטעלט די יידן אַזוי ווי אויף אַ ווולקאַן. די יידן האָבן געמוזט תמיד ציטערן. איטלעכער אויסברוך פון רעליגיעזע ליידנ־שאַפטן האָט זיי געקאָנט ברענגען אומקום און חורבן. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זיך געשפּייזט מיט כלערליי אומגעלומפּערטע קלאַנגען, וואָס האָבן געשיל־דערט יידן ווי די שרעקלעכסטע באַשעפענישן. גראַד אין יענער צייט האָט זיך צו ערשט פאַרשפּרייט אין אייראָפּע יענער מיאוסער בילבול, וואָס איז זינט דע־מאָלט, געוואָרן איינס פון די שרעקלעכסטע געצייג אין די הענט פון די שונאים פון יידישן פאָלק. פאַרצייטנס, אין דער רוימישער אימפּעריע, האָבן די אַלטע רוימער אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף די ערשטע קריסטן, אַז זיי זאָלן כלומרשט כאַפּן געצנדינער און קוילענען זיי באַהאַלטענערהייט, כדי נוצן זייער בלוט ביי דער קאָמוניע — און איצט האָבן די קינדס־קינדער פון יענע קריסטן אַרויס־געשטעלט אַן ערך אַזאַ בילבול קעגן יידן. עס האָט צווישן פאָלק גענומען אַרומ־גיין אַ קלאַנג, מען ווייסט נישט פון וואַנען, אַז יידן הרגענען בשתיקה קריסטן, בפרט פאַר פּסח און חזרן איבער דעם טויטאַקט פון קרייצונג, צום אָנדענק אין דער קרייצונג פון קריסטוסן (שפּעטער האָט נאָך די לעגענדע צוגעגעבן, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט צו דער פּסחדיקער סעודה). פּסיכאָלאָגיש לאָזט זיך דער אויפקום פון אַזעלכע בילבולים דערקלערן דערמיט, וואָס דער המון, פאַרשיכורט דורך די בלוטיקע מעשים פון די קרייצפאָרערס, האָבן געמוזט האָבן אַ תירוץ צו פאַרענטפערן די רציחות און אַרויסשטעלן זיי, ווי אַ שטראָף וואָס עס קומט די יידן פאַר די פאַרברעכנס וואָס זיי טוען כלומרשט אָפּ.״

„דאָס יאָר 1171 איז פאַר אייראָפּע דאָס אָנהייב־יאָר פון עלילת־דם, פון דעם „בלוט־בילבול״ וואָס פאַרסמט דעם גייסט און געוויסן פון די פינצטערע קריסטלעכע מאַסן ביז היינט צו טאָג. אין יענער צייט האָבן אין פאַרשידענע ערטער אין פראַנקרייך זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן דעם, אַז עס זענען געפונען געוואָרן קריסטלעכע הרוגים, פאַרפייניקטע דורך יידן. מען האָט דערציילט, אַז דער גוף פון איינעם פון אַזעלכע כלומרשטע מאַרטירער, וועלכן מען האָט באַגראָבן נעבן אַ פאַריזער קירך, האָט באַוויזן מופתים. אויף אָט דעם יסוד פון איינגלייבעניש איז אויסגעוואַקסן די שרעקלעכע טראַגעדיע פון יאָר 1171.״

אין זעלבן יאָר 1171 ווען מען איז שוין אָנגעגאַנגען במשך פון אַכט יאָר צייט מיטן בוי פון דער פאַריזער נאָטרע־דאַם, האָט זיך אין בלואַ אָפּגעשפּילט

די טראַגעדיע פון פאַרברענען 38 יידישע נפשות, באַשולדיקטע אין האָבן כלומרשט דערהרגעט אַ קריסטלעך יינגל צוליב ריטועלע טעמים.

דאָס אַלץ איז געשען אונטער דער הערשאַפט פון מלך לואי דעם זיבעטן וואָס האָט אַ סך געשטיצט דאָס בויען פון דער קאַטעדראַלע און וועלכער האָט פיל־וויניק, אויף וויפל ס׳איז נאָר געווען אָפּהענגיק פון אים, פּראָבירט באַשיצן די יידן פון זיין קעניגרייך.

אָבער אין יאָר 1180 פאַרנעמט דעם פראַנצויזישן טראָן דער פופצן יעריקער פיליפּ אויגוסט, אַ פריצייטיק רייפער בחור פול מיט שנאה צו די יידן, וועגן וועלכע מען האָט אים אָנדערציילט שוידערלעכע זאַכן. די יידן דערפילן די ענ־דערונג אויף אַ גאָר שווערן אופן. דער יונגער קעניג וואָס וואַרפט זיך מיט אַ סך ברען צו דער מלוכה־אָנפירונג, נייטיקט זיך אין געלט, אין אַ סך געלט. מען האָט אים דערציילט, אַז יידן זענען רייך און אין יאָר 1181 פאַראָרדנט ער דאָס אַרעסטירן אין אַ שבתדיקן טאָג אַלע רייכע יידן און ער באַפרייט זיי ערשט דאַן, ווען זיי צאָלן אים איין אַ גרויסע געלט־סומע אין זילבער. קורץ דערנאָך אַנולירט ער אַלע חובות וואָס קריסטן זענען שולדיק צו יידן, איינקאַ־סירנדיק פון די צופרידענע בעלי־חובות איין פינפטל פון דער סומע לטובת דער מלוכה־קאַסע. אין יאָר 1182 פאַראָרדנט ער, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן זיין מדינה; ער קאָנפיסקירט דאַן דאָס גאַנצע אומבאַוועגלעכע יידישע פאַר־מעגן: זייערע הייזער, פעלדער, וויינגערטנער און אויך... די יידישע שולן, וואָס איינע פון זיי האָט מען אין פאַריז, אין יאָר 1183, ביי אַ גרויסער צערעמאָניע, פאַרוואַנדלט אין אַ קירכע, געווידמעט דער הייליקער מאַדעלענע, (מרים פון מגדלה).

קאָן מען זיך פאָרשטעלן דעם איינדרוק אויף דער פאַריזער באַפעלקערונג פון אַזאַ געשעעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט די יידן צום סאַמע ערשטן מאָל! מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון לאַנד; אַ תל געמאַכט פון זייערע היימען; צעבראָכן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס; קאָנפיסקירט די געלטער, וועלכע מען איז זיי געקומען; צוגענומען זייערע אומבאַוועגלעכע גיטער, אפילו אויך זייערע סינאַגאָגעס און איינע פון זיי האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ קירכע און דווקא אויפן נאָמען פון יענער זינדיקער פרוי, וואָס איז לסוף אַרויף אויף דעם גוטן און פרומען וועג, אויף וועלכן די יידן צוליב זייער בלינדקייט און רשעות ווילן אויף קיין פאַל נישט אַרויפגיין.

אַ פולשטענדיקער, טאָטאַלער זיג איבער די שוידערלעכע און אַזוי שווער פאַרזינדיקטע יידן!

דאָ איז וויכטיק צו דערמאָנען די טעאָלאָגישע באַהויפּטונגען וואָס האָבן זיך כסדר געמערט ביים קריסטנטום אין זייערע טענות צו די איינגעשפּאַרטע יידן פאַרן נישט וועלן אַנערקענען די געטלעכקייט פון ישו הנוצרי, וועמענס קומען אויף דער וועלט, איז לויט דער קריסטלעכער לערע, אָנגעזאָגט געוואָרן אין תנ״ך גופא.

די דאָזיקע פון מאָל צו מאָל אַלץ שטאַרקערע פּירוואַרפן האָבן לאַנגזאַם דערפירט דערצו, אַז אין 10־טן י״ה איז שוין דער אויסדרוק „יידנטום" פאַרביטן געוואָרן אין די קריסטלעך־טעאָלאָגישע שריפטן און דרשות דורכן טערמין „די סינאַגאָגע", וואָס האָט אָנגעהויבן באַגלייט צו ווערן מיט אַ געוואַלדיקער קאַריקאַטור־איקאָנאָגראַפיע, אין וועלכער די שול (די יידן פאַרשטייט זיך) איז אַרויסגעפירט געוואָרן אין דער פאָרעם פון אַ פיגור, וואָס רייט אויף אַן אייזל, אַן אָנדייט אויף דער יידישער עקשנות, וואָס האָט לסוף דערפירט צו בלינדקייט.. די סינאַגאָגע איז אויך אַרויסגעפירט געוואָרן מיט אַ מעסער אין האַנט, אַ רמז אויף איר געפערלעכקייט, וואָס האָט עוואָלואירט צו דער בייזער שלאַנג אא״וו.

דאָס מאָל האָט זיך עס דאָך נישט געהאַנדלט אין אַ סימבאָליש־בלינדער שול ווי מען האָט עס געזען אין די פּרימיטיווע צייכענונגען וואָס האָבן אָנגעהויבן צו אילוסטרירן קריסטלעך־טעאָלאָגישע מאַנוסקריפּטן נאָר אין אַ פּאַקטיש „באַזיגטער" סינאַגאָגע. מען דאַרף אויך אַ טראַכט טאָן וועגן טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען די פייערלעכע צערעמאָניע פון פאַרוואַנדלען די שול אין אַ קירכע; מיר האָבן דורכויס אַלע רעכט צו טראַכטן, אַז דאָס איז געשען ביי אַ גאָר הייטערער שטימונג פון די אויפגעהעצטע מאַסן, מיט דרשות פול מיט שנאה צו די פערפידע יידן, וואָס האָבן דערהרגעט גאָט, וואָס הרגענען קריסטלעכע קינדער, קרייצן זיי און נוצן זייער בלוט. מען האָט אָן ספק געהערט דרשות וועגן די יידן וועלכע זעען נישט דעם קריסטלעכן אמת, זענען בלינד און געפערלעך ווי די שלאַנגען... 1)

איז עס נישט געווען אַ גענוג וויכטיק געשעעניש, וואָס זאָל אַרויסרופן די אידעע פון אַ פּאָרל־סטאַטוע „די טריומפירנדיקע קירכע" און „באַזיגטע סינאַגאָגע" אויף די מויערן פון דער זיך בויענדיקער נאָטרע־דאַם? אַן אידעע וואָס איז אין די טעג פון די אָנגייענדיקע קרייצצוגן שוין געווען ביז גאָר רייף און

1) ס׳איז אויפגעהיט געוואָרן אַ קעניגלעכער אַקט פון יאָר 1183 וואָס דערלויבט דעם בישאָף פון פּאַריז צו פאַרוואַנדלען אַ פּאַריזער סינאַגאָגע אין אַ קירכע. דאָס איז אָבער נישט געווען די איינציקע געטויפטע שול. אַ חוץ אין פּאַריז זענען געווען נאָך יידישע שולן וועלכע מען האָט דאַן פאַרוואַנדלט אין קירכעס, נאָר וועגן וועלכע מיר האָבן נישט קיין גענויע ידיעות.

וואָס האָט גלייך דערנאָך באַקומען איר רעאַליזירונג אויף די מויערן פון אַנדערע גאָטישע קירכעס, וועלכע מען האָט דאַן געבויט איבערן לאַנד.

צווייפלען מיר נישט, אַז די פיגורן פון דער „טריומפירנדיקער קירכע" און „באַזיגטער שול" זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן קורץ נאָך די נאָר וואָס דער־ציילטע אַנטי־יידישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַריז צווישן די יאָרן 1181 און 1183 און אַז די סטאַטועס האָבן זיך שוין באַוויזן אויף דער מויער פון דער נאָטרע־דאַם סוף פון 12־טן י״ה.

אוודאי קאָן מען זיך נישט צו פיל באַזירן אויף דער גענויקייט און ריכ־טיקייט פון די אַלע אָנגעגעבענע דאַטעס וועלכע מיר טרעפן אָן אין שייכות מיט דעם בוי און אויספּאַרטיקונג פון דער קירכע. דער הויפּט־היסטאָריקער פון דער פּאַריזער נאָטרע־דאַם, דער אַקאַדעמיקער מאַרסעל אָבער, שרייבט:

„דער אָפּשטאַם פון דער פּאַריזער קאַטעדראַלע איז טראָץ די שוין פּוב־ליצירטע וויכטיקע אַרבעטן נאָך זייער נישט קלאָר."

ס'איז באַוווּסט אַז אין יאָר 1165, צוויי יאָר נאָכן האָבן געלייגט דעם גרונט־שטיין פון דער קירכע, האָבן שוין קינסטלער אָנגעהויבן פורעמען אַ ריי סקולפּ־טורווערק פאַר די דריי נאָך נישט עקסיסטירנדיקע פּאָרטאַלן פון הויפּטפאַסאַד. פאַראַן אויך מקורים וועלכע באַהויפּטן, אַז די סקולפּטור־אַרבעטן פאַר די זעלבע פּאָרטאַלן האָט מען שוין אָנגעהויבן צו פורעמען אין יאָר 1160, ד״ה דריי יאָר פאַרן לייגן דעם גרונטשטיין פון דעם בנין.

עס ווערט אויך אָנגעגעבן אַז דעם מערב־פאַסאַד פון דער קירכע האָט מען אָנגעהויבן בויען אין יאָר 1200, אָבער אויף געוויסע פלענער פון דער קאַטעד־ראַלע, וואָס גיבן אָן די יאָרן, ווען יעדע טייל איז געבויט געוואָרן, זעען מיר, אַז דאָס בויען פון פאַסאַד האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1180. יעדנפאַלס זענען אַלע היסטאָריקער פון דער נאָטרע־דאַם מסכים, אַז אין יאָר 1208 איז דער פאַסאַד כמעט שוין געווען אַרויפגעצויגן ביז צו דער גאַלעריע פון די מלכים און אַז די סקולפּטאָרן זענען שוין דאַן געווען פאַרנומען מיט דעקאָרירן די פּאָרטאַלן, פאַר וועלכע אַ ריי ווערק איז שוין פון זייער לאַנג געווען געפורעמט און געוואַרט גרייט צו פאַרנעמען די פּאַר זיי באַשטימטע ערטער. מיר האָבן אַ רעכט אויך צו טראַכטן אַז די „סינאַגאָגע"־סטאַטוע האָט זיך באַוויזן אויף דער מויער פון פאַסאַד נאָך פאַרן סוף פון 12־טן י״ה.

לאָמיר אין דעם מאָמענט געדענקען, אַז דאָס מאָל האָט זיך עס געהאַנדלט אין אַ וועדעט־סטאַטוע, אינעם טריומף פון דער קירכע איבער דעם פאַרהאַסטן יידנטום און אַז דאָס אַרויפשטעלן די סטאַטוע אויף דער מויער פון דער קירכע

איז נישט געווען קיין ענין, וואָס מעג דויערן, וואָס האָט צייט... די סטאַטוע האָט אינטריגירט... זי האָט אויך געגעבן אַ באַשטימטע קאָמפּענסאַציע פאַר די ביטערע ידיעות, וואָס זענען געקומען פון די קרייץ־אַרמייען וועגן זייערע שווע־ריקייטן אין פּאַלעסטינע, וועגן די עפּידעמיעס און מפּלות. זי איז אפשר טאַקע געווען פון צווישן די סאַמע ערשטע סקולפּטורן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויפן פאַסאַד פון דער קירכע.

עס האָט אויך געקאָנט זיין נאָך אַ סיבה אויף צו איילן זיך מיטן אַרויפ־שטעלן די צוויי סטאַטועס: אין יאָר 1198 האָט פיליפּ־אויגוסט צוליב געלט און פאַר געלט צוריק אַריינגעלאָזט די יידן אין לאַנד אַריין. דאָס מאָל, שווער באַ־רויבטע, פאַרוויטיקטע און פאַרשעמטע האָבן זיי געזען זייער גרויסע פּאַריזער שול אַ געטויפטע אַלס אַ קירכע און זייער מעגלעך, אַז זיי האָבן שוין געזען די אַרויפגעשטעלטע צוויי אַלעגאָרישע סטאַטועס אויף דער מויער פון דער זיך בויענדיקער קאַטעדראַלע. 1)

אויף די מויערן פון דער נאָטרע־דאַם זעען מיר נישט נאָר תנ״כישע און עוואַנגעלישע סטאַטועס, נאָר אויך אַזעלכע סקולפּטורווערק וואָס האָבן אַ פראַנ־צויזיש־נאַציאָנאַלן און דער עיקר, אַ פּאַריזער געשיכטלעכן באַדייט!

אַזוי למשל זעען מיר אויף די מויערן פון דער קירכע סטאַטועס וואָס סימ־באַליזירן דעם בישאָף מאָריס סילי, דעם איניציאַטאָר און בויער פון דער נאָטרע־דאַם אין די ערשטע 33 יאָר זינט איר גרינדונג. מיר זעען די סטאַטועס פון די קעניגן לואי דעם 7־טן און פיליפּ־אויגוסט, אונטער וועמענס הערשאַפט די קירכע איז געבויט געוואָרן די ערשטע זעכציק יאָר און וועלכע האָבן זי מאַ־טעריעל געשטיצט, די לעגענדאַרע פיגור פון דעם סען דיאָניס (סען דעני) וועמען די רוימער זאָלן האָבן אומגעבראַכט אין פּאַריז פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדירן דאָס קריסטנטום, די סקולפּטור פון דער סענט זשענעוויעווע, דער באַשיצערין פון דער שטאָט פּאַריז און אפילו אַ סטאַטוע פון אַ געוויסן סען מאַרסעל, וואָס זאָל, ווי די לעגענדע דערציילט עס, האָבן באַפרייט די שטאָט פון עפּעס אַ חיה־רעה וואָס האָט זיך דאָ באַוויזן און טעראָריזירט די פּאַריזער איינוווינער.

אַזוי אַרום איז די קירכע נישט נאָר אַ מאָנומענט, וואָס דערציילט אויס־

---

1) די געטויפטע שול האָט זיך געפונען אין דער היינטיקער רי דע לאַ סיטע, וואָס איז ביז 1182 געווען דער פּאַריזער יידן־צענטער.

די קירכע סענט מאַדעלענע האָט עקסיסטירט ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. נאָך דעם פונאַנדערוואַרפן דעם שוין זייער אַלטן בנין, האָט מען אויף דעם אָרט געשאַפן אַ פּאַסאַזש דע לאַ מאַדעלען און זינט 1868 געפינט זיך אויף דעם אָרט דאָס פּאַריזער שפּיטאָל „האָטעל דיע״. (קלישע נומ. 33).

קלישע נומער 33

רי דע לאַ סיטע און דאָס שפּיטאָל „האָטעל דיע". (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

שליסלעך וועגן דער קריסטלעכער רעליגיע, תנ״ך און עוואַנגעליע, נאָר אויך וועגן דער געשיכטע פון פּאַריז און נישט סתם אין דער וועלט אַריין רופט אויס אַ היסטאָריקער פון דער שטאָט:

„זי איז אין גאַנצן פּאַריזעריש״.

נישט נאָר שליסן מיר זיך אָן אין דעם דאָזיקן אויסרוף, נאָר מיר וועלן אויך צוגעבן, אַז די נאָטרע־דאַם איז פּאַריזעריש אפילו לויט איר יידישער געשיכטע: מיר מיינען, אַז דאָס באַווייזן זיך אויף אירע מויערן פון די פיגורן פון דער „באַזיגטער סינאַגאָגע״ און „טריומפירנדיקער קירכע״ איז אויך געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון די פריער דערציילטע אַנטי־יידישע געשעענישן וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט אין די יאָרן 1181 — 1183, פּאַריז איז דאַן געווען דער גרעסטער יידישער צענטער אין דער מלוכה.

קריסטלעכע קוועלן באַהויפּטן, אַז אין יענע טעג האָט האַלב פּאַריז געהערט צו יידן. אַזאַ מיינונג איז אפשר איבערגעטריבן, יעדנפאַלס געשיכטלעך נישט באַוויזן; 1) דאָס זאָגט אָבער עדות, אַז יידן האָבן דאָ געהאַט אַ סך פּאַרמעגנס, אַז דער רושם פון די פאַרגעקומענע אַנטי־יידישע געזעצן אין לאַנד, איז אין יענע טעג פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און שנאה צו יידן געווען געוואַלדיק גרויס און האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייאונג פון דער „באַזיגטער סינאַגאָגע״, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון די געשעענישן.

אַז דער מאָטיוו פון דער „באַזיגטער סינאַגאָגע״ און „טריומפירנדיקער קירכע״ איז געקומען פון פּאַריז, אין דעם איבערצייגט אונדז אפילו אויך דאָס בכבודיקע אָרט, וואָס דער מאָטיוו האָט באַקומען אויף דער מויער פון דער נאָטרע־דאַם, ביים סאַמע הויפּטטויער פון דער קאַטעדראַלע, וואָס ציט גלייך די אויפמערקזאַמקייט פון איטלעכן, בעת מחוץ פּאַריז, איז עס ווייט נישט אַזוי.

ס׳איז געווען אָנצווייזן, אַז אין ריימס געפינען זיך די צוויי אַלעגאָרישע סטאַטועס אויף אַ זייטיקער מויער און דערצו זענען זיי אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ הייך (ביי אַ צוואַנציק מעטער) אַז קיינער זעט זיי אפילו נישט און די באַזוכער פון דער קאַטעדראַלע ווייסן אפילו נישט וועגן דער עקסיסטענץ פון אַזאַ פּאָרל... (קלישע נ. 34).

---

1) צוליב די פאַרשידענע קלאַנגען, וואָס האָבן אין יענער צייט צירקולירט איבערן לאַנד וועגן דער שעדלעכקייט און געפערלעכקייט פון די יידן, וועגן זייערע פאַרברעכנס קעגן די קריסטן, לייענען מיר ביי אַ פּאַריזער היסטאָריקער פון 18־טן י״ה דעם גלח לעבעף, אַז: „מען דאַרף קודם כל וויסן, אַז די יידן האָבן אין די אָנהייבטעג פון פיליפּ־אויגוסטס הערשאַפט, פאַרדינט צו ווערן אַרויסגעטריבן פון קעניגרייך.״

קלישע נומער 34



די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין ריימס, אויבן רעכטס. פאָטאָ: יח. קאָרנהענדלער.

אויך אין שטראַסבורג געפינט זיך די סינאַגאָגע־סטאַטוע ביי אַ זייטיקער טיר און אויב די סקולפּטור איז צוליב איר הויך־קינסטלערישן כאַראַקטער זייער באַרימט און ציט צו אַ סך באַזוכער, געשעעט עס אָבער דערפאַר, וואָס די „סינאַ־גאָגע" געפינט זיך ביים אַריינגאַנג צום... באַרימטן זייגער, וואָס די קאַטעדראַלע פאַרמאָגט און וועלכער ציט צו זייער פיל נייגיריקע.

די קירכע האָט שוין געהאַט אַ פריערדיקן א"ג אַסטראָנאָמישן זייגער, וואָס איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין 16־טן י"ה, מיט אומגעפער דריי הונדערט יאָר נאָכן באַווייזן זיך פון דער סינאַגאָגע־סטאַטוע. דער היינטיקער זייער אינ־טערעסאַנטער זייגער פון דער שטראַסבורגער קאַטעדראַלע איז דאָרט אויפ־געבויט געוואָרן אין... 19־טן י"ה. (קלישע נומ. 35). די אַרכיטעקטן און בויערס פון דער קאַטעדראַלע האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געוווסט אַז... דאָס זייטיקע טויער, ווו זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די סינאַגאָגע־סטאַטוע, וועט עטלעכע הונ־דערט יאָר שפּעטער דינען אַלס אַן אַריינגאַנג צו עפּעס דאָרט אַ זייגער, וועלכן מען וועט דאָ אַוועקשטעלן און וועלכער וועט האָבן אַ גאָר גרויסן דערפאָלג, פון וועלכן עס וועט אויך געניסן די „באַזיגטע סינאַגאָגע"... 1)

אויב אין מעץ געפינט זיך די סטאַטוע פון דער „סינאַגאָגע" ביים סאַמע אַריינגאַנג אין דער קאַטעדראַלע, איז אָבער דאָס טויער אויך אַמאָל געווען אַ זייטיקער דורכגאַנג, אַזוי אַז אויך דאָרט, זענען די צוויי סימבאָלישע פיגורן נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויבן־אָן, ווי מיר זעען עס אין פּאַריז.

דאָס אַוועקשטעלן די סינאַגאָגע־סטאַטועס אין ריימס, שטראַסבורג און מעץ אויף זייטיקע ערטער, בעת אין פּאַריז האָט מען די סטאַטועס אָפּגעגעבן דעם סאַמע אָנגעזעענסטן אָרט אויפן פאַסאַד, איז אויך אַן אינטערעסאַנטע באַ־שטעטיקונג וועגן גרויסן אינטערעס, וואָס מען האָט געהאַט אין פּאַריז פאַר די צוויי סקולפּטורן, אַ פיל גרעסערן אינטערעס ווי אומעטום און וואָס האָט זיך אָן ספק געגומען דערפון, וואָס די סטאַטועס זענען אויפגעקומען און האָבן זיך דאָ באַוויזן צום סאַמע ערשטן מאָל אין גאַנץ „ספּעציעלע" באַדינגונגען.

וועלן מיר לסוף פּרובירן אויפקלערן, פאַר וואָס בעתן רעסטאַוורירן די נאַטרע־

1) דער דיכטער אַנדרע ספּיר, שטאַרק באַווירקט פון זען די שטראַסבורגער „סינאַגאָגע", האָט אין יאָר 1905 געווידמעט דער סטאַטוע אַ הויך־אינטערעסאַנטע פּאָעמע, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„זי האָט זיך צו מיר באַוויזן די נאַכט, אַזוי ווי כ'האָב זי געזען אויף דעם זייל פון איר קאַטעדראַלע, אָנשפּאַרנדיק איר האַנט פון ראָזן שטיין אויף דעם שטעקן פון דער צעבראָכענער פאָן, די פאַרשאָלטענע, מיט איר אַראָפּגעפאַלענעם ספר, מיט איר יונגן קערפּער און גלייכע פאַלדן פון איר צניעותדיקער טוניקע".

קלישע נומער 35



דער קירכע־זייגער אין שטראַסבורג. (צייכענונג פון בען).

דאָם אין פאַרגאַנגענעם י״ה האָט וויאָלע־לע־דיק אַרויסגעבראַכט אַזאַ אַנטי־יידישע סטאַטוע פון דער „באַזיגטער שול״, וואָס האָט נישט קיין שום ענלעכקייט צו אַלע אַנדערע סקולפּטורן, וועלכע מיר קענען און אויף וועלכע מיר האָבן זיך פריער אָפּגעשטעלט.

מיר האָבן אַרויסגעזאָגט אונדזער צווייפל, אַז דאָס זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון וועלכער ס׳איז אַנטיפּאַטיע צו אונדזער פאָלק מצד דעם אַרכיטעקט וויאָלע־לע־דיק; מיר האָבן אויך אונטערגעשטראָכן אַז מיר ווייסן נישט און קענען נישט זיין באַציאונג צום יידנטום; אַז ביים רעסטאַווורירן די סינאַגאָגע־סטאַטוע, האָט אָבער זיין פערזענלעך געפיל, אפילו ווען ער וואָלט געווען נישט פריינדלעך געשטימט צו אונדז יידן, זיכער נישט דעצידירט.

אַז ער האָט זיך נישט באַוויגן און זיך נישט אינספּירירט מיט קיין פערזענלעכע אַנטי־יידישע סענטימענטן, זעען מיר פון זיין צוגאַנג און אופן צו פאַרשטיין דעם רעסטאַווראַציע־וועג פון דער קירכע.

אָט וואָס מיר לייענען ביי אים אין זיין „פּראָיעקט מכוח רעסטאַווירירן די נאָטרע־דאַם״:

„דער קינסטלער דאַרף זיך גופא באַזייטיקן; פאַרגעסן זיינע ליבשאַפטן, זיינע אינסטינקטן, כדי צו שטודירן זיין פּראָיעקט, און כדי צוריק צו געפינען און נאָכצוגיין דעם געדאַנק, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אויספירונג פון דעם ווערק וואָס ער וויל רעסטאַווורירן, ווייל אין דעם פאַל האַנדלט זיך עס נישט אין שאַפן קונסט, נאָר אויסשליסלעך אין זיך אונטערוואַרפן דער קונסט פון אַן עפּאָכע וואָס איז שוין פאַרביי״.

מיר האָבן שוין פריער דערציילט אַז די נאָטרע־דאַם האָט בעת איר אַנטשטייאונג, אויסגעאיבט אַ גאַר גרויסע ווירקונג אויף אַנדערע קירכעס וואָס האָבן נאָכגעטאָן און קאָפּירט איר סטיל און אירע סקולפּטורווערק. נישט האָבנדיק קיין צייכענונגען פון די צעשטערטע פיגורן און שטיין־שניצערייען פון דער נאָטרע־דאַם האָט וויאָלע־לע־דיק זיי איצט גענומען ביי די פאַרשוינטע קאַטעדראַלעס. ער האָט אָנגעהויבן צוריקצונעמען, ווו ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, פון דעם, וואָס די זעלבע קירכעס האָבן פריער גענומען פון פּאַריז. דאָס מאָל האָט וויאָלע־לע־דיק קאָפּירט מערערע סצענעס און סטאַטועס, כדי ביים רעסטאַווורירן די נאָטרע־דאַם, זאָל ער בלייבן טריי דער עפּאָכע, ווען דער מאָנומענט איז געשאַפן געוואָרן.

ער האָט קאָפּירט די אָפּגעהיטענע פיגורן און שניצערייען פון די קירכעס פון אַמיען, ריימס, באָרדאָ, בורזש, לאַאָן א״א. ער האָט דאָרט גענומען דאָס,

וואָס אים האָט געפעלט אין פּאַריז און דאָס קליינע ביסל, וואָס ער האָט נישט געקאָנט קאָפּירן, האָט ער געזוכט איינצוהאַלטן אינעם כאַראַקטער פון יענער עפּאָכע. אפילו די סצענעס מיטן דיאַקר סענט עטיען האָט וויאָלע־לע־דיק רעס־טאַווּרירט לויט קירכעס, וואָס האָבן די זעלבע מאָטיוון און באַרעליעפן פריער איבערגענומען פון פּאַריז.

נאָר אויב וויאָלע־לע־דיק האָט זיך באַזירט אויף אַלטע קאַטעדראַלעס און קאָפּירט די פעלנדיקע סטאַטועס לויט די אַלטע, פאַרשווינטע גאָטישע קירכעס און זיי אויף דאָס ניי רעפּראָדוצירט אויף די מויערן פון דער פּאַריזער נאָטרע־דאַם, איז ווי קומט עס וואָס ביים רעסטאַווּרירן די סטאַטוע פון דער „באַזיגטער סינאַגאָגע" האָט ער זיך נישט באַנוצט מיט קיין איינער פון די פאַראַנענע אַלטע סטאַטועס פון ריימס, שטראַסבורג אָדער מעץ?

ער האָט עס נישט געטאָן דערפאַר, ווייל יענע סטאַטועס זענען נישט געווען קיין קאָפּיעס פון דער אַלטער פּאַריזער סינאַגאָגע־סטאַטוע; ווייל ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן פריער, האָבן יענע קירכעס נאָר איבערגענומען דעם מאָטיוו און נישט קאָפּירט. אַלע אינפאָרמאַציעס, וועלכע וויאָלע־לע־דיק האָט געהאַט האָבן אים געפירט צו דער סטאַטוע, וועלכע ער האָט אַרויסגעברענגט, אַזוי ווי מיר זעען זי היינט צו טאָג, מיט דער אַראָפּגעשליידערטער קרוין און בייזער שלאַנג אַרום אירע אויגן.

וויאָלע־לע־דיק האָט געקענט געוויס מענטשן, וואָס האָבן נאָך געדענקט די קאַטעדראַלע פון פאַר דער רעוואָלוציע און צווישן זיינע אינפאָרמאַטאָרן האָט זיך אויך געפונען דער באַרימטער אַרכעאָלאָג און קונסטקענער אַלעקסאַנדער לענואַר, וועלכער האָט בעת דער רעוואָלוציע, איינשטעלנדיק זיין לעבן, אָפּגע־ראַטעוועט אַן אַ שיעור קונסטווערק און מאָנומענטן און וועלכער איז געווען דער גרינדער פון „מוזיי פון פראַנצויזישע מאָנומענטן". 1)

סיי אַלעקסאַנדער לענואַר און סיי אַנדערע האָבן דערציילט, אינפאָרמירט און געשילדערט די נאָטרע־דאַם ביז צו דער רעוואָלוציע און זיכער אויך דאָס אויס־זען פון דער פאַרניכטעטער סינאַגאָגע־סטאַטוע; דעריבער האָט וויאָלע־לע־דיק, אין זיין זוכן צו זיין וואָס נעענטער צו דער אַלטער „סינאַגאָגע", זיך נישט באַנוצט מיט די פאַראַנענע סטאַטועס וועלכע ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָ־זיציע, נאָר זי אַרויסגעפירט אַזוי, ווי מען האָט זי נאָך געזען אין די רעוואָ־לוציע־טעג ביז צו איר פאַרניכטונג.

---

1) אַלעקסאַנדער לענואַר איז עס געווען דער וועלכער האָט מיט 45 יאָר נאָכן פאַר־ניכטן די סטאַטוע פון די מלכים און בכלל פון אַלע גרויסע סטאַטועס פון דער נאָטרע־דאַם דערקענט די שטיינער אין דער רי דע לאַ סאַנטע, ווי מיר האָבן עס שוין דערמאָנט פריער.

דאָ איז וויכטיק צו דערציילן, אַז די באַוועגונג וואָס האָט אין 19־טן י״ה זיך געשאַפן אין לאַנד אַרום דער אַלטער באַשעדיקטער קאַטעדראַלע, וואָס האָט דערפירט דערצו אַז די מלוכה זאָל אַסיגנירן די נייטיקע גרויסע געלטמיטלען אויף צו רעסטאַווירן די קירכע, די דאָזיקע באַוועגונג איז דער עיקר געבוירן געוואָרן אין רעזולטאַט פון וויקטאָר הוגאָס אַרויסקום מיט זיין ראָמאַן „נאָטרע־דאַם דע פּאַרי״ וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם בנין ווי אויף אַן אומגעהייער וויכטיקע ירושה פון קריסטלעכן מיטלעלטער; „אין דער־וואַרטונג אויף נייע מאָנומענטן — האָט דער דיכטער געשריבן און אַפּעלירט — לאָמיר אויפהאַלטן די אַלטע״.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע באַוועגונג אַרום דער קאַטעדראַלע, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קונסט־קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איר וואָרט מכוח דער רעסטאַווראַציע. צו דער דאָזיקער קאָמיסיע האָט געהערט אַלעקסאַנדער לענואַר, וואָס איז בעתן צעשטערן די סטאַטועס אַלט געווען דרייסיק יאָר, דער גרויסער קונסטקענער און קאָלעקציאָנער די זאָמעראַרד, וואָס איז געווען דער גרינדער פון מוזיי קלוני, דער באַרימטער קאַטוילישער פּובליציסט מאָנטאַלאַמבערט, אַ מאַן וואָס האָט זיך אָפט געפונען אין קאָנפליקט מיטן וואַטיקאַן גופא, צוליב זיינע ליבעראַלע אידעען און וויקטאָר הוגאָ.

מיר האָבן אַ רעכט צו פרעגן:

צי וואָלטן די דאָזיקע קונסטקענער און גרויסע ליבעראַלע פּערזענלעכקייטן אַקצעפּטירט וויאָלע־לע־דיקס אַרויסקום מיט אַזאַ גיפטיקער אַנטי־יידישער סטאַטוע, אויב זי וואָלט נישט פאַרגעשטעלט אַ באַשטימטע נאָענטקייט און וואָלט נישט געווען אין כאַראַקטער פון אָריגינאַל?

אונדז גלייבט זיך עס נישט.

אין דער גרויסער ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום די געשיכטע פון דער אַדורכגעפירטער רעסטאַווראַציע, טרעפן מיר שטימען, וועלכע וואַרפן פאַר דעם אַרכיטעקט וויאָלע־לע־דיק זיין אופן פון רעסטאַווירן די נאָטרע־דאַם, אַז ער האָט דאָ באַלעבאַטעוועט צופיל זעלבשטענדיק און אַז ער זאָל האָבן איבערגע־טריבן מיט זיין אופן זען דעם מיטלעלטער. די מערהייט שטימען לויבן אים אָבער שטאַרק און דערקלערן די אַדורכגעפירטע רעסטאַווראַציע פאַר אַ מייס־טערווערק.

איז דאָס אַ זאַך וואָס האָט נישט קיין שייכות צו דעם, וואָס אונדז אינטע־רעסירט. אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט די אַרויסגעפירטע סטאַטוע פון דער „באַ־זיגטער סינאַגאָגע״ שיידט זי זיך טאַקע שטאַרק אונטער פון אַלע איבעריקע סטאַטועס פון דעם מין. אָבער אין דער צייט ווען די פאַראַנענע סינאַגאָגע־סטאַ־

טועס פאַרמאָגן אַן אייגענעם כאַראַקטער און עטעמען מיט אַן אייגן לעבן, דער־שיינט פאַר אונדז די פאַריזער ווי אַ סטאַטוע, וואָס איז פון קינסטלערישן שטאַנדפונקט די אַמווייניקסטנס אינטערעסאַנטע; אין גאַנצן געוועג אַרויסצופירן די אַלעגאָרישע פיגור מיט אַלע אירע סימבאָלן, האָט וויאָלע־לע־דיק אַרויסגע־בראַכט אַ סינאַגאָגע־סטאַטוע, אַ ראַבאַט! אַלץ איז אין איר פאַראַן, נאָר נישט קיין אייגן לעבן. און גאַנץ וואַרשיינלעך דערפאַר, וואָס די סטאַטוע פאַרמאָגט נישט קיין קינסטלערישן פונק און אפשר אויך... צוליב איר גיפטיקייט, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס להיפוך צו אַלע אַנדערע סינאַגאָגע־סטאַ־טועס זעט מען נישט אירע רעפּראָדוקציעס אין די פאַריזער סוווענירן־געשעפטן... ווי מיר זעען עס אין אַנדערע שטעט וואָס האָבן יאָ אַזעלכע סטאַטועס.

דאָס ענדערט אָבער נישט די זאַך וואָס טויזנטער טוריסטן און בכלל באַ־זוכער פון דער קאַטעדראַלע זעען די סטאַטוע טאָג־טעגלעך און נישט איינער פון זיי טראַכט דערביי וועגן דער יידישער בלינדקייט און גיפטיקייט אָן צו וויסן די טראַגישע געשעענישן וואָס האָבן זי אַרויסגערופן.

לאָמיר איצט אַריינגיין אין דער קאַטעדראַלע גופא, כדי צו באַוואונדערן דאָס פערצן־מעטער גרויסע רונדיקע פענצטער פון דער צפונדיקער זייט, די איינציקע פון די א״ג רויזן, וואָס האָט דערהאַלטן די אָריגינעלע וויטראַזשן פון 13־טן י״ה. מיר שטעלן זיך אָפּ דערויף דערפאַר, וואָס די אַכציק אָפּטיילונגען פון דער רויז זענען אויסגעפילט מיט בילדער, וואָס שטעלן פאָר אונדזערע אבות, סצענעס פון תנ״ך, יידישע מלכים, נביאים און כהנים. (קלישע נומ. 36).

ס׳איז אינטערעסאַנט אָנצוווייזן אַז די אַנטקעגנדיקע דרומדיקע רויז, וואָס איז געווידמעט דעם נייעם טעסטאַמענט, האָט צוליב אַ פעלער אין דער קאָנס־טרוקציע, אייניקע מאָל זיך איינגעבראָכן און אירע אָריגינעלע וויטראַזשן זענען דערביי אומגעקומען. ווי מיר זעען האָט דער תנ״ך אויסגעהאַלטן, דער נייער טעסטאַמענט — נישט! זאָל שוין ביי דער געלעגנהייט אויך דערציילט ווערן, אַז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די קריסטלעך־דייטשע אַרמיי האָט אונטער דער לאָזונג „גאָט מיט אונדז״, באָמבאַרדירט ריימס, האָט אַ האַרמאַטן־קויל אַריינגעטראָפן אין דער סטאַטוע פון דער „טריומפירנדיקער קירכע״ און זי פולשטענדיק צעשמעטערט, בעת די סינאַגאָגע־סטאַטוע איז געבליבן גאַנץ, נישט אָנגערירט...

אַזוי געפינען מיר אויך אין דער טיף פון דער נאָטרע־דאַם הינטערן אַלטאַר, אַ מצבה פון אַ פאַריזער בישאָף סימאָן מאַטיפאַס דע ביסי וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1304 און וואָס זיין קבר האָט זיך אַ מאָל געפונען אין דער קאַטעדראַלע. דאָס איז די איינציקע מצבה, וואָס איז דאָ פאַרבליבן פון מיטלעלטער און וואָס

קלישע נומער 36



די צפון־רויז, געווידמעט דעם תנ״ך.
(פאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

שטעלט פאַר דעם בישאָף אַ ליגנדיקן, אָנגעטאָן אין זיינע קירכלעכע קליידער, באַפּוצטע מיט מערערע קאָלירטע שטיינער. (קלישע נומ. 37).

די מצבה דערמאָנט אונדז אין אַ בילבול, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּאַריז קעגן אַ יידן יונתן וועמען מען האָט באַשולדיקט אין האָבן פּראָפאַנירט די האָסטיע. דער בישאָף מאַטיפאַס די ביסי איז עס געווען דער וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער „אויספאָרשונג" פון ענין און וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט מיטן פאַרברענען דעם ייד. 1)

וועלן מיר איצט דערציילן וועגן אַן אַנדער טראַגיש בלעטל פון דער יידי־שער געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער נאָטרע־דאַם אין חודש נאָוועמבער 1380:

נאָכן טויט פון קעניג שאַרל דעם 5־טן (דער קלוגער) פאַרנעמט דעם פראַנצויזישן טראָן שאַרל דער 6־טער (דער משוגענער). די מאַכט ליגט אָבער אין די הענט פון זיינע דריי פעטערס, וואָס איטלעכער באַזונדער זוכט צו פאַר־כאַפּן דעם טראָן. אין לאַנד הערשט אַ שווערער עקאָנאָמישער קריזיס און נויט. דאָס שטערט פון דעסט וועגן נישט די רעגענטן אויפצוהייבן די שטייערן, וואָס רופט אַרויס אַן אויפברויז צווישן די מאַסן. ביי דער געלעגנהייט הערט מען שטימען אַרויסצוטרייבן די יידן פון פּאַריז און פון לאַנד.

אין יענעם יאָר האָט זיך געהאַלטן ביים ענדיקן דער געשלאָסענער אָפּמאַך מיט די יידן, וואָס האָט זיי געגעבן די רעכט צוריק אַריינצוקומען קיין פראַנק־רייך אויף צוואַנציק יאָר צייט און אויב עס וועט נישט נאָכקומען קיין פאַרלענ־גערונג פונעם אָפּמאַך, וועלן די יידן זיין געצוווּנגען דאָס לאַנד ווידער צו פאַרלאָזן.

די שטימען אַרויסצוטרייבן די יידן זענען גלייך אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די מאַסן וואָס האָבן געוווּסט, אַז אין אַזעלכע מאָמענטן קאָן מען אָפּלעקן אַ ביין. ס'האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז נישט נאָר גייט מען די יידן אַרויסטרייבן, נאָר אַז מען קלייבט זיך ווידער אַ מאָל צו קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס. צוליב דער גרויסער אומצופרידנקייט מיט די נייע שטייערן און הערשנדיקן שווערן קריזיס, ברעכט אויס אַ ריי בונטן. אַ טאָג איז דער המון באַפאַלן און צעראַבירט אַ מלוכה־קאַסע און ביי דער געלעגנהייט האָט מען אויך אָנגעהויבן צו באַפאַלן יידישע הייזער. דער פּאָגראָם האָט געדויערט פיר טעג. מען האָט געראויבט יידיש פאַרמעגן און דערהרגעט יידן; דערביי האָט מען געכאַפּט יידישע קינדער, זיי געברענגט אין דער נאָטרע־דאַם און דאָרט אָפּגעשמדט.

---

1) זע קאַפּיטל זיבן. „דער בילבול וועגן דער פראָפאַנירטער האָסטיע".

קלישע נומער 37



מצבה־שטיין פון בישאָף מאַטיפּאַס דע ביסי. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

און די טריומפירנדיקע קירכע האָט ווידער אַ מאָל באַזיגט די סינאַגאָגע... בלויז נצחונות!...

עס בעטן זיך נאָך אַ פּאָר פּרטים אין שייכות מיט אונדזער טעמע. נאָך דעם ווי דער בישאָף מאָריס סילי האָט אין יאָר 1163 אָנגעהויבן בויען די נאָטרע־דאַם פלעגט טרעפן אַז ס׳האָט געפעלט געלט; ס׳איז נישט אַריינגעפלאָסן גענוג נדבות אויף אָנצוגיין מיט דער קאָנסטרוקציע. פלעגט ער אין דערוואַרטונג אויף פרישע געלט־מתנות, באָרגן פון צייט צו צייט געלט ביי די יידן, כדי נישט איבערצורייסן די אַרבעט.1) ליידער ווייסן מיר נישט צי די אָנפירונג פון דער נאָטרע־דאַם איז שולדיק געוועזן יידן געלט אין יאָר 1182, ווען פיליפּ־אויגוסט האָט אַנולירט די חובות וואָס די קריסטן זענען געווען שולדיק די יידן; אויב יאָ, האָט אויך די קירכע פּראָפיטירט פון דער אָפּעראַציע... מיר ווייסן אויך אַז פיליפּ־אויגוסט האָט געשטיצט מיט געלט־מתנות אַ ריי קירכעס און אויך די נאָטרע־דאַם. נישט סתם אין דער וועלט זעען מיר אין (לינקן) צפונדיקן פּאָרטאַל פון הויפּט־פאַסאַד אַ סטאַטוע וועלכע זאָל פאָרשטעלן דעם קעניג. (קלישע נומ. 38). און מיר צווייפלען נישט, אַז ווען ער האָט קאָנפיסקירט דאָס יידישע פאַרמעגן, האָט ער זיכער אויך געגעבן אַ שיינע סומע פון יידישן געלט לטובת דער ווייטערדיקער קאָנסטרוקציע פון דער קאַטעדראַלע. אַזוי אַרום האָבן מיר אַ רעכט צו באַהויפּטן, אַז די נאָטרע־דאַם איז טיילווייז אויך געבויט געוואָרן פאַר יידיש געלט.

ס׳איז אויך נייטיק צו דערמאָנען, אַז צווישן די 238 איינגעהיטענע נעמען פון אַרכיטעקטן און קינסטלער וואָס האָבן געבויט, דעקאָרירט און באַשיינט די קאַטעדראַלע, געפינען מיר דעם נאָמען פון יידישן קינסטלער זכריה אַסטריק. ער האָט, אויף דער באַשטעלונג פון וויאָלע־לע־דיק, געמאַכט אין פאַרגאַנגענעם י״ה אַ בלומען־צייכענונג, וואָס איז געוואָרן ציזילירט אין מעטאַל אַלס קעגנ־שטאַנד אין וועלכן די נאָטרע־דאַם האַלט — ווי די קריסטלעכע וועלט גלייבט

1) נייטיקנדיק זיך אין געלט, פלעגן קירכעס אַ חוץ באָרגן געלט אויף פאַרמשכונען ביי יידן קרוציפיקסן (?) און בכלל קירכע־געשיר. מיטן וווקס פון די אַנטי־יידישע שטימונגען ווי אַ פועל יוצא פון די קרייץ־צוגן און אויפקום פון בלוט־ און אַנדערע בילבולים אויף יידן איז דער ענין געוואָרן גאָר געפערלעך. צווישן די קריסטן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן קלאַנגען אַז די יידן פאַרשוועכן די ביי זיי פאַרמשכונטע קירכע־כלים. אין רעזולטאַט האָט אַ צוזאַמענפאָר פון פראַנצויזישע רבנים אין 12־טן י״ה (גאַנץ וואַרשיינלעך אַז דאָס איז געשען מיטן אָנטייל פון רבנו תם) איינגעפירט, אַז „אַ ייד טאָר באין אופן נישט קויפן צוליב פאַרקויפן, אָדער נעמען אַלס משכון עפּעס פון די קירכלעכע חפצים — בילדער, בגדים, כלים, ווייל דאָס קאָן אַרויסרופן געפערלעכע מהומות פון דער קריסטלעכער מאַסע, וואָס איז חושד די יידן, אַז זיי „פאַרשוועכן" די קריסטלעכע חפצים".

קלישע נומער 38

סטאַטוע פון פיליפּ־אויגוסט. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

עס — אַ שטיקל פון דערנער־קראַנץ, וואָס ישו הנוצרי זאָל האָבן געטראָגן אויף זיין קאָפּ.

מיט די דאָזיקע שורות וועלן מיר ענדיקן דאָס דערציילן די ווייט נישט פריילעכע יידישע מאָמענטן פון דער פּאַריזער נאָטרע־דאַם.

ס'איז שווער, אפילו אוממעגלעך נישט צו טראַכטן וועגן די ליידן און פיין, וואָס אונדזער פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט אין פּאַריז; די מויערן פון דער קירכע דערציילן אונדז וועגן דעם און ספּעציעל די עקסיסטענץ פון דער „באַזיגטער סינאַגאָגע" וואָס איז אַ טיפע באַליידיקונג פאַר אונדז יידן און אַן עוולה לגבי די קריסטן גופא, וועלכע ווערן אַזוי אַרום כסדר דערצויגן אין שנאה צו אונדזער פאָלק.

דאָס שליסט נישט אויס אונדזער באַוואונדערן די גאונות וואָס ליגט אין דעם מאָנומענט און אונדזער דרך־ארץ צו אַ ריי וויכטיקע נאַציאָנאַלע געשעע־נישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די מויערן פון דער קאַטעדראַלע אין פאַר־לויף פון די לאַנגע יאָרהונדערטער פון איר עקסיסטענץ.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

1, 2, 3, 4, 5, 9, 12, 18, 19, 20, 22, 23, 24, 30, 31, 32, 34, 37, 41, 42, 43, 49, 53, 54, 55, 57, 60, 63, 64, 66, 68, 69, 70, 72, 73, 76, 80, 84, 85, 89, 91, 96, 100, 106, 111, 112, 117, 119, 129, 135, 142.

6.

דער יוסטיץ־פּאַלאַץ

צו די פאַרשידענע מאָנומענטן פון פּאַריז, וואָס די צייט האָט פיל־ווייניק געשוינט ביז היינט צו טאָג און וואָס האָבן צו דערציילן וועגן וויכטיקע געשעע־נישן פון יידישן לעבן געהערט אָן ספק אויך די געבײַדע פון יוסטיץ־פּאַלאַץ, די אַמאָליקע קעניגלעכע רעזידענץ. זי געפינט זיך אויפן סיטע־אינדזל, האַרט ביי דער טויש־בריק און וואָס אירע מיטלעלטערלעכע טורעמס שפּיגלען זיך כסדר אין די וואַסערן פון דער סען. (קלישע נומ. 39).

אין רעזולטאַט פון אַ סכסוך אויפן געביט פון תלמוד־אינטערפּרעטאַציע, איז אַ פראַנצויזישער ייד, אַ געבוירענער אין לאַ ראָשעל, אַריינגעלייגט געוואָרן אין יאָר 1225 אין אַ חרם. עלף יאָר שפּעטער האָט זיך דער דאָזיקער ייד גע־שמדט, געוואָרן אַ פראַנציסקאַנער מאָנאַך און זיך אָנגעהויבן רופן ניקאָלאַ דאָנין. ער איז געוואָרן טרויעריק־באַרימט אין לעבן פון פראַנצויזישן יידנטום פון 13־טן י״ה. מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַ „בייזער שלאַנג וואָס צילט קעגן אונדזער פאָלק", אַלס פרישן המן, ווארעם ער איז אין יאָר 1238 אָדער 1239 אַוועק קיין רוים צום פּויפּסט גרעגאָר דעם ניינטן מיט אַ שווערער מסירה אויפן תלמוד. דאָס ווערק — לויט אים — אַנטהאַלט באַליידיקונגען קעגן נוצרי, קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע און אויך אַ ריי אוממאָראַלישע געדאַנקען. דער משומד האָט גלייכצייטיק אויך פאַרזיכערט און אונטערגעשטראָכן, אַז נאָר דער תלמוד האַלט אָפּ די יידן פון אַריבערגיין צום קריסטנטום און קוים זאָל דאָס ווערק באַזייטיקט ווערן, וועט נעמען אַ סוף צו דער יידישער עקשנות פון האַלטן זיך ביי זייער אַלטן גלויבן.

דער לעצטער אַרגומענט איז אפשר געווען דער סאַמע דעצידירנדיקסטער און דעם 15־טן יוני 1239 פאַרעפנטלעכט דער פּויפּסט אַן ענציקליקע, דורך וועל־כער ער פאַראָרדנט צו קאָנפיסקירן אַלע תלמוד־עקזעמפּליאַרן און אַדורכצופירן אַן אויספאָרשונג, כדי צו וויסן וויפל אמת ס'איז פאַראַן אין די אַרויסגערוקטע באַשולדיקונגען פון ניקאָלאַ דאָנין.

טראָץ דעם וואָס די פּויפּסטלעכע ענציקליקע איז געשיקט געוואָרן, אַ חוץ

קלישע נומער 39



דער יוסטיץ־פּאַלאַץ. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

קיין פראַנקרייך, אויך קיין ענגלאַנד און שפּאַניע, איז דער באַפעל אויסגעפירט געוואָרן נאָר אין פראַנקרייך.

דעם 3־טן מערץ 1240, ס׳איז דאַן געווען אַ שבתדיקער טאָג, איז מען באַפאַלן יידישע היימען, שולן און בתי מדרשים און מען האָט צוגענומען אַלע געפונענע ספרים. עס האָט געהייסן אַז מען קאָנפיסקירט דעם תלמוד, אָבער פאַקטיש האָט מען מסתמא צוגענומען אַלע ספרים וועלכע מען האָט געפונען. אויפן סמך פון דער באַשולדיקונג פון משומד ניקאָלאַ דאָנין וואָס איז באַשטאַנען פון 35 פּונקטן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג און די צוגריי־טונגען צו אַ משפט איבערן תלמוד.

אין פראַנקרייך האָט דעמאָלט געהערשט דער קעניג לואי דער ניינטער, אַ פאַנאַטיש גלייביקער קריסט וואָס האָט זיך באַטייליקט אין די קרייץ־צוגן. ער האָט געזוכט צו פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום אויך צווישן די יידן פון זיין לאַנד — צוזאָגנדיק און צאָלנדיק אפילו געלט די יעניקע, וועמען ס׳איז גע־לונגען צו באַווירקן און אָפּשמדן. זייער צאָל איז אָבער געווען נעבעכדיק קליין און איז דער עיקר באַשטאַנען פון מוסולמענישע קינדער.

מערערע פראַנצויזישע געשיכטע־שרייבער שילדערן דעם קעניג ווי אַ זעלטן גוטן מענטשן. ער איז סוף 13־טן י״ה געוואָרן קאַנאָניזירט און ווערט זינט דאַן, גערופן „לואי דער הייליקער״; ס׳איז אָבער שווער צו וויסן וויפל אמת ס׳איז פאַראַן אין דער געשיכטע וועגן זיין גוטסקייט 1) יעדן פאַלס דאַרף דאָ דערציילט ווערן, אַז אַלע פּרווון וועלכע דער קעניג האָט אונטערגענומען אויף אָפּצושמדן די יידן, האָבן נישט געגעבן די געוווּנטשענע רעזולטאַטן, אַ זאַך וואָס האָט דעם „גוטן קעניג״ אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. ער האָט דער־קלערט, אַז מען זאָל זיך נישט אַריינלאָזן מער מיט די יידן אין וועלכן עס איז רעליגיעזן דיספּוט און אַז, אַנשטאָט צו פירן מיט זיי וויכוחים „איז גלייכער אַריינצושטעכן אַ שווערד אין יידישן בויך אַריין״!

אין יענע צייטן פלעגן אָפט פּאַרקומען רעליגיעזע דיספּוטן צווישן יידן און קריסטן. די קירכע האָט אָבער איינגעזען אַז אין די דאָזיקע דיסקוסיעס איז זי די באַזיגטע, וואָרעם עס זענען געווען אַ סך פאַלן פון.. אַריבערגיין צום יידנטום. שוין אין 12־טן י״ה האָט דער פּאַריזער בישאָף פאַרבאָטן די קריסטן צו פירן וויכוחים מיט יידן. (קלישע נומ. 40). די קאָנסילן פון טריער (1227) און טאַראַגאָן (1233) האָבן זיך אויך געשטעלט אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט פון נישט דיסקוטירן מיט די יידן. פון דעסט וועגן זענען אָפט פאָרגעקומען אַזעלכע

1) אין איינער פון זיינע דערציילונגען, שילדערט אַנאַטאָל פראַנס דעם מלך אַלס שיכור און מיידל־פאַרגעוואַלדיקער...

קלישע נומער 40

אַ וויכוח מיט די יידן. (אַלטע צייכענונג).

וויכוחים ביז אויך לואי דער נײַנטער איז געקומען צו דער איבערצײַגונג וועגן זייער אומנוצליכקייט, ווייל מען איבערצײַגט נישט די יידן און דער גוטער מלך האָט געעצהט, אַז אַמגלייכסטן איז „אַרײַנשטעכן זיי אַ שווערד אין בויך אַרײַן."

אין די טעג פון קאָנפיסקירן דעם תלמוד, האָט לואי דער נײַנטער זיך געפונען ווייט פון פּאַריז. ער איז דאַן געווען פאַרוויקלט אין אַ שווערער מלחמה מיט די ענגלענדער און זיין מוטער, די קעניגין בלאַנש פון קאַסטיליע, וועלכע איז פריער, בעת זיין אומפּוליעריקייט געווען די רעגענטין פון לאַנד און וועלכע האָט זיך בכלל כסדר געמישט אין דער מלוכה־אָנפירונג און איטלעכן אַנגעוואָרפן איר ווילן, איז עס געווען די פּערזאָן וואָס האָט באַשלאָסן אַדורכ־צופירן דעם משפט איבערן תלמוד, אין סתירה צו דער פּויפּסטלעכער ענציקליקע.

און ווייל די אידעע פון אַ משפט איבערן תלמוד איז געקומען פון דער קעניגין מוטער, איז ער אויך פאַרגעקומען אונטער איר אָנפירונג און זיך אָנ־געהויבן דעם 12־טן יוני 1240 אין דער קעניגלעכער רעזידענץ, דעם היינטיקן יוסטיץ־פּאַלאַץ. די קעניגין־מוטער האָט דאַן געוווינט אין דעם ביז היינט, גוט־דערהאַלטענעם טורעם „ד׳אַרזשאַן" (קלישע נומ. 41). די שטיינער האָבן אַ סך צו דערציילן וועגן יענע ווייטע טעג, וואָס האָבן איבערגעפּולט די דעמאָלטיקע יידן פון פּאַריז מיט זאָרג און שרעק פאַרן גורל פון די תלמוד־עקזעמפּליאַרן וואָס האָבן זיך געפונען הינטער אַ שלאָס און איבער וועלכע ס׳איז געהאָנגען די געפאַר פון פאַרניכטונג.

גרייטנדיק דעם משפט, האָט מען אויפגעפאָדערט די יידן, זיי זאָלן צושיקן זייערע פאַרטרעטער אויף צו פאַרטיידיקן דעם תלמוד קעגן די אַרויסגערוקטע באַשולדיקונגען.

פאַרטיידיקן דעם תלמוד זענען געקומען, מיט ווייט נישט קיין לייכטע הערצער, פיר פון די דאַן אָנגעזעענסטע רעליגיעזע יידישע אויטאָריטעטן. רבי יחיאל פון פּאַריז, אַ מענטש וועגן וועמען עס האָבן זיך געוועבט אַ סך לעגענ־דעס; ער ווערט אויך גערופן רבי יחיאל הצדיק און רבי יחיאל הקדוש. ביי די פּראָנצויזן איז ער געווען באַקאַנט א״נ סיר וויוו; אַ געבוירענער אין דער שטאָט מאָ, קומט ער אין יאָר 1224 קיין פּאַריז, כדי צו לערנען אין דער דעמאָלט באַרימטער ישיבה פון רבי יהודה סיר לעאָן, (די ישיבה זאָל זיך האָבן געפונען אין דער היינטיקער רי דע לאַ האַרפּ) און נאָכן טויט פון רבי יהודה ווערט ער דער ראש הישיבה איבער די אומגעפער דריי הונדערט תלמידים וואָס זענען געקומען קיין פּאַריז פון גאַנץ פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע לענ־דער. צווישן די תלמידים האָט זיך אויך געפונען דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער רבי מאיר פון ראָטענבורג און רבי יצחק בן יוסף, מחבר פון „בעל החוטים" אַ. אַנד.

קלישע נומער 41



דער טורעם „ד'אַרזשאַן" (רעכטס). וווינאָרט פון דער קעניגין בלאַנש פון קאַסטיליע.
(פאָטאָ : לעאָן אַפּעלבוים).

אַ חוץ רבי יחיאל האָבן זיך צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון תּלמוד געשטעלט רבי משה פֿון קוסי, דער מחבר פֿון „ספר מצוות גדול" וואָס ווערט אויך גערופֿן דער „סמ״ג" און די רבנים ר׳ שמואל בן שלמה פֿון שאַטאָ טיערי און ר׳ יהודה בן דוד פֿון מעלען.

מען קאָן זיך פֿאַרשטעלן וואָס עס האָבן דאַן איבערגעלעבט די פֿיר רבנים ביים צונויפֿטרעפֿן זיך מיטן משומד ניקאָלאַ דאַנין. דערצו נאָך, איז עס טאַקע געווען דער רבי ר׳ יחיאל גופא, וועלכער האָט מיט אומגעפֿער צען יאָר פֿריער אויסגערופֿן דעם חרם אויף ניקאָלאַ דאַנין, וואָס האָט איצט געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך נוקם צו זיין אין די יידן.

פֿון אָנהייב האָט רבי יחיאל אַנטשלאָסן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אויפֿגעצוווּנגענעם דיספּוט, פֿאַררופֿנדיק זיך דערויף, אַז די פּויפּסטן האָבן צוגעזאָגט די יידן פֿריי־הייט אין זייער פּריוואַטן לעבן, אָבער די קעניגין־מוטער בלאַנש פֿון קאַסטיליע האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז די יידן דראָט נישט קיין שום געפֿאַר. אין רעזולטאַט פֿון דעם צוזאָג, האָט רבי יחיאל מסכּים געווען צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס וועלכע וועלן געשטעלט ווערן.

דער דיספּוט איז פֿאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַ סך פּריצים און הויפֿלייט און איז געפֿירט געוואָרן אין דער לאַטייניש[ער] שפּראַך, אַ לשון אין וועלכן די רבנים זענען נישט געווען שטאַרק אַריינגעטאָן און האָט באַ־שווערט די פֿאַרטיידיקונג. דער הויפּט־פֿאַרטיידיקער פֿון תּלמוד איז געווען רבי יחיאל. ער האָט קעגן זיך געהאַט, אַ חוץ אַ קאָמיסיע פֿון דריי אָדער פֿון פֿינף טעאָלאָגן, אויך דעם משומד, וואָס איז געווען פֿול מיט שנאה, אַזוי אַז אין אַ גע־וויסן מאָמענט האָט רבי יחיאל אים געפֿרעגט:

— פֿאַר וואָס באַקעמפֿסטו מיך? וואָס ווילסטו?

דער משומד האָט געפֿרעגט:

— האָט איר דען אין תּלמוד נישט באַדעקט מיט זידלערייען אונדזער האַר ישו?

— באַפֿריי מיך, מלכּה, פֿון ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס; דער תּלמוד איז אַן אַלט ספר און קיינער איז אים ביז איצט נישט באַפֿאַלן. ס׳איז אומזיסט וואָס ער (אָנווייזנדיק אויפֿן משומד) האָט פֿאַרטראַכט זיין פּלאַן, וואָרעם מיר זענען גרייט צו שטאַרבן פֿאַר דער תּורה. ווער עס גרייפֿט זי אָן דער גרייפֿט אונדז אָן. אויב דאָס אומגליק וועט געשען מיט אונדז אין פֿראַנקרייך, וועט אונדזער תּורה בלייבן לעבן אין בבל, אין פּערסיען, אין גריכנלאַנד און צווישן די זיבעציק אומות אויף דער וועלט. אונדזערע גופים געהערן אייך, אָבער נישט

אונדזערע נשמות. איר קאָנט נאָר אָנגרייפן די תורה אין די גרענעצן פון אייער לאַנד.

דער דיספּוט האָט געדויערט אייניקע טעג. ער ווערט איבערגעריסן און דערנאָך ווידער באַנייט. די רבנים פלעגן זיך דערביי מוזן אָפּהאַלטן פון צו שאַרפע ענטפערס, וועלכע וואָלטן באַטראַכט געוואָרן פאַר אפּיקורסות און גע־קאָנט פאַר זיי ווערן געפערלעך. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס קומט דער פּסק־דין אויף וועלכן די יידן האָבן פון דער סאַמע ערשטער מינוט זיך געריכט: די גלחים־ריכטער האָבן, מיט אַן אויסנעם פון איינעם, איינגעפונען די באַשול־דיקונג פאַר ריכטיק און פאַרמשפּט די קאָנפיסקירטע ספרים אויף פאַרברענט צו ווערן.

די פּאַריזער יידן האָבן פּרובירט צו אינטערווענירן מכוח מבטל מאַכן דעם אורטייל און אויסגעפּועלט (ווער ווייסט פאַר וויפל געלט) דאָס אָפּהאַלטן די עקזעקוציע. גאַנץ באַזונדער האָבן די פּאַריזער יידן געלייגט האָפענונגען אויף דעם בישאָף פון סאַנס, גאָטיע קאַרני, דער איינציקער פון די ריכטער וואָס איז געווען באַווירקט פון דער פּאַרטייידיקונג און וועלכער האָט אינטערווענירט מכוח אָפּרופן דעם אורטייל און וועמען מען האָט צוליב דער אינטערווענץ חושד געווען אין זיין אונטערגעקויפט דורך די יידן.

צום אומגליק איז דער דאָזיקער גייסטלעכער, זייענדיק ביים קעניג לואי דעם ניינטן כדי צו אינטערווענירן לטובת דעם תלמוד, פּלוצעם אַוועקגעפאַלן און געשטאָרבן. זיין טויט איז אין יענער צייט פון אַבערגלויבן, גלייך אויס־געטייטשט געוואָרן ווי אַ שטראָף פון הימל פאַר זיינע באַמיאונגען און ס'איז געפאַלן די פאַראָרדענונג אויסצופירן דעם אורטייל. דעם 6־טן יוני 1242 ווערן די קאָנפיסקירטע ספרים, גאַנצע 24 וועגענער, געברענגט אויף דעם פּאַריזער פּלאַס דע גרעוו, היינטיקער פּלאַץ פון האָטעל דע וויל, ווו זיי ווערן פאַרברענט. 1)

דער אויטאָ־דאַ־פע פון די ספרים איז פאַרן פראַנצויזישן יידנטום געווען אַן אויסערגעוויינלעכער קלאַפּ און אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן טרויער אויך צווישן די יידן מחוץ פראַנקרייך. דער רבי ר' מאיר מראָטענבורג וואָס האָט צוגעזען דאָס פאַרברענען פון תלמוד האָט פאַרפאַסט אַ באַרימטע קינה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

---

1) דער גענויער טאָג פון פאַרברענען דעם תלמוד לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכע־נונג איז נישט באַוווּסט. עס ווערן אָנגעגעבן פאַרשידענע דאַטעס. עס ווערן אפילו אָנגעגעבן די יאָרן 1243 און אויך 1244.

אין יענער צייט האָט נאָך דער דרוק נישט עקסיסטירט. די 24 וועגענער ספרים זענען פאַרשטייט זיך געווען מאַנוסקריפּטן. וואָס פאַר אַן אומגעהייערע יידישע מי האָט די מאַסע ספרים מיט זיך פאַרגעשטעלט!

„פּרעג, דו פאַרברענטע אין פייער, (שאלי שרופה באש) וואָס עס טוט זיך מיט די וואָס קלאָגן אויפן שרעקלעכן גורל" א. א. וו. נאָך אַ באַרימטער פייטן פון יענער צייט, ר' יוסף בן מאיר, אַ תלמיד פון ר' מאיר מראָטענבורג פון שטעטל סאַליע, האָט אָנגעשריבן אַ קינה אין וועלכער ער באַוויינט דאָס פאַר־ברענען פון תלמוד אין פּאַריז. 1)

נאָכן פאַרברענען די ספרים זענען פאָרגעקומען ווייטערדיקע פאַלן פון פאַרברענען תלמוד־עקזעמפּליאַרן. מען האָט מסתמא פון צייט צו צייט אַנטדעקט אויסבאַהאַלטענע ספרים. ס'איז באַוווסט פון פאַרברענען תלמוד־עקזעמפּליאַרן אויך אין יאָר 1248. ס'ווערט אפילו אָנגעגעבן וועגן פאַרברענען פון נאָך דריי וועגענער מאַנוסקריפּטן מיט איין מאָל.

מען האָט אַ רעכט צו פרעגן, ווער עס טראָגט די שולד פאַר דער פאָרגע־קומענער קאַטאַסטראָפע מיטן תלמוד? איז דאָך די זעלבע פויפּסטלעכע ענצי־קליקע אויך געשיקט געוואָרן קיין שפּאַניע און ענגלאַנד און די קאָנפיסקאַציע און משפּט איבערן תלמוד האָט זיך אָפּגעשפּילט נאָר אין פראַנקרייך!

לויט דעם היסטאָריקער ראָבערט אַנשעל, זאָל עס נישט האָבן געווען לואי דער ניינטער (דער הייליקער) וואָס האָט געשטויסן צום פאַרברענען דעם תלמוד, טראָץ זיין אַרויסקום וועגן נישט דיסקוטירן מיט ייִדן, נאָר מיטן „אַריינ־שטעכן די שווערד וואָס טיפער אין ייִדישן בויך אַריין", אַן אויסדרוק וואָס איז ווייזט אויס געקומען ביי אים אין אַ מאָמענט פון פאַרביטערונג, איבערצייגנדיק זיך ווי נעבעכדיק עס זענען די רעזולטאַטן פון אַלע זיינע באַמיאונגען צו באַ־ווירקן די ייִדן צום שמד. האָט דאָך דער זעלבער קעניג געהייסן אויך אומקערן צו די ייִדן צוגענומענע שולן, בית עלמינס און פאַרמעגנס.

זאָל די קאַטאַסטראָפע מיטן תלמוד האָבן געשען אין פראַנקרייך נאָר אין רעזולטאַט פון דער גרויסער שנאה און דורשט נאָך נקמה פון ניקאָלאַ דאָנין, וועלכער האָט געקאָנט באַווירקן די פּאַריזער קריסטלעכע וועלט, וואָס האָט געלעבט און געעטעמט מיט די געשעענישן פון קרייץ־מלחמות און געווען אי־בערפולט מיט פאַרביטערונג צום ייִדישן פאָלק?

האָט טאַקע ניקאָלאַ דאָנין געגלייבט אין די אַלע דורך אים אַרויסגערוקטע באַשולדיקונגען קעגן תלמוד? איז זיין האַנדלונג אפשר געווען אַ נקמה פאַרן

---

1) דאָס שטעטל סאַליע (ביי אָקסער) ליגט אויפן גרויסן שליאַך וואָס פירט פון פּאַריז איבער ליאָן, צום מיטללענדישן ים. עס איז גרויס די צאָל ייִדן וואָס פאָרן פאַרביי דאָס שטעטל בעת די וואַקאַציע־טעג, איילנדיק זיך אין זייערע אויטאָמאָבילן צו געניסן פון זון און ים. טראַכטן זיי, וויסן זיי כאָטש וועגן דעם פייטן וואָס האָט דאָ געלעבט אין 13־טן י"ה און דאָ געוויינט צוליב די ייִדישע צרות?

אויסשליסן אים פון יידישן כלל? וואָס האָט זיך עס אייגנטלעך אָפּגעשפּילט אין זיין האַרצן?

אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן אים איז, אַז ער האָט אַ סך שפּעטער זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט און איז דורכן פּויפּסט ניקאָלאַ דעם דריטן פאַראורטיילט געוואָרן צו עפּעס אַ שטראָף.

צו וועלכער שטראָף און פאַר וועלכער זינד?

האָט נישט אַ מאָל דער רבי ר׳ יחיאל פון פּאַריז, אין די טעג פון משפּט איבערן תלמוד, אויף אַ ווײַלע כאָטש באַדויערט דעם דורך אים גופא אַרויסגערופענעם חרם, וואָס האָט גורם געווען די שפּעטערדיקע קאַטאַסטראָפע?

ווער איז בכוח צו ענטפערן אויף די אַלע פראַגעס?

אין יאָר 1394 ווערן די יידן אַרויסגעטריבן פון לאַנד און באַווייזן זיך אויף דאָס ניי אין פּאַריז ערשט פיר הונדערט יאָר שפּעטער. ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געפינען זיך אין דער שטאָט אַרום פינף הונדערט יידן.

דער קעניגלעכער פּאַלאַץ אין וועלכן ס׳האָט אין 13־טן י״ה זיך אָפּגעשפּילט דער משפּט איבערן תלמוד עקסיסטירט כסדר. געוויסע טיילן זיינע זענען צעשטערט געוואָרן דורך פאַרגעקומענע שׂרפות. נייע בנינים זענען צוגעבויט געוואָרן. ער איז אויך נישט מער די רעזידענץ פון די פראַנצויזישע מלכים וועלכע האָבן אים, אין 16־טן י״ה ענדגילטיק פאַרלאָזט. ער עקסיסטירט זינט דאַן אויסשליסלעך ווי אַ געריכט־בנין. אייניקע באַרימטע משפּטים פון גרויסער וויכטיקייט פאַר דער נייער געשיכטע פון פּאַריזער יידישן ישוב זענען דאָ פאַרגעקומען.

אין די יאָרן 1793 — 1794 זיצט אין יוסטיץ־פּאַלאַץ דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל און טראָגט אַרויס זיינע טראַגישע און ס׳רוב אומבאַרעכטיקטע און אומבאַגרינדעטע טויט־אורטיילן איבער טויזנטער מענטשלעכע לעבנס. צווישן די פאַראורטיילטע אויף דער גיליאָטינע געפינט זיך אויך אַ צאָל יידן. אינעם ברידער־קבר פון גיליאָטינירטע אין דער א״ג „שאָפּעל עקספּיאַטואַר" געפינען זיך ניין אומגעקומענע יידן און אין דער ליסטע פון גיליאָטינירטע, וועמענס ברידער־קבר געפינט זיך אין „גאָרטן פּיקפּוס" געפינען מיר מינדעסטנס זעקס יידישע קרבנות. מיר האָבן אָבער ווייט נישט די זיכערקייט אַז דערמיט שעפּט זיך אויס די צאָל גיליאָטינירטע יידן אין פּאַריז, געמשפּטע אין יוסטיץ־פּאַלאַץ דורכן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל.

מיטן צוריקקומען פון די בורבאָנען אין לאַנד אַריין, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער טעראָר קעגן פאַרדעכטיקטע אין רעפּובליקאַנישע און באָנאַפּאַרטיסטישע סימפּאַטיעס. אַם גרויזאַמסטן האָט זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט אַ

געוויסער טרעסטאַל. ער פּלעגט איבערפּאַלן, אונטערצינדן און אייגנהענטיק שיסן מענטשן וועמען ער האָט חושד געווען אין זיין קעגנער פון נייעם רעזשים. איין מאָל האָט ער זיך דערפילט באַליידיקט פון אַ פּאַריזער איינוווינער און אים פאַרקלאָגט אין געריכט.

פאַרטיידיקן דעם באַשולדיקטן איז געקומען אַ יונג און אומבאַקאַנט אַד־וואָקאַטל, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון דער פּראָווינץ. ער איז געווען פון נידעריקן וווקס און ווייט נישט קיין שיינער. אָבער אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס: ער איז אויסגעוואַקסן פון זיין אָרט, פול געמאַכט מיט זיך דעם זאַל. זיין פאַרטיידיקונג, זיינע אַרגומענטן און זיין אָראַטאָרישער טאַלאַנט האָבן געמאַכט אַזאַ רושם אויף די ריכטער אַז דער צו־געצויגענער צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אַרויס אַ באַפרייטער און דער פאַרקלאָגער, דער מאַנאַרכיסט טרעסטאַל, איז גלייך אין זאַל אַרעסטירט געוואָרן פאַר אַ ריי פאַרברעכנס אין וועלכע דער יונגער אַדוואָקאַט האָט אים באַשולדיקט.

דאָס אומבאַקאַנטע יונגע אַדוואָקאַטל איז געווען דער ייִד אַדאָלף קרעמיע, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון זיין געבורטשטאָט נים און דאָ, אין יאָר 1819 אויפגעטרעטן צום ערשטן מאָל, אָנהייבנדיק זיין גרויסע קאַריערע אַלס אַדוואָקאַט און פּאָליטיקער. (קלישע נומ. 42).

סוף פון פאַרגאַנגענעם י״ה לעבט איבער דאָס לאַנד דעם ריזן־שטורעם וואָס איז באַרימט ווי די דרייפוס־אַפערע. אין יאָר 1898 ווערט ענדלעך אויפ־געדעקט, אַז דער דאָקומענט וואָס איז באַקאַנט אַלס „באָרדעראָ״ און וועלכער האָט געדינט אויף צו פאַראורטיילן דעם קאַפּיטאַן דרייפוס איז אַ געפעלשטער. דער אמתער שולדיקער אַנטלויפט קיין אויסלאַנד און דער קאָלאָנעל אַנרי וואָס האָט אָרגאַניזירט די פעלשונג באַגייט זעלבסטמאָרד. אויף דער ווענדונג פון דער פרוי דרייפוס און פון זיין ברודער מאַטיע דרייפוס קומט זיך דאָס געריכט צונויף אין בנין פון יוסטיץ־פּאַלאַץ כדי צו באַטראַכטן זייער ביטע מכוח רעווידירן דעם אורטייל און נאָך אַ ריי באַטראַכטונגען, באַשליסט דאָס געריכט, אויף דער זיצונג פון 3־טן יוני 1899 צו אַנולירן דעם ערשטן משפּט איבער דרייפוסן. אוודאי זענען די דאָזיקע ריכטער פאַרשריגן געוואָרן אַלס „באַצאָלטע אַגענטן פון די דייטשן״. די באַראַטונג גופא פון געריכט איז דער־קלערט געוואָרן אַלס „סינאַגאָגע״ און די ריכטער אַלס „לאָקייען פון דער סינאַגאָגע״...

און נאָך אַ משפּט שפּילט זיך דאָ אָפּ אין יאָר 1927.

מען משפּט דעם ייִד שלום שוואַרצבאַרד פאַר זיין דערשיסן דעם 25־טן

קלישע נומער 42



אַדאָלף קרעמיע.

מאַי 1926 דעם אוקראַינישן אַטאַמאַן סימאָן פּעטליורא פאַראַנטוואָרטלעכן פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט אין אוקראַינע.

שלום שוואַרצבאַרד ווערט דורך זיינע ריכטער איינשטימיק אַנערקענט אַלס אומשולדיק און באַפרייט. (קלישע נומ. 43).

יאָ, די מויערן פון פּאַריזער יוסטיץ־פּאַלאַץ וואָס האָבן צוגעזען און געהערט דעם טראַגישן משפּט איבערן תלמוד, זענען צום טייל דערהאַלטן ביז היינט צו טאָג...

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

1, 21, 32, 46, 50, 57, 69, 81, 85, 97, 99, 100, 101, 105, 108, 115, 119, 135, 139, 140, 141.

קלישע נומער 43



שלום שוואַרצבאַרד. (צייכענונג פון בען).

7.

דער בילבול וועגן דער פראפאנירטער האסטיע

צו די מאנומענטן וועלכע דערציילן וועגן יידישן לעבן און יידישער פארגאנגענהייט אין פאריז, געהערט אויך דער לוטעראנישער „טעמפל דע בילעט" וואס געפינט זיך אין דער ארכיוו־גאס נומ. 22 (רי דעז ארשיוו) און אויך דאס איבערבלייבעניש פון א קליינעם גאטישן קלויסטערהויף פון 15־טן י"ה וואס געפינט זיך הינטער די שווערע טירן פון דערנעבנדיקן הויז נומ. 24.

די עקסיסטענץ פון דער קירכע און פון גאטישן קלויסטערהויף איז א רעזולטאט פון א האסטיע־בילבול אויף א פאריזער ייד יונתן, וואס האט דא געוווינט סוף פון 13־טן י"ה און וואס איז אומגעקומען א פארברענטער אויפן שייטערהויפן אין יאר 1290.

דער גרויסער כוח פון דער קריסטלעכער וועלט צום סוף פון 11־טן י"ה, האט געפונען זיין אויסדרוק אין די קרייץ־צוגן וועלכע האבן אנגעהאלטן ביי צוויי הונדערט יאר.

אנגעהויבן די מלחמות צוליב פרומקייט און גאט־פארכטיקייט, האבן זיי זיך פארוואנדלט אין שוידערלעכע פאגראמען און מארדצוגן קודם כל קעגן אונדז יידן און אין פארביסענע אינטריגעס און רייסערייען פאר פערזענלעכער מאכט און הערשאפט צווישן די קריסטלעכע פירערס גופא.

דער סוף פון 13־טן י"ה האט מיט זיך געברענגט דעם ענדגילטיקן דורכפאל פון די קרייץ־מלחמות און די קריסטלעכע וועלט האט אין איר דערשלאגנקייט זיך געניייטיקט אין אויסטערלישע נסים, כדי צו הייבן דעם געפאלענעם מוט און דיסקרעדיטירטן גלויבן ביי די שווער אנטוישטע פאלקסמאסן. דאס האט גאנץ ווארשיינלעך גורם געווען צום אויפקום פון דער סאמע נייעסטער דערפינדונג, פון א יידישער האסטיע־פראפאנאציע און פון אויסטערלישע נסים, וואס געשעען דערביי. אזוי ארום איז געבוירן געווארן אין פאריז, אין יאר 1290, דער ערשטער ווי מיר גלויבן עס, האסטיע־בילבול, פון וועלכן עס איז געפאלן א קרבן דער ייד יונתן.

פונקט ווי דער עלילת־דם וואָס איז אויפגעקומען אין יאָר 1144 אין ענגלאַנד און פון דאָרט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט, אַזוי האָט זיך אַהין אַריבערגעטראָגן דער שפּאָגל נייער שקר־בילבול וועגן אַ יידישער האָסטיע־פּראָפאַנאַציע אין פּאַריז. דער אומצוטרוי און שנאה צו יידן האָבן געשאַפן אַ גוטן באָדן פאַר כלערליי אויסטראַכטענישן.

נישט געקוקט דערויף וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט אויסגעטראַכט אויף אונדז יידן די דאָזיקע מעשה, ווייסן נישט די יידן גופא, מיט אַן אויסנעם פון יחידים, וואָס עס איז און וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר אַ האָסטיע!...

כדי דאָס קלאָר צו מאַכן דאַרף דאָ דערציילט ווערן אָט וואָס:

אין די עוואַנגעליעס פון מתי, מאַרקוס און לוקאַ ווערט דערציילט, אַז בעת דער א"ג "לעצטער מאָלצייט", וואָס דער נוצרי האָט געהאַט מיט זיינע תלמידים, דעם אָוונט פון פסח, האָט ער צעבראָכן אַ מצה און געבנדיק איטלעכן דערפון צו פאַרזוכן, זאָל ער דערביי צו זיי האָבן געזאָגט: "דאָס ברויט, וואָס איר עסט איצט, איז מיין לייב". די דאָזיקע סימבאָלישע רייד האָבן גורם געווען דערצו, אַז פון די סאַמע פריסטע טעג פון דער קריסטלעכער רעליגיע איז אין דער קירכע איינגעפירט געוואָרן אַ מנהג, אַז ביי געוויסע צערעמאָניעס גיט דער גלח דעם גלויביקן צו עסן דאָס א"ג הייליקע ברויט, וואָס איז געבאַקן ווי די יידישע מצה אָן זאַלץ און אָן הייוון און איז געמאַכט אין דער פאָרם פון קליינע, רונדע און דינע מצהלעך, וואָס ווערן אָנגערופן האָסטיע 1) און אַז דורכן אויפעסן דאָס דאָזיקע מצהלע קומט פאָר, ווי עס באַהויפּט די קריסטלעכע רעליגיע, אַ מיסטישע פאַרדייאונג פון קריסטוסעס לייב, וואָס דער נוצרי האָט געבערענגט פאַר אַ קרבן, כדי אויסצולייזן די מענטשהייט פון אירע זינד.2)

לאַנגע יאָרן זענען די האָסטיע־מצהלעך, וואָס טראָגן אויף זיך אויסגעפּרעסטע קריסטלעכע סימבאָלן, געבאַקן געוואָרן אויסשליסלעך דורך דער קירכע גופא. ערשט צום סוף פונעם 14־טן י"ה האָט מ'ען זיי אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן מחוץ דער קירכע. פאַראַן קליינע און גרעסערע מצהלעך; די קליינע זענען באַשטימט פאַר די גלייביקע און די גרעסערע מצהלעך זענען פאַרן גלח, וועלכער ריכט אָפּ די תפילה.

---

1) ס'איז אַ גריכיש וואָרט, וואָס מיינט "קרבן".

2) פונקט ווי מיטן מצהלע, אַזוי איז אויך געשען מיטן ווייַן וואָס קריסטוס האָט בעת דער זעלבער פסח־מאָלצייט געטרונקען מיט זיינע תלמידים, דערקלערנדיק זיי, אַז "דער ווייַן איז זיין בלוט". די האָסטיע און דער ווייַן, וואָס ביידע ווערן גענוצט בעת דער קירכלעכער צערעמאָניע, די קאָמוניע, ווערן דורך דער קריסטלעכער וועלט גערופן "איי־כאַריסטיע".

אָבער די דאָזיקע האָסטיע־מצהלעך, וועלכע זענען געבאַקן פון ווייצן־מעל און ווערן באַטראַכט דורך די גלייביקע קריסטן — ווי שטוינענדיק דאָס זאָל נישט זיין — פאַר גאָטס לייב, פאַרמאָגן אין זיך, ווי בכלל אַ ריי אַנדערע מעל־פּראָדוקטן, אַ מערקווערדיקע אייגנשאַפט: פון לאַנג ליגן געשעט, אַז עס באַווייזן זיך אויף זיי רויטלעכע פלעקן, וועלכע נעמען זיך פון אַ געוויסן מיקראָב וועלכער הייסט **Micrococcus prodigiosus**, וואָס מערט זיך אין געבעקס און רופט אַרויס די רויטקייט. היינט צו טאָג ווייסט מען די סיבה דערפון, אָבער אין די ווייטע טעג פון מיטלעלטער האָט דאָס באַוויזן זיך פון די רויטלעכע צייכנס און פלעקן אויף די האָסטיע־מצהלעך אַרויסגערופן אַ טיפע אויפרודערונג און שרעק ביי די גלייביקע, וואָרעם אויב די האָסטיע, ווי עס לערנט די קריסטלעך־קאַטוי־לישע רעליגיע, איז גאָטס לייב, איז עס דאָך אַן אויסערגעוויינלעכער באַוויז, אַז אין מצהלע לעבט באמת און בלוטיקט דער נוצרי.

פון די דאָזיקע מערקווערדיקע רויטלעכע פלעקן איז שוין געווען אַ קורצער שפּאַן צו אַ בילבול אויף די ייִדן, וואָס נישט נאָר זיי הרגענען און קרייציקן קריסטלעכע קינדער, כדי צו נוצן זייער בלוט אויף מצות, נאָר זיי זוכן אויך אַריינ־צוקריגן די הייליקע האָסטיע גופא, פון וועלכער זיי חוזקן אָפּ, פּראָפאַנירן זי אויף פאַרשידענע אופנים, שטעכן זי אפילו דורך פונקט ווי מען האָט עס געטאָן מיט קריסטוסן, ביז דאָס מצהלע, גאָטס לייב הייבט אָן צו בלוטיקן.

אַזוי אַרום איז אין יאָר 1290, אין די לעצטע יאָרן נאָכן ענדגילטיק־טראַגישן דורכפאַל פון די קרייץ־מלחמות, געבוירן געוואָרן אין פּאַריז דער בילבול אויף דעם ייִד יונתן, וועלכער זאָל זיך האָבן איינגעשאַפט די האָסטיע, זי פּראָפאַנירט, געשלאָגן, געשטאָכן, ביז דאָס הייליקע ברויט האָט גענומען בלוטיקן.

דאָס מאָל האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז אין באַווייזן זיך פון וועלכע ס׳איז רויטלעכע פלעקן אויפן מצהלע, נאָר פון גאַנצע שטראָמען בלוט.

די מעשה מיטן בלוט, וואָס זאָל האָבן געשטראָמט פון דער האָסטיע אין רעזולטאַט פון דער ייִדישער פּראָפאַנאַציע, איז נישט געווען קיין פּלוצעמדיק דערטראַכטן זיך צו אַזאַ זאַך; די דאָזיקע בלוט־געשיכטע האָט שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג, ביז זי האָט לסוף עוואָלואירט צום דערמאָנטן בילבול אויף ייִדן.

די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע איז פול מיט בלוטיקע נסים, נישט געשטויגענע מעשיות, פאַלשע סטיגמאַטן, פאַלשע רעליקוויעס, פאַלשע קברים פון הייליקע אא״וו. דאָס איז אַ געוואַלדיק־אַקטיווע פאַבריק פון פאַלסי־פיקאַטן.

שוין מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק האָט מען געהאַט באַרעכנט, אַז ווען מען זאָל צונויפנעמען אויף איין אָרט אַלע פּאַראַנענע רעליקוויעס, וועלכע שטאַמען כלומרשט פון קרייץ אויף וועלכן קריסטוס זאָל האָבן אומגעקומען, וואָלטן זיי פאַרנומען גאַנצע פיר קוביק־מעטער. בלויז די פּאַראַנענע א״ג רעליקוויעס פון צלם און דערנער־קראַנץ, ציילן הונדערט און דריי איינסן...

אַזוי איז אויך פאַראַן אַ לאַנגע קייט פון אַלטע משונהדיקע מעשיות וועגן נסים מיט דער האָסטיע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט לאַנג פאַרן יאָר 1290 און וועלכע האָבן, מיט נאָר זעלטענע אויסנעמען, אין גאַנצן נישט געהאַט צו טאָן מיט יידן און ערשט שפּעטער זיך דערקייקלט צו אַ בילבול אויף יידן.

אַזוי למשל ווערט דערציילט, אַז אין יאָר 1017 האָט אַ שווערער שטורעם אומגעברענגט אַ גרויסן טייל פון דער רוימישער באַפעלקערונג. דער פּויפּסט האָט זיך דערוווסט (?), אַז דאָס אומגליק איז געשען דערפאַר ווייל... די יידן האָבן געשאָלטן די האָסטיע; דער פּויפּסט האָט געלאָזט אָפּהאַקן קעפּ פון יידן און דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט...

די יידן האָבן באַליידיקט די האָסטיע און שווער באַשטראָפט איז קודם כל געוואָרן די נישט־יידישע באַפעלקערונג פון רוים...

ווען אין יאָר 1046 האָט אָפּגעברענט אַ קירכע אין דער שטאָט ניוועל (בראַבאַנט) איז געווען קלאָר (?), אַז דאָס איז אַ שטראָף דערפאַר, וואָס דער גלח האָט פאַרגאָסן אייכאַריסטישן וויין אויף די שטיינער פון טעמפּל. דאָס מאָל ווי מיר זעען, האָט עס אין גאַנצן נישט געהאַט קיין שייכות מיט יידן; אָבער דער אַזוי באַרעמהאַרציקער און יושרדיקער נוצרי האָט אַלס נקמה פאַרן פאַרגיסן דעם וויין, (זיין בלוט) אויסגעלאָזט זיין שווער האַרץ צו זיין אייגן הויז, צו דער קירכע און זי געלאָזט אָפּברענען.

אָבער די וועגן פון קריסטוסן זענען באמת נישט צו פאַרשטיין פאַר אונדזער פּשוט מענטשלעכן שכל, וואָרעם ס׳ווערט דערציילט אַ געשיכטע, אַז אין יאָר 1092 (אָדער 1192...) האָט אַ גלח אין טירינגען, צוליב נאַכלעסיקייט, געלאָזט אַריינפאַלן די האָסטיע אין וואַסער אַריין בעתן וואַשן זיך די הענט, און דאָך האָט די קירכע נישט געברענט ווי אין ניוועל און קיינער איז נישט אומגעקומען ווי ס׳איז געשען אין רוים: דאָס מאָל האָט זיך גאָר דער נוצרי באַוויזן צום גלח אַ לעבעדיקער אין פלייש און ביינער.

וואָס עס איז געשען בעת זיין באַווייזן זיך צום פאַרזינדיקטן גלח, דערציילט נישט די געשיכטע...

אין יאָר 1229 האָט אַן עלטערער גלח אין פלאָרענץ, שלעכט אויסגערייניקט

דעם קירכלעכן כוס פון אייכאַריסטישן ווייַן און פּלוצעם האָט זיך אין געשיר באַוויזן „דאָס וווּנדערלעכע קריסטוס־בלוט״...

אין 1273 איז אין פריז (איטאַליע) פאָרגעקומען אַ פאַרפּלייצונג, פון וועלכער ס׳זאָלן האָבן אומגעקומען ביי הונדערט טויזנט פערזאָן און געשען איז עס אַזוי דערפאַר, ווייל מען האָט באַליידיקט די האָסטיע!

אימעצער האָט פראָפאַנירט דאָס הייליקע ברויט, יעדנפאַלס איז עס לויט דער מעשה נישט געטאָן געוואָרן דורך קיין יידן, ווי ס׳איז געשען און ווי מיר האָבן עס פריער איבערגעגעבן אין רוים און דאָך האָבן הונדערט טויזנט קריסטן באַצאָלט פאַר דער זינד מיט אומקומען דורך אַ פאַרפּלייצונג.

פאַר וואָס אַזאַ אומרחמנותדיקע גרויזאַמקייט מצד אַ רעליגיע, וועלכע פּרע־דיקט ליבע און מחילה?

אין יאָר 1277 איז אין מאָעסטריך (האָלאַנד) פאָרגעקומען נאָך אַ שווערע שטראָף פאַר באַליידיקן די האָסטיע: דער עולם האָט זיך פאַרווייַלט און גע־טאַנצט אויף אַ בריק; מען האָט דאַן דאַן גראָד פאַרבייגעטראָגן אַ האָסטיע צו אַ שטאַרבנדיקן און קיינער פון דעם עולם האָט זיך נישט פאַרנויגט פאַרן הייליקן ברויט; אַלס שטראָף האָט די בריק זיך איינגעבראָכן און צוועלף הונדערט פערזאָן זענען דערטרונקען געוואָרן...

מיר קענען זיך נאָר וווּנדערן, וואָס עס זענען פאַראַן אַנדערע געשעענישן מיט דער האָסטיע, וועלכע זענען נישט אַזוי גרויזאַם ווי די נאָר וואָס דערציילטע, אָבער פאָרט ביז גאָר אינטערעסאַנטע, וועלכע דאַרפן דינען פאַר אַ באַשטעטיקונג פון דער גרויסער הייליקייט פון מצהלע. אַזוי למשל ווערט דערציילט אַ באמת וווּנדערלעכע געשיכטע וועגן אַ האָסטיע אין רימיני (איטאַליע) וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ... בינטל היי!

ווי קומט אַ האָסטיע צו זיין באַהאַלטן אין אַ בינטל היי? דאַרף מען אויף קיין מעשה נישט פרעגן קיין קשיה, זאָגט אַ יידיש פאָלקסווערטל; דער עיקר און סאַמע שטוינענדיקסטע פון דער געשיכטע איז דאָס, וואָס דאָס הונגעריקע פערד האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צום היי... נאָך מער, דאָס פערד האָט זיך אפילו געבוקט צום היי, ווי תפילה געטאָן!...

דאָס אַלץ זענען נאָר אייניקע מעשיות פון דער גאָר גרויסער צאָל, וואָס מיר געפינען ביי אַ ריי אַלטע מחברים מכוח דער געטלעכקייט פון דער האָסטיע, טראָץ דעם וואָס דאָס מצהלע איז פון פשוטן ווייצן־מעל און געבאַקן דורך פשוטע מענטשלעכע הענט.

די דאָזיקע צום טייל נאַאיווע און אייניקע טראַגישע געשיכטעס און געשעע־נישן מיט דער האָסטיע וועלכע מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן, האָבן, אַ חוץ זעל־

טענע אויסנעמען, כמעט נישט געהאַט קיין שייכות מיט יידן. אַלע זענען זיי געשען פאַרן יאָר 1290, ד״ה פאַרן אויפקום פון פאַריזער בילבול. אויך דערנאָך זענען פאָרגעקומען האָסטיע־נסים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות מיט יידן, אָבער דאָס רוב פון די האָסטיע־געשעענישן נאָך 1290 זענען שוין געקומען ווי בילבולים אויף יידן, וועלכע זאָלן האָבן כסדר געזוכט צו פּראָפאַנירן דאָס הייליקע ברויט.

אַזוי למשל אין לימאַי (פראַנקרייך), אין יאָר 1317, האָט אַ האָסטיע זיך באַדעקט מיט בלוט, ווייל זי איז אָנגערירט געוואָרן דורך אַ נישט־גלויביקן. (?) אין יאָר 1321 האָט מען אין קלינדעראַ געפונען אַ האָסטיע אין... טאָרף: עס האָט זיך געגאָסן פון איר בלוט און עס זענען דערביי געשען מופתים. אין יאָר 1374 האָט אַ האָסטיע אין מידלבורג (האָלאַנד) זיך באַדעקט מיט בלוט אויך דערפאַר, וואָס זי איז אָנגערירט געוואָרן דורך אַ נישט גלויביקן.

צי האָט מען אין דער קריסטלעכער וועלט טאַקע געגלייבט אין דער געשיכטע, אַז דאָס מצהלע לעבט? אַז ס׳איז גאָטס לייב און אַז עס באַווייזט נסים?

אין יענע ווייטע טעג פון אַבערגלויבן, פון אַזוי ווייניק וויסן האָבן גרויסע מאַסן, אין זייער אָפּגעשטאַנענקייט זיכער געגלייבט אין די אַלע דערציילטע מעשיות. דאָך זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן צווייפלער אין דעם אמת פון די אויסטערלישע נסים וועגן דער האָסטיע, וועלכער קיינער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געזען, בלויז געהערט וועגן דעם דערציילן.

אַזוי איז באַרימט די געשיכטע מיטן גלח בערענגער פון טור, וואָס איז אין 11־טן י״ה אַרויסגעטרעטן קעגן דער אייכאַריסטישער מעשה, אַז דער נוצרי לעבט אין דעם געהייליקטן מצהלע, אָדער אַז דער ווייַן איז זיין בלוט; ער האָט געהאַלטן, אַז די האָסטיע דאַרף נאָר סימבאָליש באַטראַכט ווערן ווי גאָטס לייב.

בערענגער איז פאַר זיין אפיקורסות שווער באַקעמפט און פאַראורטיילט געוואָרן דורך די קאָנסילן פון ווערסעל אין יאָר 1050, פון טור אין יאָר 1054 און פון פאַריז אין יאָר 1059 און איז געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון זיינע באַהויפּטונגען און פאַרברענען זיינע שריפטן וועגן דעם ענין.

נישט קאָנענדיק אָבער צוזען דאָס ווייטערדיקע אָנגיין מיט דער ווילדער מעשה, האָט ער אויף דאָס ניי אָנגעהויבן זיך אַרויסזאָגן קעגן דער קירכלעכער פּרעדיקונג, אַז די האָסטיע איז גאָטס לייב. אין יאָר 1079 ווערט בערענגער פון טור שטרענג אויפגעפאָדערט צו קומען קיין רוים און דאָרט, זעענדיק זיך מסתמא אין אַ גרויס געפאַר, איז ער אויף דאָס ניי געווען געצוווּנגען עפנטלעך אָפּצולייקענען זיינע אפיקורסישע געדאַנקען און דערקלערן זיין חרטה. די „געשיכטע״ דערציילט, אַז אין רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן באַזוך זיינעם אין רוים איז ער ענדלעך אַרויף אויף דעם גוטן וועג...

מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז אין דער קאַטוילישער וועלט איז בערענגער פון טור ווייט נישט געווען דער איינציקער צוויפלער אין דעם קירכלעכן אמת וועגן דער מופתדיקער האָסטיע, מופתים וועלכער קיינער האָט קיין מאָל נישט געזען, נאָר וועגן וועלכער מען האָט גערעדט, פאַרשפּרייט קלאַנגען, דערציילט און פאַרזיכערט, אַז אַזוי איז דאָ אָדער דאָרט געשען. אָבער דאָס רוב צוויפלער האָבן געמוזט האַלטן זייער צונג פאַרשלאָסן הינטער זיבן שלעסער, צוליב די זעלבע געפאַרן וועלכע עס האָט מסתמא אויך געזען פאַר זיך דער גלח בערענגער פון טור.

עס זענען זיכער געווען אַ סך צוויפלער אין דער אַבסורדאַלער האָסטיע־דאָגמע, אָבער אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט איז געוואָרן מעגלעך ערשט מיט דער אַנטשטייאונג פון דער פּראָטעסטאַנטישער באַוועגונג. דער שווייצערישער רעפאָרמאַטאָר צווינגלי פון 16־טן י״ה האָט כמעט ווי איינגעשטימט מיט בערענ־גערן, אַז די אייכאַריסטישע מיסטעריע איז בלויז אַ סימבאָל. קאַלווין למשל האָט געהאַלטן, אַז דאָס לייב פון קריסטוסן געפינט זיך אויסשליסלעך אין הימל און ווירקט נאָר אויף דער נשמה פון גלויביקן.

די קאַטוליש־קריסטלעכע כראָניק האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס צו נאָטירן די נעמען פון די צוויפלער. זי האָט בכלל געהאַלטן פאַר וויכטיק וואָס וויניקער צו פאַרשרייבן ענינים וועגן אפּיקורסות; גראָד פאַרקערט, זי איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָלן דערציילט און פאַרשפּרייט ווערן וואָס מער מעשיות וועגן פאַרגעקומענע נסים; ס׳איז געווען אַ מצווה באַוווסטזיניק צו זאָגן, דערציילן און באַהויפּטן ליגנס, אויב זיי קאָנען נאָר שטאַרקן דעם גלויבן (Pro pietate mentiri).

מיר האָבן אַ רעכט אָנצונעמען, אַז די אפּיקורסות פון בערענגערן און מסתמא אויך פון אַ סך אַנדערע האָט אַרויסגערופן ביי די קירכע־לייט אַ געשטייגערטן פאַרלאַנג צו האָסטיע־נסים, כדי דורך דעם דאָזיקן וועג צו באַקעמפן דעם גע־וואָרפענעם צוויפל וועגן דער אייכאַריסטיע, און מער ווי איינער פון די ליגן־זאָגערס „לטובת דעם רבונו של עולם״ האָט זיך באַמיט און גוזאָרגט דערפאַר. איז טאַקע דאָס 11־טע י״ה געווען דער אָנהייב פון גרויסן אויפבלי פון אַזעלכע משונהדיקע האָסטיע־נסים וועלכע זענען שפּעטער נאָכן דורכפאַלן פון די קרייץ־צוגן, געוואָרן גענוצט אַ חוץ אויף צו שטאַרקן דעם גלויבן אויך קעגן יידן און גלייכצייטיק כדי צו ציען פון די בילבולים מאַטעריעלע פּראָפיטן.

די קריסטלעכע געשיכטעס וועגן בלוט, וועלכע באַווייזן זיך כסדר דאָ און דאָרט, הייבן זיך אָן, קאָן מען זאָגן, מיט דער דערציילונג אין דער עוואַנגעליע פון לוקאַ וועגן אַ בלוטיקן שוויס, וואָס האָט פון שרעק פאַרן פירשטייענדיקן

אַרעסט זיינעם באַדעקט דעם נוצריס פּנים. דער דאָזיקער בלוטיקער שוויס פּלוס די אייכאַריסטישע מעשיות האָבן לאַנגזאַם עוואָלואירט צו די אָפּטע דערציילונגען וועגן בלוטיקע נסים. אין די דאָזיקע לעגענדעס טרעפן מיר פון צייט צו צייט אויך אָן מעשיות וועגן שוידערלעכע יידישע זינד, אָבער נישט וועגן וועלכן ס'איז יידישן ווילן אָדער פּרווו צו פּראָפּאַנירן די האָסטיע; אַזעלכעס האָט נאָך נישט עקסיסטירט. די דאָזיקע מעשה איז געבוירן געוואָרן צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1290 אין פּאַריז.

אַזוי למשל געפינען מיר ביי גרעגואַר פון טור, דעם גאַלישן כראָניקער פון 6־טן י״ה אין זיין ווערק « De gloria martyrum » אַ מעשה וועגן אַ יידן, וועלכער האָט אַריינגעשאָסן אַ פייל אין אַ בילד פון דערלייזער און דאָס בילד האָט אָנגע־הויבן בלוטיקן.

כמעט די זעלבע מעשה דערציילט דער היסטאָריקער סיגעבערט פון 12־טן י״ה וועלכער גיט דערביי צו, אַז דעם ייד זאָל מען האָבן פאַרשטיינערט.

דער קאַרדינאַל צעזאַר באַראָניוס, אַ מחבר פון 16־טן י״ה ברענגט אין זיין געשיכטע פון דער קירכע אַ מעשה, אַז אין יאָר 1204 זאָל אַ ייד נעבן טריער האָבן געשליידערט אַ פייל אין אַ קרוציפיקס און געמאַכט אַ טיפע וווּנד אין דער האַנט, פון וועלכער ס'האָט זיך געגאָסן בלוט ווי פון אַ לעבעדיקן מענטשן. דער ייד זאָל זיך האָבן געטויפט (מסתמא כדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן צוליבן בילבול וואָס איז אויף אים געמאַכט געוואָרן).

אַזעלכע מעשיות וועגן בלוטיקנדיקע קרוציפיקסן, סטאַטועס און אפילו אויך בילדער פון קריסטוסן צי פון זיין מוטער זענען פאַראַן גאָר אַ סך, אָבער צו דער געשיכטע פון יידישער פּראָפּאַנאַציע פון דער האָסטיע איז נאָך געווען אַ וויי־טער וועג.

טראָץ אונדזער באַהויפּטונג, אַז דער בילבול וועגן דער פּראָפּאַנירטער האָסטיע אין יאָר 1290 אין פּאַריז איז געווען דער ערשטער פון דעם מין, ווערט פון דעסט וועגן דערציילט וועגן אַ האָסטיע־בילבול אויף אַ יידן אין בראַנדענ־בורג, וואָס זאָל האָבן פּאַרגעקומען אין יאָר 1247. אַ בילבול וועגן וועלכן מיר האָבן קיין שום ידיעות. לויט ש. דובנאָוו, זאָל דער בילבול האָבן פּאַרגעקומען אין דער שטאָט פּריצוואָלק. אויך דער היסטאָריקער סעסיל ראָטה דערציילט וועגן אַ האָסטיע־בילבול וואָס זאָל האָבן פּאַרגעקומען אין יאָר 1243 אין בעעליטץ, ביי בערלין. ער גיט אָבער צו אַז דער פּאַריזער בילבול פון יאָר 1290 איז געווען דער סאַמע וויכטיקסטער פון דעם מין און טאָקע צוליבן רושם וואָס ער האָט געמאַכט אין אַ סך ערטער מחוץ פראַנקרייך (אין איטאַליע און שפּאַניע) האָבן מיר אַ גרונט צו באַטראַכטן דעם פּאַריזער בילבול פאַר דעם סאַמע ערשטן.

וועגן דער דאָזיקער געשיכטע איז פאַראַן אַ גרויסע ליטעראַטור.. אומאויפ־הערלעך און ביז היינט צו טאָג באַווייזן זיך אָפּהאַנדלונגען אין צייטונגען, זשורנאַלן און עס דערשיינען אפילו ביכער, ווו מען האַלט אין איין איבערדערציילן די נסים וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין חודש אַפּריל 1290 מיט דער האָסטיע, וועלכע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ייד יונתן, ווי אַזוי דער ייד האָט געפּייניקט דאָס הייליקע ברויט און ווי אַזוי די האָסטיע האָט אויף אַ נסימדיקן אופן זיך אַרויסגעראַטעוועט...

אַלץ וואָס עס איז באַוווסט וועגן דער פּראָפּאַגאַציע און די דערביי כלומרשט פאָרגעקומענע נסים נעמט זיך פון אַ קירכלעכער כראָניק פון סען דעני ביי פּאַריז, וועלכע איז אָנגעשריבן פון אַן אַנאָנימען מחבר.

וואָלטן דאָך די אַלע מעשיות פון פאַרשידענע מחברים וועגן דעם פאָרגע־קומענעם, וואָס ווערט אַזוי אָפט דערציילט און איבערדערציילט, געדאַרפט צווישן זיך שטימען. איז עס אָבער ווייט נישט אַזוי. אין יעדער אָפּהאַנדלונג, וואָס דער־שיינט ערגעץ ווו, זענען פאַראַן אַנדערע מעשיות וואָס נעמען זיך ווייט נישט פון דער דערמאָנטער כראָניק, נאָר פון דער פליסיקער פאַנטאַזיע פון די שרייבער.

די „אַלגעמיין באַקאַנטע" ידיעות וועגן פּאַריזער האָסטיע־בילבול זענען אָט וועלכע:

אויף דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך היינט צו טאָג דער „טעמפּל דע בילעט", אין דער רי דעז אַרשיוו (קלישע נומ. 44) און וואָס האָט אַ מאָל געהייסן רי דעז זשאַרדאַנס 1) האָט געוווינט אין זיין אייגן הויז דער ייד יונתן מיט זיין ווייב און צוויי קינדער, אַ ייגגל און אַ מיידל. לויט אַנדערע „דאָקומענטן" זאָל ער האָבן געהאַט דריי קינדער, בלויז זין. 2) די פּרנסה האָט ער געצויגן פון באָרגן געלט אויף משכונות.

ערב דעם קריסטלעכן פּסח דעם 2־טן אַפּריל 1290 איז צום ייד יונתן געקומען די פרוי מאַרי לאַ האָטיער, וואָס האָט מיט אַ צייט פריער געהאַט ביי אים פאַר־משכונט אירע יום־טובדיקע קליידער (לויט געוויסע באַהויפּטונגען זאָל זי ביי אים אויך האָבן פאַרמשכונט צירונג) און געבעטן דעם יידן איר טאָן די טובה פון אַרויסבאָרגן איר די קליידער אויף אָנצוטאָן זיי אין דער קירכע אַריין און אַז גלייך נאָך יום־טוב, וועט זי אים די קליידער אומקערן.

---

1) דעם נאָמען רי דעז זשאַרדאַנס האָט דאָן געהייסן נאָר די טייל פון דער רי דעז אַרשיוו, וואָס ציט זיך פון דער רי דע לאַ ווערערי ביז צו דער רי סענט קרואַ דע לאַ ברע־טאָנערי.

2) אויף איין אָרט ווערט אָנגעגעבן אַז דער ייד האָט געהייסן יונתן בן חיים און זיין פרוי זאָל האָבן געהייסן בעללאַטין.

קלישע נומער 44



דער „טעמפל דע בילעט״. (פאָטאָ : יה. קאָרנהענדלער).

יונתן זאָל זיך האָבן אָפּגעזאָגט פון נאָכקומען איר בקשה; דערביי אָבער האָט ער איר געמאַכט דעם פאָרשלאָג: אויב זי וועט מסכים זיין אים צו ברענגען די הייליקע האָסטיע, וועט ער איר אומקערן אַלע אירע פאַרמשכּונטע זאַכן און איין גראָשן געלט.

אין געוויסע ערטער ווערט דערציילט, אַז זוכנדיק צו ווירקן אויף דער קריסטין זי זאָל מסכּים זיין אויף זיין אָנבאָט, זאָל יונתן איר האָבן געזאָגט, אַז ער איז באַווירקט פון דער קריסטלעכער רעליגיע און אויב ער זאָל האָבן די האָסטיע, וואָלט ער זיך אפשר גיכער דעצידירט אויף... שמד.

די פרוי מאַרי לאַ האָטיער האָט נישט געקאָנטביישטיין דעם נסיון פון קענען צוריקבאַקומען אָן איין גראָשן געלט אירע פאַרמשכּונטע קליידער. איז זי אַוועק אין דער קירכע סען מעררי, צו וועלכער זי האָט אָנגעהערט און געבראַנגט פון דאָרט די געבעטענע האָסטיע. 1)

דאָס נישט קאָנסומירן אַליין די באַקומענע האָסטיע, דאָס אַרויסשמוגלען זי פון דער קירכע און איבערגעבן דאָס הייליקע ברויט אין די הענט פון אַ נישט־גלויביקן, פון אַ יידן, איז פון קירכלעכן שטאַנדפּונקט אַ שווערע זינד; אָבער וואָס טוט נישט אַ מאָל אַ גלויביקער קריסט צוליב... געלט! דערפאַר אָבער האָבן זיך געפונען מחברים וועלכע האָבן געזוכט צו פאַרוואַנדלען די זינד פון מאַרי לאַ האָטיער אין אַ... מצווה, דערקלערנדיק אַז די פרוי האָט געטאָן דאָס פאַרברעכן אויסן זייענדיק נאָר צו געווינען אייניקע פאַרבלאָנדזשעטע יידישע נשמות פאַר דער קירכע... 2)

און ס'ווערט ווייטער דערציילט:

באַקומענדיק די האָסטיע, האָט יונתן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר מיט אַ ווילדקייט; אַדורכגעשטאָכן דאָס מצהלע מיט אַ מעסער (קלישע נומ. 45), און איר מקים פּסק געווען מיט מלקות (קלישע נומ. 46). דערנאָך האָט ער מיט אַ שווערן האַמער אַריינגעשלאָגן אין איר אַ נאָגל, פון וואָס די האָסטיע האָט אָנגעהויבן

---

1) די קירכע סען מעררי געפינט זיך אין דער רי סען מאַרטען נומ. 78. זי האָט שוין עקסיסטירט אין 9־טן י״ה, דער איצטיקער בנין פון דער קירכע שטאַמט פון 16־טן י״ה.

2) דאָ איז וויכטיק צו דערציילן, אַז לויט די באַשרייבער פון דעם געשעענעם, זאָל מאַרי לאַ האָטיער האָבן פאַרמשכּונט אירע קליידער פאַר דער סומע פון אַ האַלבן זילבערנעם מאַרק, וואָס איז אין יענע טעג אויך געווען גלייך צו 30 סאָל... מיט אַנדערע ווערטער איז עס אַן אָנצוהערעניש אויף די 30 מטבעות פאַר וועלכע יהודה איש קריות זאָל האָבן אויסגעלי־פערט קריסטוסן... אַ ריי מחברים וועלכע שרייבן וועגן דער פּראָפּאַגאַציע, ציען די אויפ־מערקזאַמקייט אויף דעם „מערקווערדיקן" צופאַל פון באַווייזן זיך פון דער ציפער „30"; אַ ציפער וואָס איז פאַבריצירט געוואָרן דורך די פאַראינטערעסירטע אין שטאַרקן דעם נס..., דורך לייט וועלכע שטעלן זיך נישט אָפּ פון באַנוצן זיך מיט „ליגן צוליב גלויבן".

קלישע נומער 45

יונתן שטעכט די האָסטיע.

קלישע נומער 46

יונתן שמייסט די האָסטיע.

צו בלוטיקן. דערזעענדיק דאָס בלוט, האָט דער ווילד געוואָרענער ייד אַריינגע־שליידערט דאָס מצהלע אין אַ טאָפּ קאָכנדיק וואַסער, וואָס איז גלייך רויט געוואָרן פונעם בלוט. אָבער גלייך דערנאָך האָט זיך די האָסטיע אַרויסגעהויבן פונעם טאָפּ און גענומען שוועבן איבערן צימער. איבער איר האָט זיך באַוויזן אַ קרוציפיקס. די פאַנטאַזיע פונעם כראָניקער און פון די שפּעטערדיקע באַשרייבער, האַלט אין איין שטייגן; דער ייד האָט דערנאָך פּרובירט צעהאַקן די האָסטיע מיט אַ גרויס קיכמעסער, אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט דערגרייכן. די האָסטיע איז גע־בליבן גאַנץ און מערקווערדיק, די אַלע פאַרגעקומענע געשעענישן האָבן אַבסאָלוט נישט געווירקט אויף דעם יידישן עקשן. נישט געקוקט אויף די אויסטערלישע געשעענישן האָט ער פון דעסט וועגן נישט געוואָלט אַנערקענען דעם געוואַלדיק גרויסן נס, וואָס איז געשען פאַר זיינע אויגן... נאָך די אַלע מעשיות האָט נאָך יונתן געכאַפּט אַ שפּיז (קלישע נומ. 47) (וואָס אין דער יידישער שטוב האָט זיך אַלץ נישט געפונען...) און ווייטער פּרובירט אָנגיין מיט דער מלחמה קעגן גאָטס לייב. 1)

דערנאָך ווערט דערציילט, אַז איינער פון יונתנס זין איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס (ער האָט, ווי מיר זעען עס, איבערגעלאָזט אַזאַ אויסטערלישן ספּעק־טאַקל) און זעענדיק באַקאַנטע קריסטן זיך איילן אין דער קירכע אַריין, האָט ער צו זיי געזאָגט:

— איר דאַרפט שוין נישט גיין אין דער קירכע, וואָרעם מיין פאָטער האָט דערהרגעט אייער גאָט!

עס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען מענטשן, אים אויספרעגן און מיט איבער־ראַשונג האָבן זיי זיך פון אים דערוווסט וועגן דעם, וואָס ס׳איז געשען אין דער יידישער שטוב. מיט אַ מאָל האָט דעם עולם אַרומגענומען אַ שרעק, וואָרעם פון הינטער דער פאַרמאַכטער יידישער טיר, האָט אָנגעהויבן שטראָמען אַ שניירל בלוט! 2)

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. די מחברים פון דער אויסטערלישער געשיכטע דער־

---

1) די מעשה מיט דער שפּיז איז דאָ פּונקט אַזוי צוגעטשעפּעט, ווי די מעשה מיט דער ציפּער דרייסיק; די „ליגנער צוליב גלויבן" האָבן מיט דער שפּיז אויך אויסן געווען צו ווייזן, אַז עס האָט זיך איבערגעחזרט די געשיכטע פון דער קרייציקונג, בעת וועלכער קריסטוס איז אויך געשטאָכן געוואָרן מיט אַ שפּיז.

2) דער היסטאָריקער פעליביען (18־טער י״ה) שרייבט מיט פאַרזיכטיקע ווערטער אַז: „מען פאַרזיכערט (ווער האָט עס אים, מיט פינף הונדערט יאָר שפּעטער ,פאַרזיכערט? — יח. ק.) אַז ס׳איז פון דער האָסטיע, אָפּגערונען אַ סך בלוט, אַזוי ווי פון אַ לעבעדיקן קערפּער".

דאַרפן מיר זיך נישט וווּנדערן, אַז דאָס בלוט האָט געקאָנט רינען אַזש ביז אויף דער גאַס אַרויס...

קלישע נומער 47

יונתן שטעכט די האָסטיע מיט אַ שפּיז.

ציילן, אַז דער פאַרזאַמלטער עולם האָט זיך באַראַטן מכּוח דעם אופן, ווי אַזוי אַרויסצוררייסן די האָסטיע פון דעם יידנס הענט. דאָ קומט אַ מעשה וועגן אַ מוטיקער פרוי, אַ שכנה, וועלכע האָט זיך דעצידירט אַנצוקלאַפּן אין דער יידישער טיר... אונטערן תּירוץ פון בעטן פייער; אַריינקומענדיק, האָט זי דערזען די האָסטיע שוועבן איבער דעם טאָפּ הייסן בלוט־רויטן וואַסער, אין וועלכן זי איז נאָר וואָס אָפּגעקאָכט געוואָרן. מיט פרומע רייד נעמט זי די האָסטיע אין אַ כּלי אַריין. לויט אַנדערע שילדערער פון דעם מופת האָט זי גאָר גענומען די האָסטיע „אין די פאַלדן פון איר קלייד" און זי אַוועקגעטראָגן צום גלח פון דער נישט ווייטער קירכע „סען זשאַן ען גרעוו".[1] — דער ווידער האָט גלייך צו וויסן געטאָן וועגן פאָרגעקומענעם גרויסן נס דעם פאַריזער בישאָף, מאַטיפאַס דע ביסי.[2]

יונתן ווערט אַרעסטירט און קומט אום אויפן שייטערהויפן. די עקזעקוציע זאָל האָבן פאָרגעקומען נעבן זיין אייגענער וווינונג אין וועלכער ער איז כּלומרשט באַגאַנגען דאָס פאַרברעכן.[3] זיין פרוי און די קינדער און נאָך יידן, וועלכע זענען געווען איבערראַשט פון דעם אויסטערלישן נס, ווערן „מיט זייער אייגענעם ווילן אָפּגעשמדט"... לויט אַנדערע ידיעות ווערן צוזאַמען מיט יונתנען אויך פאַרברענט זיין פרוי און קינדער. דער איטאַליענישער מאָלער פּאַאָלאָ אוטשעלאָ (15־טער י"ה) איז געווען אַזוי שטאַרק באַווירקט פון דער מעשה מיטן האָסטיע־נס, אַז ער האָט אים געווידמעט מערערע בילדער און אויף איינעם פון די פּרי־מיטיוון זעט מען ווי יונתן קומט אום אין פייער, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער.[4] אויך ש. דובנאָוו שרייבט וועגן פאַרברענען יונתנען צוזאַמען מיט

1) די קירכע „סען־זשאַן־ען־גרעוו" האָט זיך געפונען אין דער היינטיקער רי לאָבאָ און האָט אויך פאַרנומען אַ טייל פון דער צפון־זייט פון היינטיקן האָטעל דע וויל. די קירכע איז דאָ געשטאַנען פון 11־טן י"ה ביז צום יאָר 1797 און איז געווען די באַזיצערין פון דער מופתדיקער האָסטיע. בעת געוויסע פייערונגען האָט מען זי „געוויזן" די גלייביקע. די קירכע האָט זיך אויך באַרימט, אַז זי פאַרמאָגט דאָס מעסערל, מיט וועלכן יונתן האָט... אַדורכגעשטאָכן די האָסטיע. די גאַטלאָזע רעוואָלוציע האָט נישט נאָר פונאַנדערגעוואָרפן די קירכע, נאָר אירע טוער האָבן אויך געלאָזט פאַרלוירן גיין אַזעלכע „הייליקטימער" ווי דאָס מעסערל פון דער פּראָפאַנאַציע און די האָסטיע גופא.

2) אין דער פאַריזער קאַטעדראַלע „נאָטרע־דאַם" זעען מיר דעם מצבה־שטיין פון בישאָף. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1304.

3) זע דאָס קאַפּיטל: „דער פּלאַץ פון האָטעל דע וויל".

4) פּאַאָלאָ אוטשעלאָ האָט אין זיינע מאָלערייען וועגן דעם האָסטיע־נס, אַרויסגעפירט אייניקע וואַריאַנטן. מסתּמא האָט ער געהערט פאַרשידענע מעשיות. דאָס וואָס אוטשעלאָ איז געווען אַזוי איבערראַשט פון דערוויסן זיך וועגן האָסטיע־נס, איז אויך אַ באַשטעטיקונג, אַז פאַריז איז געווען דאָס ערשטע אָרט פון דעם האָסטיע־בילבול.

זיין פרוי. 1)

און די „געשיכטע״ דערציילט ווייטער:

נאָכן פאַרברענען דעם ייד יונתן ווערט זיין הויז פאַרקויפט און דערנאָך אויך צעשטערט. אויף דעם אָרט ווערט אין יאָר 1299 אויפגעשטעלט אַ קליינער טעמפל צום אָנדענק פון פאַרגעקומענעם נס. די רי דעז זשאַרדאַנס ווערט זינט דעם געשעעניש גערופן „די גאַס ווו גאָט איז געוואָרן אָפּגעקאָכט״ (רי או דיע פּי בואי), אַ נאָמען וועלכער האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם 16־טן י״ה 2). אין 15־טן י״ה ווערט דער טעמפל פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנאַסטיר. מען פאַרגרעסערט אים און דעמאָלט, אין יאָר 1415 ווערט אויסגעבויט דער קירכע־הויף וועמענס איבער־בלייבעניש מיר זעען ביז היינט. (קלישע נומ. 48).

אין 18־טן י״ה ווערט דער אַלטער מאָנאַסטיר פונאַנדערגעוואָרפן און צווישן די יאָרן 1735 — 1756 בויט מען אויס די קירכע וועלכע מיר זעען היינט צו טאָג 3) און וועלכע גרענעצט זיך מיטן פאַרבליבענעם אַלטן קלויסטער־הויף וועגן וועלכן עס ריידן מערערע געשיכטע־ביכער. אַ פּאַריזער קירכע און אַ מוזיי פאַרמאָגן קעגנשטאַנדן, וועלכע זאָלן האָבן אַ שייכות מיט דער דערמאָנטער פּראָפּאַגאַנציע.

אַזוי למשל איז אין פּאַריזער מוזיי קליני פאַראַן אַ שילדל 25 × 63 סענטי־מעטער די גרייס, וואָס זאָל שטאַמען פון דער אַלטער קירכע, וועלכע האָט זיך אַ מאָל געפונען אין דער אַרכיוו־גאַס. דאָס שילדל, וואָס איז געמאַכט פון בראָנדז,

---

1) דאָ איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבן די מעשה וואָס געוויסע כראָניקערס דערציילן, אַז בעת מען איז געגאַנגען פאַרברענען דעם ייד, זאָל ער האָבן אויסגעדריקט זיין באַדויער, למאי ער האָט נישט מיט זיך קיין הייליק ספר, דעם... תלמוד. ער זאָל, לויט די דאָזיקע מחברים, האָבן געגלייבט, אַז האָבנדיק מיט זיך דעם תלמוד, וועט אים דאָס פייער נישט קאָנען אָנרירן. מען האָט אים געברענגט פון זיין שטוב אַ ספר, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אים.

אָבער אויך די דאָזיקע מעשה פון ברענגען דעם יידן אַ תלמוד עקזעמפּליאַר, דערצו נאָך גענומען ביי אים אין שטוב, איז הוילע אויסטראַכטעניש, וואָרעם זינט 1240 איז אין פראַנקרייך דער תלמוד געווען פאַרבאָטן, קאָנפיסקירט און פאַרברענט. אויב יידן האָבן נאָך ערגעץ וווּ אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צאָל ספרים איז עס שוין אָבער גאָרנישט געווען אַזוי פשוט ווי די מחברים פון דער מעשה דערציילן עס, אַז מען האָט אויף דעם יידנס פאַרלאַנג, אים געברענגט פון זיין שטוב אַ תלמוד־עקזעמפּליאַר.

דער עיקר אָבער מיינען מיר, האָבן די מחברים פון דער מעשה דאָ געזוכט צו דער־ציילן דעם קריסטלעכן עולם, אַז די יידישע ספרים קומען אום אין פייער. אַז זיי פאַרמאָגן נישט אין זיך קיין שום געטלעכן כוח, ווי למשל... די הייליקע האָסטיע.

2) אין יאָר 1685 האָט מען נאָך געזען אויף דער מויער פון דער אַלטער קירכע, די אויפשריפט: „דאָ האָט דער ייד אָפּגעקאָכט די הייליקע האָסטיע״.

3) די קירכע טראָגט כסדר דעם נאָמען „דע בילעט״ און איז, זינט 1812 אין דינסט פון די פּאַריזער פּראָטעסטאַנטן.

קלישע נומער 48



דער קירכע־הויף אין דער רי דעז אַרשיוו נומ. 24. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

ציזילירט און באַגילדעט, שטעלט פאָר אַ סצענע פון דער פּראָפאַנאַציע און פלעגט בעת רעליגיעזע פּראָצעסיעס, געטראָגן ווערן אויף אַ לאַנגן שטעקן. 1)

אַזוי זעען מיר אויך אין דער קירכע „סען־זשאַן־סען־פראַנסואַ" (אין דער רי שאַרלאָ) גאַנצע אַכט בילדער, וועלכע שטעלן פאָר פאַרשידענע עפּיזאָדן פון דער האָסטיע־פּראָפאַנאַציע. די דאָזיקע קירכע אַפּישירט און פאַרקויפט ביז היינט צו טאָג אַ בראָשור און אויך טראַגיש־קאָמענטירטע רעפּראָדוקציעס וועגן דעם ביל־בול. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע קירכע האָט זינט 1867 אָנגעהויבן צו פייערן יעדן זונטיק נאָכן קריסטלעכן פּסח, דעם פאָרגעקו־מענעם האָסטיע־נס, וואָס פלעגט ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, גע־פּראַוועט ווערן יאָר איין יאָר אויס, דורך דער היינט שוין פאַרשווונדענער קירכע „סען־זשאַן־ען־גרעוו". 2)

אַזוי אויך געפינט זיך אין דער פּאַריזער קירכע „סענט עטיען די מאָנט" אַ וויטראַזש פון 17־טן י"ה געווידמעט דער פּראָפאַנאַציע פון דער האָסטיע דורכן ייד יונתן. דער וויטראַזש שטאַמט פון דער שוין דערמאָנטער אַלטער קירכע „סען־זשאַן־ען־גרעוו".

ווי מיר זעען פון דעם אַלעם, ווערן די פּאַריזער גלייביקע ביז היינט צו טאָג, כסדר באַווירקט אויף צו גלייבן אין דער ווילדער מעשה. פון צייט צו צייט קומען פאָר אין דער שטאָט אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען און מיר צווייפלען נישט, אַז דער „נס" פאַרמאָגט דערין זיין חלק.

ווי מיר ווייסן עס שוין, איז דער ייד יונתן און אפשר אויך זיין פרוי און קינדער אומגעקומען אויפן שייטער־הויפן און זיין פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן לטובת דעם קעניג.

ווייסן מיר עפּעס וועגן אַ פאַרגעקומענעם משפּט?

אויב עס זענען פאַראַן אַ מאַסע איינצלהייטן וועגן פאַרברעכן, וועגן דעם ווי אַזוי דער ייד האָט געפירט מלחמה מיט דער האָסטיע, זי געשמיסן, געשלאָגן, געשטאָכן, אַריינגעשליידערט אין קאָכנדיקן וואַסער אא"וו איז דאָך נאָרמאַל צו פרעגן צי ווערן אויך דערציילט פּרטים וועגן משפּט.

---

1) טראָץ דעם וואָס ס'ווערט אָנגעגעבן אַז דאָס בראָנדז־שילדל שטאַמט פון 14־טן י"ה, זאָל עס פאַקטיש שטאַמען פון 19־טן י"ה.

2) אַ חוץ די אַכט בילדער וואָס אילוסטרירן די פּראָפאַנאַציע פון דער האָסטיע אין יאָר 1290, זעען מיר אויך, גלייך ביים אַריינגיין אין דער קירכע, אויף דער לינקער זייט מויער, אַ גרויסן שוואַרצן שטיין־טאָוול אויף וועלכן מיר לייענען: „לזכר דעם נס פון 1290. כדי תשובה צו טאָן צוליב דער עוולה וואָס איז געטאָן געוואָרן צו קריסטוסן וואָס לעבט אין דער האָסטיע, קומט תפילה טאָן, פאַרגעטערן און אָפּקומען".

צי איז אַזאַ משפט בכלל פאַרגעקומען?

צי איז ערגעץ וווּ פאַראַן אַ וועלכער ס'איז דאָקומענט, אַז דער ייד יונתן זאָל זיך האָבן מודה געווען? ניין, אויך אַזאַ דאָקומענט איז נישט פאַראַן! אַ ריי מחברים וועגן האָסטיע־בילבול לאָזן פאַלן „אומשולדיקע" מינאָרע באַמערקונגען אַז דער ייד זאָל זיך האָבן מודה געווען אין פאַרברעכן... דער שוין דערמאָנטער, פאַרזיכטיקער היסטאָריקער פון 18־טן י"ה דער גלח פעליביען שרייבט אין זיין געשיכטע פון פאַריז, אַז „דער ייד זאָל נישט האָבן געלייקנט די געשיכטע"... פון איין זייט אַזאַ פאַרשווענדערישקייט אין דערציילן אַזוי פיל איינצלהייטן וועגן פאַרלויף פון דער פראָפאַנאַציע — וועלכע קיינער האָט אייגנטלעך נישט בייגע־ווינט — און אַזאַ אויסטערליש שווייגן וועגן דער אויספאָרשונג און קיין איינציק וואָרט נישט וועגן אַ פאָרגעקומענעם משפט.

מילא, אין מיטלעלטער זענען אַ סך מעשיות אפילו די משונהדיקסטע אָנגע־גאַנגען פאַר אַ הייליקן אמת. די אָפּגעשטאַנענקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז די־סאַמע גרעסטע נאַרישקייט און ווילדסטע געשיכטע האָט געגאָלטן, בפרט נאָך, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח יידן. אָבער היינט צו טאָג, ווען מיר באַהאַנדלען די מעשה וועגן דער געשענדעטער האָסטיע וויסן מיר דאָך אַז זי באַהאַלט אין זיך נאָר איין און איינציקן אמת, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז אין יאָר 1290 האָט מען אין פאַריז פאַרברענט אַ ייד יונתן, וועלכן מען האָט באַשולדיקט אין האָבן פּראָ־פאַנירט די האָסטיע, כדי אַזוי אַרום צו קענען צורויבן זיין פאַרמעגן!

אינעם אַנטשטיין פון דעם האָסטיע־בילבול זענען דאַן געווען פאַראינטע־רעסירט צוויי כוחות: די קירכע, וואָס האָט נאָך דעם דורכפאַל פון די קרייץ־צוגן זיך געניטיקט אין נסים, און דער קעניג פיליפּ דער שיינער, דער פערטער, וועלכער האָט זיך תמיד געניטיקט אין געלט. כדי עס אַריינצובאַקומען האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום רציחה. צוליב רויב האָט פיליפּ דער שיינער פאַרניכטעט דעם דאַן זייער רייכן אָרדן פון די „טעמפּל־ריטער", זיי געלאָזט פייניקן און פאַרברענען ווי שוידערלעכע אפיקורסים און אפילו אויך ווי... קינדער־פרעסער! ער האָט אויך גערויבט יידיש פאַרמעגן און פאַרגאָסן יידיש בלוט.1)

וועגן דאָזיקן מלך שרייבט טעאָדאָר רייגאַך: „לואי דער הייליקער האָט פאַרברענט די ספרים פון די יידן און פיליפּ דער שיינער האָט שוין פאַרברענט די יידן גופא". דער דיכטער דאַנטע באַצייכנט פיליפּ דעם שיינעם (אין זיין „געט־

1) אין 1288 האָט דער מלך אויסגעפּרעסט פון די פאַריזער יידן זייער אַ גרויסע געלט־סומע אַלס שטראָף פאַר זינגען „צו הויך" ביים דאַווענען אין זייער שול.

לעכער קאָמעדיע״) אַלס „אַ צווייטער פּילאַטוס״ און דער היסטאָריקער מישלע רופט אים פשוט אָן „דער טייוול״!...

טעאָפיל האַללעז, אַ מחבר פון אַן אינטערעסאַנט ווערק (19־טער י״ה) וועגן די יידן פון פראַנקרייך, שרייבט וועגן אים:

„ביי אַ הערשער פון דעם טיפּ, ווי ס׳איז געווען פיליפּ דער שיינער, קאָנען זיינע מעשים נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון רעליגיעזן פלייס. די געלט־גיריקייט האָט דאָ אָן ספק געשפּילט אַ גרויסע ראָלע״.

כדי צו האָבן דעם געהעריקן באַגריף וועגן עטישן הינטערגרונט פון „האָס־טיע־נס״, וועט אפשר גענוג זיין צו ברענגען בלויז אייניקע שורות פון אַ פּאָפּולער פראַנצויזיש שולבוך אויפן חשבון פון פיליפּ דעם פערטן, דעם שיינעם. אָט וואָס מיר לייענען דאָרט:

„דאָס אָפּשאַפן דעם אָרדן פון די טעמפּל־ריטער איז פאַר זיך גופא אַ זאַך פון צווייט־ראַנגיקער וויכטיקייט; עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גיריקייט, היפּאָקריזיע, פעלן פון וועלכע ס׳איז סקרופּלען און פון דער קאַלטער גרויזאַמקייט פון פיליפּ דעם שיינעם און פון זיין אַרום״.

צו די לעצטע שורות מכוח „זיין אַרום״ דאַרפן צוגערעכנט ווערן די פאַריזער קירכע־לייט, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט אַלע בייזע מעשים פון מלך און אים אין אַלעם צוגעהאָלפן.

פון די־אַ קירכע־טאַטעס איז אַרויסגעוואַקסן דער בילבול קעגן ייד יונתן.

היות די מעשה וועגן דער פראָפאַנאַציע און וועגן פאַרגעקומענעם „נס״ האָט אַרויסגערופן אין פאַריז דאָס אַנטשטיין פון אַ קירכע געווידמעט דעם געשעע־ניש, און איז געווען אַ סטימול פאַר רעליגיעזע פּראָצעסיעס אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער און אינספּירירט מאָלער צו שאַפן וועגן דעם געשעעניש בילדער, וואָס באַפּוצן ביז היינט צו טאָג אַ ריי קירכעס; און אויף וויפל ס׳האָט אויך געהאַלטן אין איין וואַקסן אַ ליטעראַטור פון אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם ענין, וועט שוין זיין אויפן אָרט צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם אופן, ווי אַזוי דער „נס״ ווערט באַהאַנדלט. ס׳איז זייער וויכטיק זיך אויף דעם אָפּצושטעלן, וואָרעם עס גיט אַ זעלטן בילד מכוח דער אָביעקטיוויטעט פון די מחברים, וועגן זייער באַציאונג צום יידן־פּראָבלעם און אויך וועגן אמת און ליגן אַרום דער האָסטיע־געשיכטע. (קלישע נומ. 49).

דער ענין איז אויך אינטערעסאַנט צוליב די אומאויפהערלעכע באַמיאונגען וואָס גייען אָן ביז היינט צו טאָג אויפצוהאַלטן דעם אַבסורדאַלן בילבול אויף יידן,

קלישע נומ. 49

(Arch. Nationales)

הילע פון קירכלעכן אינווענטאַר־בוך פון 15־טן י״ה.

אַז זיי האָבן געזוכט צו פּראָפּאַנירן די האָסטיע, אין וועלכער עס לעבט כלומרשט גאָטס לייב.

אַזוי למשל לייענען מיר ביי אַלעקס מאַרטאַן, אַ מחבר פון אַ בוך „אַ וויזיט אין פּאַריז״:

„וועגן דער קירכע ווערט אָט וואָס דערציילט..״

מיט די דאָזיקע לאַקאָנישע ווערטער זוכט דער מחבר אויסצומיידן זיין אייגענע פאַראַנטוואָרטלעכקייט; ער באַגנוגנט זיך מיטן פּשוטן „עס ווערט דערציילט״ אא״וו.

דער פּאַריזער „בלויער גיד״, וואָס איז באַקאַנט מיט זיינע ביז גאָר ערנסטע אויסגאַבעס וועגן שטעט און לענדער, הייבט אָן מיט די ווערטער:

„לויט די כראָניקעס פון סען דעני״ אא״וו.

זעען מיר, אַז אויך די דאָזיקע אויסגאַבע מיידט אויס צו נעמען אויף זיך וועלכע ס׳איז אייגענע אחריות פאַר דער מעשה.

זשאַק הילערע, איינער פון די באַדייטנדיקסטע פּאַריז־קענער היינט צו טאָג, שרייבט פּשוט: „מען זאָגט״ דאָס אין גאַנצן!

אויגוסט וויטי, אַ מחבר פון אַ געשיכטע פון פּאַריז, הייבט אָן דערציילן די האָסטיע־געשיכטע מיט די ווערטער:

„דאָס איז איינע פון אָם שטאַרקסטן באַפּעסטיקטע לעגענדעס פון אַלטן פּאַריז״.

גאַנץ אַנדערש באַהאַנדלט דעם ענין דער היסטאָריקער גורדאָן דע גענויאַק, אַ מחבר פון אַ פינף־בענדיקער געשיכטע פון פּאַריז; גלייך ווי ער רירט זיך צו צום האָסטיע־נס, שרייבט ער:

„די שנאה, וואָס די גייסטלעכע האָבן געטראָגן אויף יידן, האָט זיך מאַניפעסטירט אין יאָר 1290 דורך אַ געשעעניש, וואָס האָט אַרויסגערופן אין פּאַריז אַ גרויסן טומל״.

שוין אין די ערשטע שורות ווייזט דער היסטאָריקער גלייך פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען דער „נס״; אַז דאָס איז געווען דאָס ווערק פון די גלחים, פון דער קירכע; אַז ס׳איז געווען אַ ווערק פון שנאה צו די יידן.

דערציילנדיק דעם פאַרלויף פון „נס״, שרייבט ער:

„מיר האָבן אַ רעכט צו צווייפלען אינעם אמת פון די איינצלהייטן״ און אָפּשטעלנדיק זיך אויף די סתירות אין דער האָסטיע־געשיכטע, שרייבט ער לסוף:

„די מעשה מיט דער שכנה האָט פּשוט געקאָנט אויסן זיין אומצוברענגען דעם אומגליקלעכן ייד יונתן, וועלכער איז געווען רייך און רייכקייט רופט אַרויס קנאה".

ווי מענטשלעך און ווי שכלדיק.

עס וועט אָבער זיין ביז גאָר אינטערעסאַנט דאָס ציטירן איינעם פון די וויכטיקע היסטאָריקער פון פּאַריז פון 18־טן און אָנהויב 19־טן י"ה דעם געוועזענעם קאָנווענט־מיטגליד י. אַ. דילאָר און ווייזן ווי אַזוי אַ ראַציאָנעל־דענקענדיקער מענטש האָט געזען די זאַך. נאָכן דערציילן אין זיין „געשיכטע פון פּאַריז" דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער האָסטיע־פּראָפּאַנאַציע און „נס", שרייבט ער:

„דאָס איז דער אינהאַלט פון אַ געשעעניש וואָס איז פּובליצירט דורך אַן אַנאָנימען מחבר און איבערדערציילט געגוי דורך אַנדערע שרייבער. לויט דעם דאָזיקן פּאַפּיר און זיינע קאָפּיעס דאַרף מען נישט צווייפלען, אַז יונתן, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען גענוג רייך, איז נישט נאָר באַשולדיקט געוואָרן אין באַגיין די גאָט־לעסטערונג, נאָר אַז ער איז אויך באַשטראָפט געוואָרן אומצוקומען אין פייער; אָבער צי איז זיין זינד באַוויזן געוואָרן אויף אַ לעגאַלן אופן? די אָפּוועזנהייט פון די פאַרטיידיקונג־פאָרמען, די רייכקייט פון באַשולדיקטן, די נישטערלעכקייט, די זשעדנעקייט פון די קירכע־לייט, דער פאַנאַטיזם, די אַלטע שנאה צו יידן, דער אינטערעס פון גלח פון דער קירכע „סען זשאַן ען גרעוו", וואָס איז געווען דער הויפּט־באַשולדיקער און וועלכער איז געוואָרן דער הויפּט־באַזיצער פון דער באַרימטער רעליקוויע, אַ דאַנק וועלכער ער האָט זיך געריכט אַריינצובאַקומען פאַר זיין קירכע אַ סך נדבות און מתנות; די מיינונג וועלכע איז דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט צווישן די גלחים צו אַקצעפּטירן בילבולים, וואָס האָבן זיי גענוצט; דער שווינדל צוליב גלויבן; די טאָרטורן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ פאַלש מודה זיין זיך, לסוף דאָס שוויגן מכוח די באַוויזן, וועלכע זאָלן באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון דער באַשולדיקונג או"וו: דאָס אַלץ איז מער ווי ס'איז נייטיק אויף צו באַרעכטיקן דעם צווייפל, וואָס איז אויך פאַרשטאַרקט דורך די שאָקירנדיקע און אומגלויבלעכע מעשיות. ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַזעלכע מערקווערדיקע געשעענישן ווי די וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט, האָבן נישט איבערראַשט דעם ייד גופא, וואָס האָט זיי מיט זיין האַנדלונג אַרויסגערופן? ווי אַזוי זאָלן מיר גלייבן, אַז דער ייד האָט דערלויבט אַריינצוקומען אין שטוב אַ פּערזאָן, וואָס זאָל ווערן אַן עדות פון זיין גאָט־לעסטערונג, די פרוי וועלכע האָט אים אַרויסגעגעבן אויף באַשטראָפט צו ווערן? פאַר וואָס איז די פרוי וועלכע האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון יונתנען די האָסטיע, נישט איבערגעגעבן געוואָרן צום משפּט? די האַנדלונג פון דער קריסטלעכער פרוי

איז דאָך געווען נאָך מער פאַרברעכעריש ווי פונעם ייִדן. אַלץ פירט צו גלייבן, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ גרויזאַמע פאַרשווערונג אומצוברענגען דעם ייִד יונתן״. 1)

וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע שורות!

מיר האָבן דאָ ציטירט אַ ריי מחברים און געוויזן ווי אַזוי לאָגיש־דענקענדיקע מענטשן און אָביעקטיווע היסטאָריקער האָבן זיך באַצויגן צום „האָסטיע־נס״ און האָבן אויף אַזאַ פּשוט־מענטשלעכן אופן געוויזן, אַז ס׳האַנדלט זיך נישט אין אַ נס, נאָר אין אַ בילבול אויף אַ ייִדן וועמען מען האָט באַרויבט און דערהרגעט.

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיטן היסטאָריקער רענע העראָן דע ווילפאָס, וועלכער האָט אין יאָר 1954 באַקומען דעם „פּרייז פאַר געשיכטע״ פון פּאַריז. ווען ר. העראָן דע ווילפאָס באַהאַנדלט דעם ענין וועגן דער פּראָפאַנירטער האָסטיע, ווערט ער אויס היסטאָריקער; ער טרייסלט זיך פון אויפברויז אויף די צווייפלער אינעם נס און גאָר ספּעציעל קאָכט ער זיך אויף דעם נאָר וואָס ציטירטן היסטאָריקער דילאָר פאַר זיין נישט גלייבן אין דער ווילדער מעשה.

האָט עפּעס דער חשובער היסטאָריקער ר. העראָן דע ווילפאָס דאָקומענטן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די שולד פון יונתנען? קאָן ער באַווייזן אַז ס׳איז פאָרגעקומען עפּעס אַ משפּט איבערן ייִדן און אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן? ניין! קיין שום דאָקומענטן האָט נישט דער געפּרייזטער היסטאָריקער! ווו זאָל ער זיי נעמען? קאָכט ער זיך מיט אַזעלכע שטוינענדיקע „אַרגומענטן״ ווי „מען זאָגט אַז עס איז נישטאָ קיין רויך אָן קיין פייער״... אָדער פאַררופנדיק זיך אויף אַ פאַרזיזער, קירכלעכן היסטאָריקער פון 18־טן י״ה, דעם גלח לעבעף, ברענגט ער אַלס אַרגומענט, דעם גלחס שרייבן אַז:

„די געשיכטע איז גוט באַקאַנט״...

דאָס זענען עס די „איבערצייגנדיקע״ שורות פון ר.העראָן דע ווילפאָס.

דער אויפברויז זיינער אויף דעם אַנטי־קלעריקאַלן היסטאָריקער דילאָר איז אַזוי גרויס, אַז מיר לייענען ביי אים:

„כ׳בין זיך מודה, אַז זיינע קאָמענטאַרן שטייגן אַלץ איבער״ און מיר לייענען ביי אים פאָלגנדיקע שטוינענדיקע שורות:

---

1) די האָסטיע לייגט דער גלה אַריין דעם גלויביקן גלייך אין מויל אַריין; כדי צו קענען איבערגעבן די האָסטיע דעם ייִדן, האָט דאָך די פרוי געמוזט אויף דער גיך אַרויסכאַפּן דאָס מצהלע פון מויל, עס זאָל נישט צעגיין, באַהאַלטן עס אא״וו. אויך די טייל פונעם בילבול ווייזט, ווי נעבעכדיק שלעכט די אינסצעניזאַציע און די מעשה בכלל איז פאַבריצירט געוואָרן.

„אָן אַנדערער אויפן אָרט פון יונתן, וואָלט געפאַלן אויף די קני, אָבער דער טייוול האָט, ווייזט אויס, בלינד געמאַכט דעם דאָזיקן יידן, וועלכער האָט זיך פאַר־מאַסטן אויף קריסטוסן". (אונטערגעשטראָכן דורך יח. ק.).

יאָ, פונקט אַזוי האָבן קריסטלעכע מחברים אין מיטלעלטער געשריבן וועגן די יידן, אַז זיי ווילן נישט זען דעם קריסטלעכן אמת, ווייל דער טייוול פאַרשטעלט זיי די אויגן און מאַכט זיי בלינד!

ר. הערען דע ווילפּאַס האָט מיט זיין טראַכטן זיך נישט דערווייטערט פון מיטלעלטער! פון די זעלבע באַהויפּטונגען, וועלכע מיר האָבן איצט געלייענט, איז דאָך אַרויסגעקומען די סימבאָלישע סטאַטוע פון דער סינאַגאָגע מיט פאַר־בונדענע אויגן!

בעת ר. הערען דע ווילפּאַס דערציילט מכוח דעם שנירל בלוט וואָס עס האָט אָנגעהויבן אַרויסשטראָמען פונעם יידס הויז און די אויפרודערונג, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן ביים פאַרזאַמלטן עולם, שרייבט ער זייער ערנסט:

„אין דער אמתן ווייסן מיר נישט גענוי ווי אַזוי דער אַלאַרם האָט זיך אָנגעהויבן".

ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען די גאַנצע אַבסורדאַלע געשיכטע מיטן מצהלע, וועגן דעם אַלעם פרעגט נישט דער היסטאָריקער; דאָס אַלץ איז, ווייזט אויס, בכלל נישט קיין ענין וואָס זאָל ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ לאָגיש־דענקענ־דיקן מענטש אין אונדזער יאָרהונדערט. פאַרן „היסטאָריקער" ר. הערען דע וויל־פּאַס איז נאָר נישט קלאָר און נישט אויפגעקלערט איין זאַך: ווער ס'האָט גע־שלאָגן טרעוואָגע!... אַלץ איבעריקע, די אַלע דערציילטע ווילדע מעשיות זענען אין בעסטער אָרדענונג און באַאומרואיקן אַבסאָלוט נישט זיין געוויסן...

אָבער דאָס סאַמע שטוינענדיקסטע ביי ר. הערען דע ווילפּאַס, זענען זיינע שורות ווו מיר לייענען:

„דער נס מיט דער פּראָפּאַנירטער האָסטיע האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן איינקריצן זיך טיף אין זכרון; ער האָט געהאַט אַ ווייטערדיקן המשך, וואָס אַ געלערנטער קאָן פעסטשטעלן זיין גענעאַלאָגיע. מען געפינט זי אין יאָר 1369 אין בריסל, אין דער קירכע סענט גידיל".

וואָס מיינט ר. הערען דע ווילפּאַס ווען ער שרייבט, אַז דער נס האָט געהאַט אַ ווייטערדיקן המשך אין בריסל? וועגן וואָס פאַר אַ גענעאַלאָגיע האַנדלט זיך עס? וואָס באַדייטן די מיסטעריעזע שורות?

יאָ, זיי באַשטעטיקן, אַז ר. הערען דע ווילפּאַס איז פעאיק צו פירן מלחמה אויף צו פאַרטיידיקן שקר און דערפאַר פייערט ער אַזוי קעגן די צווייפלער אין

דעם אמת פון דער האָסטיע־מעשה און זוכט אַזאַ נעבעכדיק־לעכערלעכן בילבול צו פאַרטיידיקן און אויפצוהאַלטן ווי אַן אמת.

אָבער איידער מיר וועלן באַהאַנדלען ר. הערזאָן דע ווילפאָס אַרויסזאָג מכוח דעם „ווייטערדיקן המשך״ פון פּאַריזער בילבול און זען וואָס ס׳איז אייגנטלעך פאָרגעקומען אין בריסל, וועלן מיר זיך פריער אָפּשטעלן אויף אַ בראָשור וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער פרוי ס. מאַראַ־רענדי געווידמעט דעם פּאַריזער האָסטיע־„נס״.

ס. מאַראַ־רענדי געהערט צו די וועלכע גלייבן הייליק אין פאָרגעקומענעם „נס״ און ווי שטוינענדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, איז איר בראָשור אַ פּרווו צו באַווייזן „וויסנשאַפטלעך״ און „געשיכטלעך״, אַז דער „נס״ איז טאַקע פאָרגע־קומען...

אַ באמת אינטערעסאַנטע אויפגאַבע...

עטלעכע בלימעלעך פון איר „היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכער״ אַרבעט ברענ־גען מיר דאָ ווי אַ מוסטער:

אָנהייבנדיק איר עסיי, פרעגט די מחברין:

„וועגן וואָס אייגנטלעך האַנדלט עס זיך דאָ? איז עס אַ פאַנטאַסטישע מעשה אָדער אַן אויטענטישער נס?״

אויב די פּאַריזער האָסטיע־געשיכטע זאָל נישט האָבן געווען קיין אמת, פרעגט די מחברין:

„טאָ ווי אַזוי וואָלט עס מעגלעך געווען, אַז דאָס פאָרגעקומענע זאָל זיך קאָנען אַזוי איינגלידערן, באַפעסטיקן און ווערן אַ געשעעניש, וועגן וועלכן מען שושקעט זיך נישט אין דער שטיל אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרהונדערטער?״...

און אָט איז אַ ווייטערדיקער „אַרגומענט״ ווי עס פּאַסט פאַר אַ וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג:

„צי דאַרף מען זיך נישט רעכענען מיט זיבן יאָרהונדערטער פּאַריזער טריי־שאַפט און גלויבן אינעם נס?״...

די בראָשור אַנטהאַלט אויך אַ קאַפּיטל א״נ „די טעאָלאָגישע מעגלעכקייט פון נס״, וואָס באַשטייט בסך־הכל פון זיבעצן שורות, אין וועלכע די „היסטאָרי־קערין״ פירט אויס (וויסנשאַפטלעך!...), אַז די פּאַטערס פון דער קירכע, האַלטן אַזאַ נס פאַר... מעגלעך און אַז:

„דאָס געשעעניש איז שטענדיק אַנערקענט געוואָרן ווי אַ נס סיי דורך דער קירכע, סיי דורך די קעניגן און סיי דורך די מלוכה־אויטאָריטעטן״.

אַזוי שרייבט מען געשיכטע!...

אַז מען האָט אַלס לערער דעם היסטאָריקער ר. הערען דע ווילפּאָס, וועלכער באַנוצט זיך מיט אַזעלכע אַרגומענטן ווי „ס'איז נישטאָ קיין רויך אָן קיין פייער", אָדער אַז „די געשיכטע איז גוט באַקאַנט"... קאָן מען אויך אַרויסקומען מיט אַזעלכע „היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע אויספירן „אַז די פּאַטערס פון דער קירכע האַלטן אַזאַ נס פאַר מעגלעך"...

פון דעסט וועגן באַגנוגנט זיך נישט די מחברין מיט די אויבן ציטירטע „אייזערנע" אַרגומענטן, נאָר עס קומט נאָך אַ סענסאַציע, פון האָבן אַנטדעקט דאָ־קומענטן, וועלכע באַשטעטיקן, אַז דער האָסטיע־נס איז באמת פּאַרגעקומען!

די דאָקומענטן וועלכע זי האָט אַנטדעקט, באַשטייען פון:

1) אַן אַקט פון יאָר 1291, אַז מען האָט פאַרקויפט דאָס הויז פון יידן יונתן.

2) אַז אין דער אַלטער קירכע סען־זשאַן־ען־גרעוו, וואָס איז געוואָרן די באַזיצערין פון דער מופתדיקער האָסטיע, זענען פאָרגעקומען נייַן תפילות (אָדער לעקציעס) וועגן דעם געשעענעם נס.

געפינענדיק אַן אַקט פון יאָר 1291 וועגן דעם פאַרקויף פון יונתנס הויז, אויב דער אַקט איז נאָר נישט „געמאַכט" געוואָרן שפּעטער (קלישע נומ. 50) (אויף וואָס די ליגן־זאָגערס לטובת גאָט, זענען אַליין נישט פעאיק!) און די „אַנטדעקונג" וועגן די נייַן געהאַלטענע לעקציעס זענען, פאַרשטייט זיך, ווייט פון צו זיין אַ באַ־ווייז אינעם אמת פון „נס".

און לסוף, כדי אונדז איבערצוצייגן, אַז די אַנטדעקטע דאָקומענטן זענען באמת אויטענטישע, שרייבט די פרוי ס. מאַראַ־רענדי:

„די בלעטער זענען געל"...

אין גאַנצן גענומען איז די „היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע" אָפּהאַנדלונג אַ מעשה מיטן טויבן וועלכער האָט געהערט אַ שטומען דערציילן וועגן אַ בלינדן, וועלכער האָט געזען, ווי אַ לאָמער איז געלאָפן.

וועלן מיר זיך איצט אומקערן צו די שורות פון ר. הערען דע ווילפּאָס, כדי זיך צו באַקענען מיטן המשך פון נס, וואָס זאָל זיך האָבן איבערגעחזרט אין בריסל...

אין בריסל זאָלן די יידן אין יאָר 1369 אויך האָבן פראַפאַנירט די האָסטיע. אויך דאָרט האָבן זיי אַדורכגעשטאָכן דאָס מצהלע, וואָס האָט אויך דאָרט אָנגע־הויבן צו בלוטיקן. אויב ר. הערען דע ווילפּאָס לאָזט דערבײַ פאַלן אַזאַ מערק־ווערדיקן אויסדרוק ווי „גענעאַלאָגיע", האָט ער עס געטאָן דערפאַר, וואָס דער

קלישע נומער 50

(Bib. Nationale)

פאַרקויף־אַקט פון יונתנס הויז.

ייד, וועלכער זאָל האָבן אַדורכגעפּירט די פּראָפּאַנאַציע פון דער האָסטיע אין בעלגיע, האָט, ווי מערקווערדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, אויך געהייסן יונתן!...

גענוי ווי דער ייד פון פּאַריז!...

פּונקט ווי דער עלילת־דם בילבול וועלכער איז אויפגעקומען אין 12־טן י״ה אין ענגלאַנד און זיך פון דאָרט אַריבערגעטראָגן אין אַלע קריסטלעכע לענדער פון אייראָפּע, אַזוי האָט זיך פון פּאַריז אויס אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן איבער די קריסטלעכע לענדער דער פרישׂ אויפגעקומענער בילבול, אַז יידן פּראָפּאַנירן די האָסטיע וואָס הייבט אָן צו בלוטיקן. אַכט יאָר נאָכן אויפקום פון פּאַריזער בילבול, זאָל אַזאַ געשעעניש שוין האָבן פּאַרגעקומען אין דייטשלאַנד (אין יאָר 1298), וועגן וועלכן מיר האָבן אָבער נישט קיין שום גענויערע ידיעות און אין יאָר 1369, אַכציק יאָר נאָכן פּאַריזער „נס״ האָט זיך דער בילבול איבערגעחזרט אין בריסל און דאָרט האָט דער שולדיקער ייד אויך געהייסן... יונתן!

אויף דעם דאָזיקן מערקווערדיקן צופאַל האָט שוין דער היסטאָריקער דילאָר געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק און אין אונדזערע טעג. האָט ר. הערמאַן דע ווילפּאָס געשריבן, אַז „דער געלערנטער קאָן פעסטשטעלן די גענעאַלאָגיע״.

אַז עס האָט זיך איבערגעחזרט דער בילבול, וווּנדערן מיר זיך נישט, אָבער „גענעאַלאָגיע״? און צי איז דאָס איבערחזרן זיך פון זעלבן נאָמען ווי אין פּאַריז טאַקע נישט מער ווי אַ צופאַל?

ניין, ס׳איז שוין ווייט נישט געווען קיין צופאַל. דער נאָמען פון ייד יונתן, וואָס טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער האָסטיע־פּראָפּאַנאַציע אין בריסל, איז אַ וווּנדערבאַרער באַווייז, ווי ווייט די בריסעלער בילבול־מאַכערס האָבן נאָכגעטאָן זייערע פּאַריזער פאָרגייער. אויב אין פּאַריז האָט מען זיך אָנגעזעצט אויף דעם אומגליקלעכן ייד יונתן, איז אָבער דער בריסעלער בילבול פון יאָר 1369 אַוועק אויף אַנדערע וועגן, וועלכע געבן אַ זעלטענע מעגלעכקייט צו זען ווי אַזוי די דאָרטיקע קירכע־לייט האָבן פאַבריצירט זייער בילבול, וואָס די יורשים זייערע פּרובירן מיט אַלע כוחות אויפצוהאַלטן ביז היינט צו טאָג.

בכלל ענלעכן צווישן זיך די אַלע בילבולים און מעשיות וועגן יידישן פּרווו צו פּראָפּאַנירן די האָסטיע. פאַראַן, פאַרשטייט זיך, פאַרשידענע וואַריאַנטן, אָבער אין תוך גענומען, זענען די אַלע מעשיות איין מעשה. די פאַנטאַזיע פון די מחברים און אויסטראַכטערס האָט דאָ נישט קיין ברייטע האָריזאָנטן און ממילא איז אויך דער בריסעלער וואַריאַנט נישט איבעריק רייך און נישט אָריגינעל ביים דערציילן וועגן גאַנג פון די געשעענישן.

נאָר אויב מיר שטעלן זיך אָפּ אויף דעם בריסעלער האָסטיע־בילבול, טוען מיר עס צוליב דער כלומרשטער „גענעאַלאָגיע" פוןביידע פּראָטאַגאָניסטן, דעם ייד יונתן פון פּאַריז און דעם ייד יונתן פון בריסל.

ס'איז אפשר נישט זייער ריכטיק פון אונדזער זייט, וואָס מיר באַנוצן זיך מיטן נאָמען יונתן, וואָרעם לויט דעם פראַנצויזישן טעקסט, ווי מיר טרעפן אים אָן אין אַלע ערטער וועלכע דערציילן וועגן פּאַריזער האָסטיע־בילבול, ווערט דער קרבן גערופן יאָנאַטאַס (פּאָנעטיש, זשאָנאַטאַס). דאָס מערקווערדיקע אין דעם ענין איז טאַקע דאָס וואָס דער ייד וועלכער האָט דערפירט צו דער פּראָפאַנאַציע אין בריסל, האָט געהייסן פונקט אַזוי, גענוי ווי זיין פּאַריזער ברודער, אויך זשאָנאַטאַס... עס פעלט נישט קיין איינציקער אות!

דאָס איז אַ ביז גאָר כאַראַקטעריסטישע זייט פונעם ענין. דאָס באַווייזט די אומבאַהאָלפנקייט פון די בריסעלער בילבול־מאַכערס און איז גלייכצייטיק אויך אַ טראַגישע באַשטעטיקונג וועגן דער ביטול־באַציאונג צו פּאַרזיכטיקייט ביים גרייטן דעם בילבול. די לייט, וועלכע האָבן אין בריסל אויסגעקליבן דעם נאָמען, האָבן געוווסט, אַז זיי קאָנען טאָן וואָס זיי געפעלט און ווי אַזוי זיי געפעלט; אַז זיי וועלן נישט דאַרפן קיינעם אָפּגעבן קיין חשבון פאַר זייערע מעשים. זיי האָבן פּשוט און פּראָסט זיך באַנוצט מיטן נאָמען פון ייד יונתן, וועלכן זיי האָבן געקענט צוליבן בילבול פון פּאַריז. די בריסעלער אויסטראַכטער פון דער מעשה האָבן דאָך נישט געהאַט די מינדעסטע סיבה און ס'איז זיי אויך אין גאַנצן נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען דער מעכטיקער קאַטוילישער קירכלעכער כוח וועט אויסגעוועפּט ווערן און מען וועט קאָנען און מעגן אונטערנעמען אַן אויספאָרשונג מכוח די אַלע ווילדע מעשים. דערפון נעמט זיך עס דער המשך און די „גענעאַלאָגיע" פון בריסעלער „נס". ר. העראַן דע ווילפּאַס, געהערט אויך, ווי מיר זעען, צו די וואָס זענען גרייט צו פאַבריצירן מעשיות, כדי צו העלפן דעם... רבונו של עולם.

די בריסעלער לייט האָבן, פאַרשטייט זיך, געוווסט וועגן די פּראָפיטן, וואָס די בילבולים אויף יידן ברענגען סיי דער קירכע און סיי פאַר די הערשער פון לאַנד. צוליב די דאָזיקע פּראָפיטן האָבן מערערע שטעט זיך באַמיט און געזוכט צו האָבן „אייגענע נסים" און קאָנקורירט צווישן זיך אויף דעם דאָזיקן געביט. וועגן דער דאָזיקער קאָנקורענץ אַרום נסים (און כלומרשט אַנטדעקטע רעליקוויעס פון הייליקע קברים, צדיקים און מאַרטירער...) איז פאַראַן אַ סך צו דערציילן און עס וואָלט געווען ביז גאָר אַמוזאַנט, ווען ס'וואָלט נישט געווען אַזוי טרויעריק.

די ליגנס וועגן כלומרשט פאָרגעקומענע נסים האָבן פאַר דער קירכע אָפט מאָל אָנגענומען אַזאַ קאָמפּראָמיטירנדיקן כאַראַקטער, אַז מערערע קאָנסילן און

פויפסטן האָבן פּרובירט אַרויסצוטרעטן קעגן זיי, אָבער אומזיסט; די גלחישע מאַסע און דער באַאַרבעטער המון, דאָס א״ג „פאָלק״ האָט עס געפּאָדערט און די פויפסטן האָבן (ווי אַלע מאָל) נאָכגעגעבן.

וואָס טוט מען נישט אַלץ כדי צו העלפן דעם רבונו של עולם?!

אין בריסל, ווי אין פּאַריז, זענען געווען צוויי צדדים וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן אינטערעס אַרויסצוקומען מיט עפּעס אַ מעשה קעגן די יידן, דאָס זענען געווען: דער פירשט פון בראַבאַנט וויענטשעסלאַס, וועלכער האָט פּונקט ווי פיליפּ דער שיינער זיך תמיד גענייטיקט אין געלט און דער קלער וועלכער האָט סיי צוליב געלט און סיי צוליב „שטאַרקן דעם גלויבן״ געשטרעבט, ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער, צו האָבן אַן אייגענעם „נס״!

זינט דעם 13־טן י״ה האָט מען דאָרט געבויט די גרויסע קירכע סען מישעל־סענט גידיל. די בויאַרבעט האָט זיך געצויגן לאַנג. מען האָט זיך גענייטיקט אין אַ סך געלט און טאַקע נאָר עפּעס אַ „נס״ האָט געקאָנט אַ רוק טאָן די זאַך פון אָרט, אַ נס, וואָס זאָל ברענגען מאַסנוויז די גלויביקע אין דער קירכע אַריין צוזאַמען מיט זייערע גראָשנס. די בריסעלער טאַטעס האָבן געוווּסט אַז די פּאַ־ריזער קירכע „סען־זשאַן־ען־גרעוו״, וואָס רעקלאַמירט זיך ווי די באַזיצערין פון דער מופתדיקער האָסטיע, מאַכט נישט קיין שלעכטע ביזנעס. אַזוי אַרום איז דער געוווּנטשענער „נס״ אויך געשען אין בריסל!

די דאָרטיקע קירכלעך־קאַטוילישע קרייזן דערציילן:

אַ געוויסן טאָג האָט דאָס פאָלק זיך דערוווּסט, אַז די יידן האָבן געגנבעט די הייליקע האָסטיע, זי פּראָפאַנירט, אַדורכגעשטאָכן מיט מעסערס און אַז עס איז געשען אַזאַ אויסטערלישע זאַך: די האָסטיע האָט אָנגעהויבן צו בלוטיקן. מען האָט, פאַרשטייט זיך, אַרעסטירט יידן, זיי געפּייניקט אין די קעלערן פון דער „יוסטיץ״, זיי „פאַרמשפט״ צום טויט און דערנאָך די שולדיקע עפנטלעך פאַר־ברענט. 1)

אוודאי זענען די שטאָט־טאַטעס צווישן זיך גלייך אַדורכגעקומען: די קירכע „סען־מישעל־סענט־גידיל״ האָט באַקומען די פּראָפאַנירטע האָסטיע פאַר אירע פרומע ביזנעס און דער פירשט וויענטשעסלאַס האָט „אַלס שטראָף פאַר דער גאָט־לעסטערונג״ אַרויסגעטריבן די יידן פון בראַבאַנט, קאָנפיסקירנדיק דערביי זייער גאַנץ פאַרמעגן.

1) מען ווייסט נישט גענוי די צאָל אומגעבראַכטע אויפן שייטער־הויפן. עס ווערט אָנגעגעבן די צאָל פון דריי, פון פינף און פון זיבן קדושים. מעגלעך אַז עס זענען געווען מער. עס זענען אָבער דאַן פאַרגעקומען אַ ריי פּאָגראָמען אויף יידן סיי אין בריסל, סיי איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס האָבן געקאָסט אַ סך יידישע לעבנס.

פונקט ווי מיר האָבן געברענגט אין קורצע שורות אַ פּאָרטרעט פון קעניג פיליפּ דעם שיינעם, דעם פערטן, וועלכער האָט בעת דעם פּאַריזער האָסטיע־בילבול געהערשט אין פראַנקרייך און גערויבט וויפל און ביי וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אין קורצן אויף דער פּערזענלעכקייט פון פירשט וויענטשעסלאָס, וואָס האָט אין יאָר 1369 פאַרזאָרגט דאָס לאַנד מיט יושר און צדק און פּאַרטיידיקט די הייליקע בריסעלער קירכע קעגן ייִדישן „אי־בערפאַל" אויף דער האָסטיע. אָט וואָס עס שרייבט וועגן אים אַ בעלגיער, וועל־כער האָט געפּאָרשט די אָפּערע פונעם האָסטיע־בילבול:

„זייענדיק, איך באַהאַלט עס נישט, אַ גלויביקער און פּראַקטיצירנדיקער קאַ־טאָליק, קאָן איך אָבער נישט גלייבן אין דער אַבסורדאַלער לעגענדע וועלכע איז, לויט מיין מיינונג, אויסגעטראַכט געוואָרן, כדי צו באַרעכטיקן דעם פּאָגראָם אויף ייִדן און דאָס קאָנפיסקירן זייער פאַרמעגן. די דאָזיקע קאָנפיסקאַציע איז געווען לויט מיין באַשיידענער מיינונג, דער עיקר־ציל פון וויענטשעסלאָס פון לוקסענ־בורג, וואָס איז אין יענע טעג געווען דער פירשט פון בראַבאַנט. עס וואָלט געווען אַ סך צו דערציילן וועגן וויענטשעסלאַסן, וואָס איז געווען איינער פון די אָפּ־שטויסנדיקסטע פיגורן אין דער געשיכטע פון בעלגיע. אַ פּחדניש נפש (שטענדיק באַזיגט אויפן שלאַכטפעלד), אוממענטשלעך. אַ מוסטער פון אַ קאַרגן און פון אַן אָפּנאַרער".

זייער אַן אינטערעסאַנטער פּאָרטרעט פון אַ הערשער, וועלכער האָט געמשפּט די ייִדן פאַר אַ כלומרשט באַגאַנגענעם פאַרברעכן.

ווי אַ גלויביקער און פּראַקטיצירנדיקער קאַטאָליק, וועלכער „גלייבט נישט אין דער אַבסורדאַלער לעגענדע" מיט דער האָסטיע, האָט דער מחבר פון די נאָר וואָס ציטירטע שורות גאָרנישט וואָס פּירצוואָרפן די בריסעלער קירכע־אויטאָ־ריטעטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אינעם „נס" און האַלטן זיך אין אים ביז היינט צו טאָג. אַלע זיינע פירוואַרפן זענען נוגע נאָר דעם פירשט וויענטשעס־לאָס. אַן אַנדערער היסטאָריקער שרייבט וועגן דעם פירשט אַזוי:

„בייטיקנדיק זיך אין געלט, פלעגט ער זיך נישט אָפּשטעלן פאַר האַנדלונגען וועלכע זענען נישט אַלע מאָל געווען בכבודיק"...

ס'איז אָבער אויך אינטערעסאַנט צו דערציילן דעם מכלומרשטן פאַרלויף פון דער האָסטיע־פּראָפּאַגאַציע אין בריסל; אַ וויכטיקע סיבה באַוועגט אונדז דאָ צו ברענגען די בריסעלער „אויפלאַגע", וועלכע דערציילט:

דער ייִד יונתן (זשאָנאַטאַס) פון שטעטל ענגיען איז געווען פאַרביטערט צו־ליבן שמד פון אַ נאָענטן ייִד און ער האָט געזוכט זיך נוקם צו זיין אין דער קירכע.

האָט ער צוגערעדט דעם משומד זשאַן פון לוווען, ער זאָל פון ערגעץ אַ קירכע אַרויסגנבענען די הייליקע האָסטיע, צוזאָגנדיק אים דערפאַר אַ גרויסע געלט־סומע. 1)

דער משומד האָט מיט דער הילף פון אַ לייטער זיך אַריינקראָגן אין אַ קירכע „סענט קאַטערינע" און פון דאָרט אַרויסגעגנבעט אַ וואַזע מיט מערערע האָסטיע־מצהלעך און זי איבערגעגעבן דעם ייד יונתן, פון וועמען ער האָט באַקומען דאָס צוגעזאָגטע געלט פאַר דער אַדורכגעפירטער גנבה.

יונתן האָט צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע יידן (דאָס זאָל האָבן געשען אין זעלבן שטעטל ענגיען) און צוזאַמען האָבן זיי געחוזקט און פּראָפאַנירט דאָס הייליקע ברויט. אייניקע טעג שפּעטער האָט מען דעם ייד יונתן געפונען אַ דערהרגעטן ביי זיך אין גאָרטן. געוויסע קריסטלעכע כראָניק־שרייבערס רעכענען... אַז דאָס זאָל אים האָבן דערהרגעט טאַקע זשאַן פון לוווען, וועמען דער ייד האָט אפשר נישט געוואָלט באַצאָלן די אָפּגעשטימטע סומע פאַר דער אַדורכגעפירטער גנבה... 2)

דערשראָקן צוליב דעם מאָרד און גלייבנדיק, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר דער אָפּגעטאָענער זינד, האָט די אלמנה פון דערהרגעטן געברענגט די האָסטיע צו די יידן פון בריסל, כדי פּטור צו ווערן פון דעם חפץ. די בריסעלער יידן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין דער שול און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער האָסטיע מיט קללות און גאָט־לעסטערונגען און זי אַדורכגעשטאָכן מיט מעסערס. זיי זענען אָבער געבליבן דערשראָקן, וואָרעם פון הייליקן ברויט האָט אָנגעהויבן צו טריפן בלוט.

אויב איין קריסטלעכער מחבר דערציילט, אַז פון דער אַדורכגעשטאָכענער האָסטיע האָבן אָנגעהויבן צו טריפן טראָפּנס בלוט, דערציילט שוין אַ צווייטער מחבר וועגן „אַ סך בלוט". אַ דריטער מחבר דערציילט שוין וועגן „אַזוי פיל בלוט, אַז די יידן זענען געוואָרן אַדורכגענעצט" און נאָך אַ מחבר שרייבט פּשוט און פּראָסט, אַז „עס איז געווען אַ רעגן פון בלוט"...

---

1) פאַר וואָס האָט זיך דער בריסעלער יונתן געווענדעט גאָר צו אַ משומד אויף אַרויס־צובאַקומען די האָסטיע ? די מחברים פון דער געשיכטע האָבן אַזוי אַרום אפשר געזוכט צו זייען אומצוטרוי צו משומדים, אַז זיי זענען נישט קיין זיכערער עלעמענט...

2) אַ פרישע געלעגנהייט צו ווייזן די פאַלשקייט פון יידן.

לויט דעם היסטאָריקער קאַרמאָלי, געוועזענעם ערשטן הויפּט־ראַבינער פון בעלגיע (1802 — 1875) וועלכער האָט געפאָרשט די געשיכטע פון בריסעלער האָסטיע־בילבול, זאָל יונתן פון ענגיען האָבן געפאַלן אַ קרבן פון זיינע בעלי חובות, כדי פּטור צו ווערן פון די שולדן. אָבער מיר גלויבן אַז די דאָזיקע, אגב, גאַנץ אינטערעסאַנטע השערה שטימט אויך נישט, ווייל פונקט ווי אַ סך אַנדערע ענינים, איז אויך נישט פאַראַן קיין שום באַווייז און זיכערקייט, אַז אַ ייד יונתן פון ענגיען זאָל בכלל האָבן עקסיסטירט.

אַ סך אָדער ווייניק בלוט, אָבער די זאַך איז געוואָרן ערנסט און די בריסעלער ייִדן האָבן געזוכט פּטור צו ווערן פון אַזאַ נישט באַקוועמען חפץ און זיי האָבן באַשלאָסן איבערצושיקן די האָסטיע קיין.. קעלן. אויסקלייבנדיק דערצו אַ געוויסע פּרוי קאַטערינע, אויך אַ נאַר וואָס געשמדטע...

מערקווערדיק, אין בריסל, ווי מיר זעען עס, האָבן די ייִדן גאָרנישט געקאָנט טאָן אָן משומדים... (נאָך אַ דעליקאַטער אָנווייז, אַז מען קאָן נישט זיין זיכער מיט די נייע קריסטן!). 1)

צי איז נייטיק זיך אַריינצולאָזן אין אַן אַנאַליז פון דער מעשה, צו וועלכער די בריסעלער קירכע־פאַרשטייערס האָבן זיך דערטראַכט? אויב די ייִדן האָבן זיך נאָך פּרובירט באַנוצן מיט אַ משומד, וואָס האָט פּאַר געלט מסכים געווען צו גנבענען די האָסטיע, וואָס עפּעס זענען זיי אָנגעקומען ווידער אַ מאָל צו אַ משומדת אויף פּטור צו ווערן פון דער האָסטיע? און אויב פּטור ווערן פון דער האָסטיע, ווו איז געלעגן דער זין פון אָוועקפירן זי צו די ייִדן פון קעלן? כּדי אויך די דאָרטיקע ייִדן אַריינצושלעפּן אינעם אומגליק, פון וואָס זיי גופא האָבן זיך פּרובירט אַרויסצוראַטעווען?

און בכלל, פון וואַנען האָבן עס די בריסעלער ייִדן געהאַט אַרום זיך אַזוי פיל משומדים, גרייטע צו דינען אַלע זייערע פינצטערע מאַכינאַציעס?

זוכן לאָגיק (און ערלעכקייט!) אין די אַלע שטותערייען איז אַן אַרויסגעוואָרפענע מי. איין זאַך איז קלאָר: די קריסטלעכע קירכע־אויטאָריטעטן פון בריסל האָבן נישט פאַרמאָגט קיין גרויסע פאַנטאַזיע, וואָרעם נישט נאָר וואָס זיי האָבן איבערגענומען דעם נאָמען יונתן פון פּאַריז (און אויך איבערגעחזרט דעם נאָמען קאַטערינע) נאָר אפילו די מעשה מיטן פּרובירן אָפּשיקן די האָסטיע קיין קעלן איז, ווי מיר גלייבן עס, אויך געווען אַ פּלאַגיאַט.

דאָס וועלן מיר טאַקע באַלד זען.

פּונקט ווי אין גאַנץ דייטשלאַנד האָבן אויך די ייִדן פון קעלן געהאַט אויסצושטיין אַ סך פּיין און אומגליק. אין 13־טן י״ה זאָל דאָרט האָבן געשען אָט וואָס: אַ קריסט וואָס איז געבליבן דער איינציקער איינוווינער אין אַ ייִדישן קוואַרטאַל, האָט לסוף פאַרלאָזט זיין ווױנונג, איבערלאָזנדיק דאָרט אַ בילד, וואָס אויף אים זענען געווען אויסגעמאָלט דריי געשטאַלטן: דער נוצרי, זיין מוטער און יוחנן

1) ווי מיר האָבן עס שוין דערמאָנט, איז די האָסטיע אין בריסל אַרויסגעגנבעט געוואָרן פון אַ קירכע „סאַנטע קאַטערינע״ און דערנאָך האָט מען די דאָזיקע האָסטיע געזוכט אַוועקצושיקן דורך אַ פּרוי, וועלכע האָט אויך געהייסן קאַטערינע. ווי אַלץ איז דאָרט געווען פּשוט; אויב אַ צווייטער יונתן, איז פאַר וואָס נישט קיין צווייטע קאַטערינע? צוליב וואָס „אָנשטרענגען״ דעם קאָפּ אויף צוטראַכטן פרישע נעמען.

דער טויפער. שוין דאָ איז פאַראַן אַ ספק צי אין יענע טעג האָבן זיך אַרומ־געוואַלגערט בילדער אויף איבערצולאָזן זיי בעתן פאַרלאָזן אַ וווינונג. אַ בילד איז אין יענער צייט געווען אַ צו גרויסע זעלטנהייט, מען זאָל עס איבערלאָזן אויף הפקר, דערצו נאָך אַ ווערק, וואָס אויף אים זענען אַרויסגעפירט פּערסאָנאַזשן פאַרהייליקטע ביי אַ קריסטלעכן מענטשן. אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז אין דער אינפאָרמאַציע איז נישט פאַראַן קיין שום גוזמא. דאָס אויסטערלישע קומט שפּע־טער: דער ייד וועלכער האָט איבערגענומען די וווינונג, 1) האָט פאַרבעטן צו זיך זיינע פריינט און קרובים אויף אַ מאָלצייט; מען האָט זיך פריילעך געמאַכט און געחוזקט איבערן געפונענעם בילד. דערנאָך האָט מען דערין אַריינגעשטאָכן אַ מעסער און דאָס בילד האָט אָנגעהויבן בלוטיקן!... פאַר שרעק זענען די יידן זיך צעלאָפן. די קריסטלעכע גאַס האָט זיך דערוווסט וועגן דעם געשעענעם; דער עולם איז אַריין אין הויז און געזען דעם נס... מען האָט אָנגעפילט אַ וואַזע מיט בלוט וואָס האָט געטריפט פון דער ווונד... מען האָט אַרעסטירט יידן און דערהרגעט די יעניקע, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט שמדן.

דאָס מאָל, ווי מיר זעען עס, איז דאָס בלוט געררונען נישט פון דער האָסטיע, נאָר פון אַ בילד. 2) ס'איז ווייט נישט אויסגעשלאָסן, אַז צו די בריסעלער גלחים זענען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן בלוטיקן „נס" אין קעלן, האָבן זיי אין זייער מעשה פון דעם ניי־געבאַקענעם בריסעלער מופת אַריינגעפלאָכטן די אומגעלומ־

---

1) אין קעלן האָבן די יידן, זינט דעם 12־טן י"ה זיך באַמיט אויסצוקויפן אַלע הייזער אין יידישן קוואַרטאַל, וועלכע האָבן געהערט צו קריסטן. די יידן גופא האָבן זיך אַרויסגע־צויגן פון די קריסטלעכע גאַסן, אַזוי אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמירן די געטאָס.

2) אַ שאָד וואָס די מאַכערס פונעם „נס" אין קעלן, דערציילן גאָרנישט וועגן גורל פון דער וואַזע מיט בלוט...

די פּאַריזער געשיכטע ווייסט צו דערציילן, אַז אין 15־טן י"ה האָט אַ שווייצער, וועלכער האָט אין אַ ווייַן־קעלער פאַרשפּילט זיינע לעצטע גראָשנס, זיך אין אויפרעגונג אַ וואָרף געטאָן אויף אַ סטאַטוע פון דער מוטער מרים און מיט אַ מעסער איר אַ קלאַפּ געטאָן. די סטאַטוע האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט!

דעם שווייצער זאָל מען האָבן אַדורכגעבורעט די צונג און לעבעדיקערהייט פאַרברענט. אַזוי ווי די דאָזיקע געשיכטע זאָל האָבן פאַרגעקומען מיט אַ סטאַטוע וועלכע האָט זיך געפונען אין דער היינטיקער רי אָז אורס, זעען מיר ביז היינט צו טאָג אין דער דערנעבנדיקער קירכע „סען־לע־סען־זשיל" (אין דער רי סען דעני נומ. 92) אַ בילד וואָס איז געווידמעט דער דאָזיקער מעשה.

מיר ווייסן גאָרנישט וועגן יאָר ווען עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער נאַר וואָס דערציילטער פּאָגראָם אין קעלן אונטערן תירוץ פון האָבן געשטאָכן אַ בילד. ווייזט אויס, אַז מען האָט נאָך דאָרט נישט געוווּסט וועגן דעם ניי־אויפגעקומענעם בילבול מכוח אַ יידישן פּרווו צו פּראָפּאַנירן די האָסטיע, ווען נישט איז זייער מעגלעך, אַז אין קעלן וואָלט דער פּאָגראָם אויך געשען אונטערן זעלבן תירוץ.

פּערטע געשיכטע, אַז די בריסעלער יידן האָבן פּרובירט אָפּשיקן די האָסטיע קיין קעלן.

די משומדת קאַטערינע האָט נישט דערפילט דעם ווילן פון די בריסעלער יידן. זי האָט זיי „פאַרראַטן"; זי איז אַוועק מיט דער פּראָפאַנירטער האָסטיע אין דער קירכע אַריין און וועגן אַלעם דערציילט דעם גלח.

אומגעפּער ווי אין פּאַריז...

אַזוי אַרום האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דער יידישער פאַרשווערונג קעגן גאָטס לייב און וועגן „נס" מיט דער האָסטיע, וואָס האָט געבלוטיקט און ס'איז נאָכגעקומען דאָס פאַרברענען און פּאָגראָמירן יידן און דאָס אַרויסטרייבן זיי פון לאַנד, נאָכן צונעמען ביי זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט.

די קירכע סען מישעל און סענט גידיל איז געוואָרן די באַזיצערין פון אַן אייגענער מופתדיקער האָסטיע, מיט וועלכער מען האָט, פּונקט ווי אין פּאַריז, געפּראַוועט גרויסע עפנטלעכע פייערונגען. 1) קיין געלט האָט שוין נישט געפעלט און מען איז אַקטיוו אָנגעגאַנגען מיט פאַרגרעסערן און פאַרשענערן די קירכע און מיט דער צייט האָט מען דאָרט אַריינגעשטעלט ביי צוואַנציק גרויסע וויטראַזשן (מתנות פון הערשער און זייערע משפחות) מיט סצענעס געווידמעט דעם געשעעניש, אויף וועלכע מיר זעען שרעקלעכע יידישע פּנימער. אויף איין וויטראַזש זעען מיר צווישן ניין אַרויסגעפּירטע יידן, אַ ווונדער אַז נישט קיין צען... זעקס מיט מעסערס אין זייערע הענט; אויף אַן אַנדערן וויטראַזש זעען מיר דאָס דערהרגענען דעם ייד יונתן פון ענגיען (קלישע נומ. 51). אַ חוץ דער גרויסער צאָל וויטראַזשן זענען איבער דער קירכע פונאַנדערגעהאָנגען זעקס געהאָפטענע און אַכט אייל־בילדער, אַלע געווידמעט דעם יידישן פאַרברעכן. אונטער יעדן בילד לייענען די תפילה־טוער און באַזוכער די אונטערגעצייכנטע טעקסטן, וואָס דערציילן, ווי אַזוי די יידן האָבן געגנבעט די האָסטיע, געחוזקט פון איר אא"וו...

מיר ווייסן נישט, אויף ווי ווייט די תפילה־טוער און באַזוכער פון דער קירכע באַהעפטן זיך דאָ מיטן רבונו של עולם, אָבער אַז זיי פאַרלאָזן דאָס אָרט אָנגעזאָפּט מיט שנאה צו די פּערפידע יידן, אין דעם צווייפלען מיר נישט.

1) דער טאָג פון „האָסטיע־נס" פלעגט אין בריסל געפייערט ווערן יעדן 20־טן יולי; עס פלעגן דאָן פאָרקומען גרויסע רעליגיעזע פּראָצעסיעס מיט פאָלקס־פאַרווייַלונגען. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען דער באַרימט־געוואָרענער בריסעלער קערמעס, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו אונדזער צייט; אָבער היינט צו טאָג קומט ער פאָר נישט דעם 20־טן, נאָר דעם 21־טן יולי. דאָס איז דער טאָג ווען בעלגיע פייערט איר נאַציאָנאַלן יום־טוב פון זעלבשטענדיקייט.

קלישע נומער 51



דאָס דערהרגענען דעם ייד יונתן פון ענגיען. (וויטראַזש).

האָבן מיר דאָ איבערגעגעבן די א״ג „גענעאַלאָגיע״ וועגן דער האָסטיע־פראָפאַנאַציע, אַזוי ווי זי ווערט דערציילט און באַשריבן „געשיכטלעך״ דורך די קריסטלעך־קאַטוילישע מחברים און „היסטאָריקער״, אַ מעשה, אין וועלכער קיין שום גוטער קריסט טאָר חלילה נישט צווייפלען.

און ווי אַזוי האָט די געשיכטע אויסגעזען פאַקטיש?

אין יאָר 1369 האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון בריסל זיך פלוצעם דערוווסט, אַז יידן האָבן געגנבעט די האָסטיע, אַז מען האָט די יידן אַרעסטירט, כלומרשט געמשפט און דערנאָך זיי עפנטלעך פאַרברענט. ס׳איז אויך באַוווסט, אַז קיינער פון די אַרעסטירטע יידן, טראָץ די פייניקונגען, האָבן זיך נישט מודה געווען אין דער פירגעוואָרפענער שולד. 1).

אין דער דאָזיקער מעשה פון באַשולדיקן איניקע יידן אין האָבן געגנבעט די האָסטיע, איז באַשטאַנען דער גאַנצער אינהאַלט פון דער דאַן אַרויסגערוקטער באַשולדיקונג קעגן זיי.

דער אויטענטישער דאָקומענט וועלכער דערציילט וועגן דעם ענין, איז אַ רעגיסטער פון פירשטלעכן אינקאַסענט גאָדפרואַ לע טור, וואָס שרייבט וועגן דער גנבה אין שייכות מיטן פאַרשרייבן די געלט־סומע, וואָס איז אַריינגעקומען פון קאָנפיסקירן (באַרויבן) דאָס יידישע פאַרמעגן און דער דאָזיקער איינציקער אויטענטישער דאָקומענט ווייסט נישט צו דערציילן וועגן וועלכן ס׳איז פאָרגע־קומענעם „נס״ מיט דער האָסטיע.

כדי צו באַרויבן די בעלגישע יידן, האָט מען געשאַפן דעם בילבול וועגן דער גנבה פון דער האָסטיע און מער גאָרנישט. די אויטענטישע געשיכטע פון בריסעלער בילבול, ווייסט נישט וועגן קיין ייד יונתן, נישט וועגן אַ משומד זשאַן פון לוועל, נישט וועגן אַ משומדת קאַטערינע און נישט וועגן אַ וועלכער ס׳איז האָסטיע וואָס זאָל האָבן געבלוטיקט!

די גאַנצע מעשה, וואָס די בעלגישע קירכלעכע וועלט דערציילט וועגן די האָסטיע־געשעעניש, האָט פיל צענדלינגער יאָרן נאָך דעם פאָרגעקומענעם אומגליק מיט די בריסעלער יידן, אין גאַנצן נישט עקסיסטירט!

אַ ריי מחברים פון 14־טן י״ה וואָס זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיטן פירשט וויענטשעסלאַס און וועלכע דערציילן אויך וועגן די אַנטי־יידישע גע־

1) אין בריסל איז פונקט ווי אין פאַריז, נישט פאָרגעקומען קיין שום משפט איבער די אַרעסטירטע און דערנאָך פאַרברענטע יידן. ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום אויטענטיש־מלוכהשער דאָקומענט און קיין שום שפור פון אַזאַ אַקט, וואָס זאָל קאָנען דינען אַלס געשיכטלעכער באַווייז וועגן אַ פאָרגעקומענעם משפט. צוליב דעם פעלן פון אַזאַ אַקט ווייסן מיר אויך נישט די אמתע צאָל פון די אומגעקומענע אויפן שייטער־הויפן.

שעענישן, דערמאָנען אָבער נישט מיט קיין איינציק וואָרט וועגן עפּעס אַ פּאַר־געקומענעם האָסטיע־נס. 1)

די ערשטע ידיעות און איינצלהייטן וועגן דער מעשה מיט דער בלוטיקנ־דיקער האָסטיע האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן ערשט אין יאָר 1435, ד״ה מיט 65 יאָר נאָך די פאָרגעקומענע אַנטי־יידישע געשעענישן און עס האָט נאָך לאַנג, לאַנג געדויערט, ביז די געשיכטע האָט אָנגעהויבן פאָרגעשטעלט צו ווערן אַזוי ווי מיר טרעפן זי שפּעטער און ביז היינט צו טאָג.

צו ערשט האָט מען אָנגעצונדן שייטער־הויפנס, פּאָגראָמירט יידן און קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן אונטערן תירוץ אַז זיי האָבן פּרובירט גנבענען די האָסטיע און לאַנגע צענדלינגער יאָרן שפּעטער, האָט מען אָנגעהויבן צוטראַכטן און שרייבן די פאַנטאַסטישע „ליטעראַטור־געשיכטע״ וועגן „פאַרברעכן״ און ס׳האָט זיך באַוויזן די מעשה וועגן דער האָסטיע, וועלכע זאָל האָבן געבלוטיקט און ס׳זענען געבוירן געוואָרן נעמען. אַזוי אַרום איז צוגעטראַכט געוואָרן די מעשה וועגן אַ ייד פון ענגיען, וועלכער האָט „צופעליקערווייז״ אויך געהייסן יונתן!... און פאַרשידענע „היסטאָריקער״ און „פאָרשער״ האָבן געקאָנט שרייבן וועגן דער „גענעאַלאָגיע״ פון פאַריזער „נס״.

ביים סוף פון 16־טן י״ה בעת דער שפּאַלטונג אין דער קריסטלעכער קירכע האָבן די רעפאָרמע־אָנהענגער באַהערשט אַ געוויסע צייט בריסל. זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן פון די קירכעס סטאַטועס, בילדער און אַנדערע קעגנשטאַנדן, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט ווי אָביעקטן פון געצנדינערישן כאַראַקטער. דעם 1־טן מאַי 1580 האָט דער בריסעלער אַנטי־קאַטוילישער מאַגיסטראַט אין זיינס אַ פּראָקלאַמאַציע באַשולדיקט די קאַטוילישע וועלט אין לאָזן פאַרהייליקן קעגנ־שטאַנדן, וואָס זענען אין דער אמתן געווען ביינער פון הינט, מאַלפּעס און פון אַנדערע חיות און אויך אַלט האָלץ, וואָס זאָל כלומרשט שטאַמען פון קרייץ, אויף וועלכן ס׳איז אומגעקומען דער נוצרי, אַז די קאַטוילישע קירכע האָט זיך באַ־נוצט מיט פאַלשע וועגן און קעגנשטאַנדן, וועלכע זי גופא האָט פאַבריצירט, כדי אָפּצונאַרן די גלייביקע.

אין דער זעלבער פּראָקלאַמאַציע ווערט אויך באַרירט די געשיכטע מיט די האָסטיע־הייליקייטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער קירכע „סען־מישעל־סענט־גידיל״, לייענען מיר דאָרט פאָלגנדיקע שורות:

„די טיילן, וואָס מען האָט ביז היינט גערופן „די מופת־הייליקייטן״, האָבן קיין מאָל נישט געבלוטיקט; זיי זענען קיין מאָל נישט אַדורכגעשטאָכן געוואָרן

(1) Zantfliet, Dyuterus, Schayes.

און זענען אפילו נישט אָנגערירט געוואָרן דורך קיין אייזן; זיי זענען קיין מאָל נישט באַשטימט געווען אויף צו ווערן קאָנסערווירט און פאַרהייליקט. אין דעם וואָס מען האָט ביז היינט געוויזן דעם פראָסטן פאָלק און וואָס מען האָט אים דערלויבט צו פאַרהייליקן, איז קיין מאָל נישט געווען קיין שמץ אפילו פון ברויט".

די אויספאָרשונג, וואָס די רעפאָרמע־קעמפער און בריסעלער מאַגיסטראַט האָבן דאַן אַדורכגעפירט, האָט ווי מיר זעען פעסטגעשטעלט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן!

דאַרף מען נאָך עפּעס צוגעבן צו דער פּראָקלאַמאַציע פון 1־טן מאַי 1580? צי איז עס דען נישט דער בעסטער ענטפער אויף די אַלע ליגנס, וואָס די דאָר־טיקע קירכע־לייט האָבן איבערגענומען פון פּאַריז, קעלן און אַנדערע ערטער, און איינגערעדט אַלעמען די נישט־געשטויגענע מעשה וועגן אַ האָסטיע־פּראָ־פאַנאַציע און כלומרשטן נס, כדי דורך ליגן און פאַרברעכן איבער יידישע מענטשן צו באַפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס און אינסטיטוציעס?

ס'איז כמעט ווי זיכער, אַז דעם כבוד פון אַרויסברענגען צום סאַמע ערשטן מאָל דעם האָסטיע־בילבול, וועלכער האָט געבראַכט אַזוי פיל יידישע ליידן, געהערט דער שטאָט פּאַריז. דער ייד יונתן און אפשר אויך זיין פרוי און קינדער, וואָס האָבן געהאַט זייער וווינונג אין דער אַרכיוו־גאַס נומ. 24, זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דעם ליגן, וואָס האָט פון פּאַריז אויס, זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע קריסטלעכע לענדער, ווו מען זוכט ביז היינט צו טאָג איינצושמועסן דעם נאַאיוון מענטשן, אַז די בייזע געשיכטע זאָל זיין אַן אמת. 1)

מיר דאַרפן זיך נישט מאַכן די מינדעסטע אילוזיע, אַז דאָס באַצירן קירכעס מיט בילדער וועגן דער פּראָפאַנאַציע, פאַרקויפן רעפּראָדוקציעס פון די דאָזיקע ווערק מיט אויפרייצנדיקע קאָמענטאַרן, און דאָס אָפּריכטן תפילות יאָר־איין יאָר־אויס ביז היינט צו טאָג איז נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ לאָקאַלן פאַרוואַלטער;

1) זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער האָסטיע־בילבול אין בייערישן שטעטל דאַגענ־דאָרף, מיט וועלכן עס האָט אין יאָר 1962 זיך אַ סך געטומלט, ווען דער דייטשער זשורנאַל „דער שפּיגעל" האָט דעם ענין אַרויסגעברענגט פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט. אַ האָסטיע־פּראָפאַנאַציע וואָס איז דאָרט כלומרשט געשען אין 14־טן י"ה און וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז מען האָט דאָרט אויסגעהרגעט אַלע יידן, איז דורך די דאָרטיקע קירכעס כסדר געפייערט געוואָרן מיט גרויסער פּאָמפּע, ביז אין אונדזערע טעג.

ווער ווייסט אין וויפל נאָך ערטער דער אָפּגענאַרטער און פאַרפירטער גלייביקער עולם האָט פּאָגראָמירט יידן צוליב דעם דאָזיקן בילבול.

אויף קיין פאַל, גלויבן מיר נישט אַז דאָס געשעט אָן דעם וויסן און צושטימונג פון די העכסטע קירכע־אויטאָריטעטן ! 1)

די קירכעס וועלכע אָפּישירן זיך מיט וויטראַזשן און בילדער וועגן דער האָסטיע־פּראָפאַנאַציע, וועלכע מיר זאָלן האָבן באַגאַנגען, דאַרף אַנטקעגנגע־שטעלט ווערן די טראַגישע שורות פון אַ קינה, אין וועלכער דער מיטלעלטער־לעכער מחבר שלמה בן אברהם האָט געשריבן :

„זיי, די קריסטן, זאָגן אַ ליגן, ווען זיי באַהויפּטן אַז מיר עסן מענטשן. ניין, זיי עסן אונדז, פרעסן אונדזער פלייש און טרינקען אונדזער בלוט״.

דאָס אָרט און די בנינים אין דער אַרכיוו־גאַס נומ. 22־24 זענען אויסטער־לישע מאָנומענטן וואָס דערציילן וועגן טראַגישע טעג פון יידישער פאַרגאַנ־גענהייט אין דער שטאָט.

---

1) אין אונדזערע טעג, איז דער הויפּט־ראַבינער פון פראַנקרייך, ר׳ יעקב קאַפּלאַן, געווען, ווי ס׳איז אונדז באַוווּסט, דער איינציקער וואָס האָט אין שייכות מיט אַ געפּלאַנטן יידיש־קריסטלעכן דיאַלאָג (אין יאָר 1967) דערקלערט : „ס׳איז נישטאָ וואָס צו צווייפלען, אַז די וועלכע פייערן אַזעלכע צערעמאָניעס, טראָגן די שולד פאַר העצן שנאה צו די יידן״.

אין רעזולטאַט פון די אַרויסטרעטונגען פון הויפּט־ראַבינער פון פראַנקרייך און כּון זיין אָפּזאָגן זיך צו באַטייליקן אין אַ קריסטלעך־יידישן דיאַלאָג, אַזוי לאַנג, ווי די פאַריזער קירכע אַפּישירט זיך מיט בילדער וועגן דער כלומרשטער פּראָפאַנאַציע און פייערט יעדעס יאָר דעם האָסטיע־נס, זענען די אַכט בילדער באַזייטיקט געוואָרן פון זייערע ערטער און ס׳איז אויך ענדלעך אָפּגעשטעלט געוואָרן די יערלעכע פייערונגען לכבוד דעם „נס״.

די געברענגטע קלישעס נומ. 45, 46 און 47 געהערן צו דער קאָלעקציע פון די אַכט בילדער וואָס זענען ביז צום יאָר 1967 געהאָנגען אין דער קירכע סען־זשאַן־סען־פראַנסואַ.

אַז די קירכע־אויטאָריטעטן זוכן עקשנותדיק אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן בילבול, באַ־שטעטיקט אויך דאָס פאָרוואָרט וואָס דער פאַריזער בישאָף האָט געשריבן אין יאָר 1952 צו דער פריער באַהאַנדלטער נעבעכדיקער בראָשורע פון דער פרוי מאַראָ־רענדי, לויבנדיק איר פרווו צו באַווייזן, אַז דער האָסטיע־„נס״ איז אַן אויטענטיש געשעעניש.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער :

7, 12, 17, 18, 20, 25, 26, 27, 32, 34, 36, 39, 41, 49, 52, 53, 57, 58, 59, 63, 65, 67, 69, 75, 76, 77, 78, 79, 82, 84, 85, 86, 88, 89, 90, 92, 93, 96, 103, 104, 105, 112, 122, 123, 124, 127, 128, 129, 130, 135.

8.

דער פּלאַץ פון האָטעל דע וויל

דער פּאַריזער פּלאַץ ווו עס געפינט זיך די גרויסע און פּרעכטיקע געביידע פון שטאָט־ראַט און וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּלאַס דע ל׳האָטעל דע וויל״ געהערט צו די סאַמע באַלעבטסטע און רוישיקסטע צענטערן פון דער שטאָט.

אָבער די געשיכטע פון דעם קאָכנדיקן צענטער וואָס פירט אונדז צוריק אין פאַרגאַנגענע וויטע יאָרהונדערטער איז שוין גאָרנישט קיין פריילעכע. זי הייבט זיך אָן אין 12־טן י״ה א. נ. „פּלאַס דע גרעוו״ און איז פון 13־טן ביז צום 19־טן י״ה דאָס אָרט ווו עס פלעגן אויסגעפירט ווערן טויט־אורטיילן איבער די פאַרזינדיקטע פּאַריזער.

פייניקונגען און טויט־אורטיילן פלעגן אויסגעפירט ווערן אויך ביי די פּאַריזער שפּיטאַלעס, אויפן פּלאַץ מאָבער און אויף אַנדערע פּלעצער. אָבער קיין איינס פון די אויסגערעכנטע ערטער האָט נישט פאַרצייכנט אַזאַ לאַנגע קייט פון עקזעקוציעס פאַר פּאָקטישע און פאַר כלומרשט באַגאַנגענע זינד, ווי דער פּלאַס דע ל׳האָטעל דע וויל.

די טויט־אויספירונגען אויף דעם פּלאַץ פון האָטעל דע וויל זאָלן זיך האָבן אָנגעהויבן אין יאָר 1310 דורך דער עקזעקוציע פון דריי פּערזאָן. דאָס איז אָבער ווייט נישט זיכער.

די פאַראַנענע דאָקומענטן וועלכע די צייט האָט פאַרשוינט זענען צופעליקע, נישט קיין פולע און נישט קיין זיכערע. זיי זענען זיך ס׳רוב סותר אין איבערגעבן סיי דאַטעס און סיי דעם פאַרלויף פון די געשעענישן גופא און, ווי קאָן עס דען זיין אַנדערש, ווען עס האַנדלט זיך אין געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

די ערשטע געשיכטלעכע ידיעות וועלכע מיר האָבן וועגן דעם פּלאַץ פון האָטעל דע וויל וואָס ליגט האַרט ביי דער סען דערציילן, אַז אין 12־טן י״ה איז דאָס דאָזיקע אָרט נאָך געווען ליידיק, וויסט און זיך געפונען מחוץ דער שטאָט און אַז אין יאָר 1141 איז עס אָפּגעגעבן געוואָרן דורכן קעניג לואי דעם

זיבעטן צו דער סוחרים־קאָרפּאָראַציע, ווי אַ פּלאַץ אויף אויסצולאָדענען פאַר־שידענע סחורות, וועלכע זיי פלעגן אַריינברענגען מיט שיפן.

דער נייער פּאַריזער פּאָרט האָט צוביסלעך אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. ער פלעגט צוציען אַ גרויסן עולם, וואָס איז דאָ געווען באַשעפטיקט ביים אויסלאָדענען און האַנדלען מיט די, דורכן וואַסער־וועג, אַריינגעברענגטע סחורות און מען האָט דאָס אָרט גערופן „פּלאַס דע גרעוו", וואָס מיינט אַ פּלאַכער, זאַמדיקער, מיט שטיינדלעך אויסגעשיטער באָדן נעבן אַ וואַסער. אַ נאָמען וואָס האָט זיך באַפעסטיקט און מיט וועלכן דער פּלאַץ איז גערופן גע־וואָרן ביז צום יאָר 1802, כמעט זיבן הונדערט יאָר. אונטער דעם דאָזיקן נאָמען, האָט ער זיך ביז גאָר באַרימט געמאַכט אין דער געשיכטע פון פּאַריז.

ערשט אין יאָר 1190 ווערט דער פּלאַץ דע גרעוו איינגעשלאָסן אין דער שטאָט גופא, דורכן קעניג פיליפּ־אויגוסט, וואָס הייבט אָן אַרומצוזינגלען פּאַריז מיט אַ גרויסער פעסטונגס־מויער, וועמענס שפּורן געפינען זיך ביז היינט צו טאָג אין אַ ריי ערטער. אין 1246 שאַפט דער קעניג לואי דער נײַנטער דעם ערשטן קערן פון אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג וועמענס זיצאָרט געפינט זיך דאָן אויף דעם היינטיקן שאַטלע־פּלאַץ און אין יאָר 1357 טראָגט זיך די שטאָט־אָנפירונג אַריבער אויף דעם פּלאַץ דע גרעוו, וווּ זי געפינט זיך שוין ביז היינט צו טאָג.

אין יאָר 1871, בעת די קאָמונע־קאַמפן ווערט פאַרברענט די געבײַדע פון פּאַריזער שטאָט־ראַט וואָס איז דאָ געשטאַנען פון 16־טן י״ה אָן און אין וועלכער עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַ סך וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן. דער היינ־טיקער אימפּאָזאַנטער בנין איז אויפגעבויט געוואָרן ערשט נאָך די קאָמונע־קאַמפן און איז פייערלעך דערעפנט געוואָרן אין יאָר 1882. ער איז בכיוון געבויט אין רענעסאַנס־סטיל, כדי צו דערמאָנען דעם פריערדיקן, אין פייער אומגעקומענעם בנין. (קלישע נומ. 52).

די ערשטע געשעעניש אין יידישן לעבן וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גע־שיכטע פון פּלאַץ דע גרעוו איז געווען דאָס פאַרברענען דעם תלמוד, אין חודש יוני 1242. (זע קאַפּיטל: דער יוסטיץ־פּאַלאַץ).

עס דאַרף דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז דער גענויער טאָג און אפילו דאָס יאָר גופא פון פאַרברענען די 24 וועגענער מיט תלמוד אויף דעם פּלאַס דע גרעוו איז נישט זייער קלאָר; די אַלגעמיין־אָנגענומענע דאַטע פון אויטאָ־דאַ־פע רעדט וועגן דעם, אַז דאָס איז געשען אין חודש יוני 1242; עס ווערן אָבער אויך

קלישע נומער 52



דער בנין פון פּאַריזער שטאָטראַט. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

אָנגעגעבן די יאָרן 1243, 1244, 1247 און 1248 אין וועלכע מען זאָל אין פּאַריז האָבן עפּנטלעך פאַרברענט תלמוד־עקזעמפּליאַרן. איז זייער מעגלעך אַז דאָ האַנדלט זיך אין נאָכגעקומענע ווייטערדיקע שייטער־הויפנס איבער פריש־אויסגעפונענע תלמוד־ספרים, וואָס יידן האָבן פּרובירט אויסצובאַהאַלטן. עס ווערט אפילו אויך געברענגט וועגן דריי וועגענער ספרים וואָס מען זאָל האָבן פאַרברענט אין פּאַריז דעם 3־טן דעצעמבער 1309, ד״ה מיט קנאַפּע זעכציק יאָר נאָך דעם ערשטן אויטאָ־דאַ־פע.

האָט זיך טאַקע דאָס דאָזיקע געשעעניש אָפּגעשפּילט אויף דעם פּלאַס דע גרעוו?

אַ ריי היסטאָריקער גיבן נישט אָן דאָס אָרט וווּ די שייטער־הויפנס זענען אָנגעצונדן געוואָרן. זייער אויפמערקזאַמקייט איז געווידמעט דער קאַטאַסטראָפע גופא. פאַראַן אָבער היסטאָריקער וואָס זאָגן בפירוש, אַז דאָס פאַרברענען פון תלמוד איז פאָרגעקומען אויפן „פּלאַס דע גרעוו״ און מיר האָבן נישט קיין שום סיבה צו צווייפלען אין דער באַהויפּטונג אַז דאָ, אויף דעם דאָזיקן אָרט, האָט זיך אין 1242 אָפּגעשפּילט דאָס געשעעניש, וואָס האָט דאַן שווער אויפגעטרייסלט די יידן פון פּאַריז און פון גאַנצן לאַנד.

וועגן די אָנגעגעבענע יאָרן וואָס דערציילן וועגן פאַרברענען ווייטערדיקע תלמוד־עקזעמפּליאַרן און וועגן אָרט וווּ דאָס זאָל האָבן געשען וועלן מיר זיך אומקערן אַ ביסל ווייטער. איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַן אַנדער געשעעניש אין פּאַריזער יידישן לעבן, וועמענס עפּילאָג עס האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט אויף דעם זעלבן פּלאַס דע גרעוו און וועגן וואָס מיר האָבן שוין דערציילט אינעם קאַפּיטל וועגן האָסטיע־בילבול.

אַ ריי געשיכטע־ביכער פון פּאַריז באַהויפּטן, אַז די ערשטע עקזעקוציע אויף דעם פּלאַץ דע גרעוו זאָל האָבן פאָרגעקומען ערשט אין יאָר 1310. אויב מיר זאָלן זיך רעכענען מיט דער דאָזיקער מיינונג, דאַרפן מיר אָננעמען אַז דאָס פאַרברענען דעם ייד יונתן אין יאָר 1290 זאָל האָבן געשען נישט אויפן פּלאַס דע גרעוו, נאָר אויף אַן אַנדער אָרט.

דער היסטאָריקער גורדאָן דע גענויאַק גיט אָן, אַז דער ייד יונתן איז אומגעקומען אויפן שייטער־הויפן פאַר דעם הויז גופא וווּ דער ייד האָט געווינט, ד״ה אומגעפער פאַרן נומער 24 פון דער היינטיקער רי דעז אַרשיוו (אַרכיוו־גאַס). אַן אַנדערער היסטאָריקער, העראָן דע ווילפאָס, ברענגט אַרויס אַ השערה, אַז דאָס פאַרברענען פון ייד יונתן זאָל אפשר האָבן פאָרגעקומען אויף דעם אַמאָ־ליקן, היינט שוין פאַרשווונדענעם קליינעם אינדזל אויף דער סען, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געהייסן דאָס „יידן־אינדזל״ און וואָס עקסיסטירט נישט מער.

דאָס „יידן־אינדזל" האָט זיך געפונען אין שכנות מיט נאָך אַ קלענער אינדזעלע, וואָס האָט געהייסן דאָס „פּאַטריאַרך־אינדזל" און וואָס ביידע זענען זיי אין יאָר 1607 פאַראייניקט און אָנגעשלאָסן געוואָרן אין סיטע־אינדזל. דאָס פאַרשוווּנדענע יידן־אינדזל שטעלט מיט זיך פאָר די דרומדיקע טייל פון הײַנטיקן אַזוי אייגנאַרטיקן פּלאַס דאָפין און אויך די גאַס וואָס איז באַקאַנט אַלס קע־דעז־אָרפּעוור. (קלישע נומ. 53).

פאַר וואָס טאַקע האָט דאָס קליינע מער נישט עקסיסטירנדיקע אינדזל, גע־הייסן אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן מיטן נאָמען יידן־אינדזל? וועגן דעם איז גאָרנישט נישט באַוווּסט.

אַלץ וואָס עס איז צו אונדז דערגאַנגען וועגן דעם פאַרשוווּנדענעם „יידן־אינדזל" איז אַ מערקווערדיקע מעשה וואָס דערציילט, אַז אין יאָר 1295 זאָל דאָרט האָבן פאָרגעקומען אַ „גערעכטיקייטס־דועל" צווישן צוויי... יידן און אַז דאָס זאָל האָבן געשען אין דער אָנוועזנהייט פון קעניג פיליפּ דעם שיינעם און דער קעניגין.

ס'איז באַוווּסט אַז אין מיטלעלטער האָט זיך פּראַקטיצירט א"ג „גערעכטי־קייטס־דועל", וואָס פלעגט אויך גערופן ווערן „גאָטס משפּט". ס'איז געווען אַ קאַמף וואָס פלעגט זיך אָפּשפּילן צווישן צוויי פּערזאָן. דער עולם האָט געגלייבט אַז דער צד וואָס קומט אום, ד"ה די באַזיגטע פּערזאָן איז טאַקע שולדיק אין דער פאַרגעוואָרפענער זינד. אָבער אַזעלכע דועלן פלעגן פאָרקומען נאָר צווישן דעם אַדל און נישט צווישן פּשוטן פאָלק און אוודאי נישט צווישן יידן!

די מעשה וועגן גערעכטיקייטס־דועל וואָס זאָל דאָ האָבן פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון יידן־פיינטלעכן קעניג און זיין פרוי, איז אַזאַ אויסטער־לישע, דאָס אויב זי זאָל באמת האָבן געשען, האָט עס געקאָנט פאָרקומען נאָר ווי אַ דועל צו וועלכן צוויי יידן זענען פּשוט און פּראָסט געצוווּנגען געוואָרן כדי צו חוזקן פון זיי, אַ זאַך וואָס איז געווען פולשטענדיק אין דעם כאַראַקטער פון דעם יידן־פיינטלעכן מושל און געקאָנט גורם זיין דערצו אַז מען זאָל דאָס אָרט אָנהייבן צו רופן מיטן נאָמען „יידן־אינדזל". אָבער די דאָזיקע געשיכטע ווערט זייער זעלטן דערמאָנט, מסתמא טאַקע צוליב איר אומוואַרשיינלעכקייט און אויך דערפאַר, ווייל עס איז נישט פאַראַן די מינדעסטע באַשטעטיקונג פאַר איר אויטענטישקייט. 1)

---

1) זאָל דאָ אויך אָנגעוויזן ווערן אַז דער א"ג „גערעכטיקייטס־דועל" אָדער „גאָטס משפּט", איז אין יאָר 1295 שוין פון לאַנג געווען אָפּגעשאַפט דורך לואי דעם ניינטן (דער „הייליקער").

קלישע נומער 53

דרום־זייט פון פּלאַס דאָפין. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

אויב דער היסטאָריקער הערמאַן דע ווילפּאַס קומט אַרויס מיט זיין השערה אַז דער קדוש יונתן זאָל אפשר האָבן אומגעקומען אויף דעם דאָזיקן קליינעם אינדזל, אַ געשעעניש וואָס האָט אויך געקאָנט ווירקן מען זאָל דאָס אָרט רופן „יידן־אינדזל", טוט ער עס צוליב אַן אינטערעסאַנטן מאָמענט אויף וועלכן עס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן:

עס איז באַוווּסט אַז פיליפּ דער שיינער (דער פּערטער) וועגן וועמענס יידן־פיינטלעכקייט ס'איז אונדז שוין אויסגעקומען צו דערציילן, האָט געלאָזט אין יאָר 1314 אומקומען אויפן שייטערהויפן טאַקע אויף דעם קליינעם יידן־אינדזל, צוויי הויפּט־פירער פון דעמאָלט זייער באַרימטן קריסטלעכן אָרדן די „טעמפּל־ריטער", גי און זשאַק דע מאָלע; ער האָט עס געטאָן נאָך דעם ווי ער האָט „קאָנפיסקירט" זייער גרויס פאַרמעגן און אויב ער האָט זיי געלאָזט פאַרברענען אויף דעם קליינעם אינדזל, האָט ער עס אויך געטאָן, כדי צו קאָנען פון זיין ווינאָרט — דעם דערנעבנדיקן הײנטיקן יוסטיץ־פּאַלאַץ — זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע!... 1)

עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן אַז דאָס אָרט ווו עס זענען אומגעקומען די צוויי פירער פון „טעמפּל־אָרדן" האָט דאַן שוין געטראָגן דעם נאָמען „יידן־אינדזל".

דער היסטאָריקער הערמאַן דע ווילפּאַס מיינט, אַז צוליב דער זעלבער באַקוועמלעכקייט פון קאָנען צוקוקן די עקזעקוציע פון קדוש יונתן, וועמענס פאַרמעגן איז אויך געוואָרן „קאָנפיסקירט" דורכן קעניג 23 יאָר פאַרן פאַרברענען די צוויי טעמפּל־ריטער, איז דער אויטאָ־דאַ־פע פון ייד פאָרגעקומען אויף דעם קליינעם אינדזל. דאָס דאָזיקע געשעעניש האָט דאַן, מיט זיין נייקייט שטאַרק באַווירקט די פּאַריזער באַפעלקערונג און זאָל האָבן געווען די ריכטיקע סיבה, פון אָנרופן דאָס אָרט ווו דער „שולדיקער ייד" איז אומגעקומען, מיטן נאָמען „יידן־אינדזל".

די דאָזיקע השערה ווערט אָבער דורך קיינעם נישט אונטערגעהאַלטן. עס געשעט דאָ דאָס זעלבע, ווי מיטן אָרט ווו מען האָט פאַרברענט דעם תלמוד. אַ ריי היסטאָריקער וואָס דערציילן וועגן האָסטיע־בילבול, פאַרנעמען זיך נישט מיטן אָנגעבן דאָס אָרט ווו דער ייד איז אומגעקומען. פאַראַן אָבער אַזעלכע וואָס געבן בפירוש יאָ אָן, אַז דער אויטאָ־דאַ־פע אין וועלכן עס איז אומגעקומען דער ייד יונתן, איז פאָרגעקומען אויפן פּלאַס דע גרעוו.

---

1) זע יחזקאל קאָרנהענדלער: „אַלט פּאַריז", צווייטער באַנד, קאַפּיטל „אַרום דעם טעמפּל־סקווער".

און אַז עס איז אַזוי געווען, איבערצייגט אונדז אויך אַ געשעעניש וואָס פלעגט זיך אָפּשפּילן אויף דעם פּלאַס דע גרעוו אין פאַרלויף פון לאַנגע, לאַנגע צייטן און וואָס איז באַרימט אין דער פאַריזער געשיכטע א״נ „די פייערן פון סען זשאַן״.

אויף דער נאָרדישער טייל פון דער היינטיקער שטאָטראַט־געבײַדע, האָט זיך ביז צום יאָר 1797 געפונען די קירכע „סען־זשאַן־ען־גרעוו״ וואָס האָט זיך רעקלאַמירט אַלס די באַזיצערין פון דער מופתדיקער האָסטיע וואָס איז אָפּגע־ראַטעוועט געוואָרן פון יונתנס הענט און יעדעס יאָר, אין חודש מאַי (ד״ה קורץ נאָך די פּסח־טעג, ווען עס האָט זיך כלומרשט אָפּגעשפּילט דער האָסטיע־נס) פלעגן די גלחים פון דער דאָזיקער קירכע אָפּריכטן אויפן פּלאַץ גופא אַ דאַנק־תפילה, פאַר דעם פאָרגעקומענעם נס און דערנאָך פלעגן זיי אָנצינדן אַ שייטערהויפן און ס׳פלעגט נאָכקומען אַ גרויסע פאָלקס־פאַרוויילונג...

די דאָזיקע, פון לאַנג שוין פאַרשוווּנדענע פייערונג, איז אַ ביז גאָר אינטערע־סאַנטע, אומדירעקטע באַשטעטיקונג וועגן אָרט, אויף וועלכן עס איז אומגעקומען דער קדוש יונתן.

וועלן מיר זיך איצט אומקערן צו די געשעענישן פון פאַרניכטן די תלמוד־עקזעמפּליאַרן:

ס׳איז כמעט ווי זיכער, אַז דאָס פאַרברענען פון די תלמוד־ספרים איז נישט פאָרגעקומען אַלס איין מאָליק געשעעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יאָר 1242. ווי מיר קאָנען זיך משער זיין פון די פאַראַנענע מערערע דאַטעס וואָס נעמען אַרום די יאָרן 1242 — 1309 איז זייער מעגלעך אַז געוויסע נאָכגעקומענע אַקטן פון פאַר־ברענען ספרים, זאָלן אויך האָבן פאָרגעקומען אויף דעם קליינעם דרומדיקן אינדזל און אַז דערפון האָט זיך גענומען זיין אַמאָליקער נאָמען „יידן־אינדזל״.

ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין אַ ריי געשיכטע־ווערק, זאָלן די ערשטע טויט־עקזעקוציעס אויפן פּלאַס דע גרעוו האָבן פאָרגעקומען אין יאָר 1310; אַ דאַטע מיט וועלכער מיר זענען נישט מסכים. אָבער אין דעם דערמאָנטן יאָר, זענען דאָ אומגעברענגט געוואָרן דריי פּערזאָן באַשולדיקטע אין אפיקורסות און אין גאָט־לעסטערונג. דאָס זענען געווען: אַ פרוי, אַ געוויסע מאַרגאַריטע פּאָטע, אַ גלח פון דער שטאָט באָווע און דער דריטער קרבן איז געווען אַ געשמדטער ייד, וואָס איז געווען באַשולדיקט אין אומקערן זיך צום יידנטום און אין האָבן... געחוזקט איבער אַ בילד (אָדער אַ סטאַטוע) פון דער בתולה מרים.

אין יענע צייטן פון שווידערלעכער אכזריות איבער יידן, זענען פאָרגעקומען מערערע שמד־פאַלן, וואָס פלעגן געשען כדי זיך צו ראַטעווען פון טויט־געפאַר. אַ טייל פון די קרבנות פלעגן נאָכן געצוווּנגענעם שמד, זיך באַזעצן אין ערטער־

ווו מען האָט זיי נישט געקענט, כּדי ווידער קאָנען לעבן ווי ייִדן, וואָרעם פאַרן אומקערן זיך צוריק צום ייִדנטום איז מען באַשטראָפט געוואָרן מיט אומקומען אין פייער.

אין יאָר 1310 האָבן זיך נישט געפונען קיין ייִדן אין פּאַריז. זיי זענען מיט פיר יאָר פריער — נאָכן צורויבן ביי זיי זייער פאַרמעגן — ווידער אַ מאָל אַרויס־געטריבן געוואָרן פון לאַנד דורך דעם ייִדנפיינטלעכן און געלט־דורשטיקן פיליפּ דעם שיינעם און דער אומגעברענגטער ייִד האָט מסתּמא געהערט צו די וואָס האָבן זיך געשמדט בעתן גירוש פון יאָר 1306.

די געשיכטע האָט נישט קאָנסערווירט דעם נאָמען פון דעם קדוש וואָס איז דאָ אומגעקומען. ס'איז דאַן געווען אַ שבועות־טאָג און עס איז ווייט נישט אויס־געשלאָסן, אַז צווישן עולם וואָס האָט בייגעוווינט די עקזעקוציע, האָבן זיך געפונען פאַרבאַהאַלטענע ייִדן, וואָס האָבן מיט ווייטיק אין האַרצן צוגעזען דאָס אומברענגען פון זייער אומגליקלעכן ברודער.

אין יאָר 1315 ווערן ייִדן ווידער אַ מאָל אַריינגעלאָזט אין לאַנד אַריין. זיי שטייען אָבער כּסדר אויס רדיפות, ווי טראָגן די לאַטע, פּאָגראָמען, געצוווּנגענעם שמד און אין יאָר 1394 ווערן זיי ענדגילטיק אַרויסגעטריבן פון פראַנקרייך און באַווייזן זיך ווידער אין לאַנד ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן י״ה ווען לואי דער פערצנטער אַנעקסירט עלזאַס, מיט אַ גרויסער ייִדישער באַ־פעלקערונג.

האָבן זיך טאַקע אין פאַרלויף פון די צוויי הונדערט און פופציק יאָר נישט געפונען קיין ייִדן אין לאַנד?

דער ענין איז ביז גאָר קאָמפּליצירט.

צוליב דער שנאה וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן צום ייִדנטום אַלס „גאָט־מערדער", וואָס האָט זינט די יאָרן פון די קרייץ־מלחמות אָנגענומען אַ שווידער־לעכן כאַראַקטער; צוליבן באַווייזן זיך פון בלוט־בילבול און אַ ביסל שפּעטער, דער בילבול פון פראָפאַנירן די הייליקע האָסטיע; דאָס פאַרשטעלן דעם ייִד אין אַ טייוול־געשטאַלט וואָס פאַרמאָגט הערנער און דערפאַר האַלט ער שטענדיק צו־געדעקט דעם קאָפּ... די אַלע שווידערלעכע מעשׂיות וואָס זענען דערציילט געוואָרן אויף אונדזער חשבון און אין וועלכע די קריסטלעכע מאַסן האָבן געגלייבט, דאָס אַלץ האָט באַשאַפן אַ געוואַלדיקן תּהום צווישן די צוויי וועלטן. מען האָט זיך גע־שראָקן פאַרן ייִד. יעדע האַנדלונג זיינע איז געווען פאַרדעכטיקט. האָט מען אויך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אַ געשמדטן ייִדן, וואָרעם אין ס'רוב פאַלן, איז דאַן דער שמד געווען אַ געצוווּנגענער; האָט מען טאַקע אין פיל פאַרגעקומענע גע־

שעענישן חושד געווען די האַנט פון די געהיימע, באַהאַלטענע יידן. אַזוי האָט מען אויך חושד געווען אין זיין באַהאַלטענע יידן אַ ריי באַרימטע פּערזענלעכקייטן, ווי דעם געלערנטן מישעל דע ל׳האָפּיטאַל (1507 — 1573), דעם עקאָנאָמיסט זשאַן באָדאַן (1520 — 1596), אַ באַרימטער פראַנצויזישער יוריסט און פילאָזאָף, אַ גרויסער און מוטיקער פּאַרטיידיקער פון גאַליליים טעאָריע, וואָס האָט ליב געהאַט, ספּעציעל אויף דער עלטער, צו פאַרברענגען מיט רבנים און יידישע געלערנטע און אויך דעם מאַטעמאַטיקער אָזאַנאַם (1640 — 1717) א. אַנד. אַ חשד וואָס איז אָבער קיין מאָל נישט באַוויזן געוואָרן.

נאָכן אַרויסטרייבן די יידן פון לאַנד, האָט מען די קאָרפּאָראַציע פון די אַלטוואַרג־הענדלער (אַ פריערדיקע יידישע פּראָפעסיע) אָנגעהויבן אין פּאַריז צו רופן מיטן חוזק־נאָמען „די סינאַגאָגע״, אַ צונאָמען וואָס האָט זיך דערהאַלטן אַ זייער לאַנגע צייט. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז געשען דערפּאַר, וואָס אַ געוויסע צאָל יידן וואָס זענען געווען באַשעפטיקט מיט דער דאָזיקער פרנסה, זאָלן ביים אַרויסטרייבן זיי פון לאַנד, זיך האָבן געשמדט, פאַרבליבן אין פּאַריז און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער זעלבער אַקטיוויטעט. אַ סך, אַ סך יאָרן שפּעטער האָט די באַפעלקערונג נאָך אַלץ געקוקט אויף די שמאַטע־הענדלער, אויב נישט ווי אויף באַהאַלטענע יידן, איז ווי אויף אָפּשטאַמיקע פון יידן. אין יאָר 1652 איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ בלוטיק געשלעג צוליבן אָנרופן אַ פאַרבייגייענדיקע גרופּע אַלטוואַרג־הענדלער מיטן חוזק־נאָמען „די סינאַגאָגע גייט״ און איינער פון די אָפּשפּעטער איז דערביי דערהרגעט געוואָרן.

אַרום דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס האָט זיך דאַן אַ סך געטומלט אין פּאַריז און אַ געוויסער סוחר בורזשואַ איז אפילו אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַמפלעט, אַז די „סינאַגאָגע״ איז כסדר דאָ אין לאַנד און אַז זי האָט דערמאָרדעט אַ קריסט.

ווי ווייט די פּאַריזער באַפעלקערונג האָט געגלייבט אין דער אָנוועזנהייט פון באַהאַלטענע יידן וואָס זוכן נקמה, קאָן דינען אַ מערקווערדיק געשעעניש וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַריז אין יאָר 1670, ווען אין פאַרלויף פון פיר חדשים זענען דאָ נעלם געוואָרן 26 יונגעלייט. זיי זענען אויף אַ געהיימנישפולן אויפן פאַרשווונדן און טראָץ דעם וואָס אין געוויסע קרייזן האָט מען געוווסט אַז די שולד פון זייער פאַרשווונדן ווערן טראָגט אויף זיך אַ פּערזאָן פון גרויסן יחוס, האָט מען אָבער אין פאָלק גופא, אָנגעהויבן צו רעדן אַז דאָס איז די אַרבעט פון די באַהאַלטענע יידן...

זיכער איז אַז אַ געוויסע צאָל יידן האָבן זיך געפונען אין לאַנד.

ס׳ווערט אָנגעגעבן אַז צווישן די יאָר 1461 — 1483 האָבן אייניקע יידן באַקומען צייטווייליקע דערלויבענישן צו וווינען אין פּאַריז. זיי האָבן געמוזט יעדע דריי חדשים באַנייען זייערע ביטעס אויף צו מעגן ווייטער בלייבן. אַזוי אויך

האָבן פון צייט צו צייט, דאָ געלעבט יידישע דאָקטוירים אין וועמענס הייל־כוח מען האָט אין יענער צייט זייער שטאַרק געגלייבט.

דאָ איז כדאי צו דערציילן אַ געשיכטע וועגן אַ יידישן דאָקטער וועלכן דער קעניג פראַנסואַ דער ערשטער (געקיניגט פון 1515 ביז 1547) האָט אַראָפּגעבערענגט אַזש פון טערקיי און ווען דער רופא איז ענדלעך אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָט פראַנסואַ דער ערשטער וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד, זיך דערוווסט אַז דער דאָקטער איז געשמדט. אַ שטאַרק איינגעגלויבטער אין כוח פון דער יידישער מעדיצין, האָט ער דעם משומד גלייך פאַרטריבן פון זיך...

פראַנסואַ דער ערשטער האָט דערנאָך אַראָפּגעבערענגט (ווידער אַ מאָל פון טערקיי, פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל) אַ צווייטן דאָקטער, דאָס מאָל שוין, אַ נישט־גע־שמדטן יידן. דער דאָזיקער יידישער רופא זאָל עס האָבן געווען דער וואָס האָט איינגעפירט אין פראַנקרייך דאָס טרינקען אייזל־מילך, אַלס רפואה פאַר לונגען־קראַנקע און אַנעמיע.

ס'איז באַוווסט אַז אין דער סוויטע וועלכע עס האָט מיט זיך געבערענגט פון איטאַליע די קעניגין מאַרי מעדיטשי, האָבן זיך געפונען באַהאַלטענע יידן און אפילו אויך איר לייב־דאָקטער איז געווען דער ייד אליהו מאָנטאַלטאָ, וואָס האָט אַקצעפּטירט דעם אַמט אונטערן באַדינג פון קאָנען אָפּהיטן יידישקייט.

ס'איז אויך באַוווסט אַז דער קאַרדינאַל רישעליע האָט זיך באַנוצט מיט אַ מאַראַן אַלפאָנס לאָפּעז, וועמען ער פלעגט שיקן אין אַ ריי אויסלענדישע מיסיעס מכוח איינקויפן שיפן פאַר פראַנקרייך. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, פלעגט רי־שעליע רופן דעם מאַראַן „הער העברעער״ (Seigneur hébreu).

ווי מיר זעען, האָט די געשיכטע איבערגעלאָזט ידיעות וועגן דער אַנוועזנ־הייט פון יידן אין לאַנד. אָבער דאָס זענען סוף כל סוף נעמען פון יחידים. מען דאַרף אָננעמען אַז אין לאַנד האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן דאָ געלעבט ווי מאַראַנען.

פון לואי דעם 13־טנס אַ דעקרעט, דאַטירט דעם 23־טן אַפּריל 1615, דער־וויסן מיר זיך אַז אַ גרופּע האָלענדישע און פאָרטוגעזישע יידן האָבן פּרובירט זיך באַזעצן אין פראַנקרייך, אָבער זיי זענען גלייך פאַרטריבן געוואָרן.

מיר וועלן זיך איצט אומקערן צום פּלאַס דע גרעוו אויף וועלכן עס איז אין יאָר 1617 פאָרגעקומען אַן עקזעקוציע וועגן וועלכער עס איז וויכטיק צו דערציילן:

אין דערמאָנטן יאָר, קומט פאָר אין פראַנקרייך אַ פּאָליטישע איבערקערעניש: די קעניגין מאַרי מעדיטשי וואָס האָט געהערשט איבערן לאַנד טראָץ איר שוין

פּוליעריקן זון, ווערט באַזייטיקט פון דער מאַכט. מען דערהרגעט דערביי איר פּרעמיער־מיניסטער און פאַוואָריט קאָנטשיני. זיין פרוי, די איטאַליענערין עלעאָנאָראַ גאַליגאַי ווערט דערקלערט אַלס „כישופמאַכערין" און פאַרמשפּט צום טויט. זי קומט אום אין פייער אויפן פּלאַס דע גרעוו.

בעתן משפּט, ווערט איר אויך פירגעוואָרפן יידישקייט און עס ווערט אָנגעגעבן אַז אין דער אמתן זאָל זי גאָר האָבן געהייסן סאָפאָר (סופר ?). טראָץ דעם, וואָס עס איז אין ערגעץ נישט באַוויזן געוואָרן איר יידישקייט, איז אַ פאַקט אַז זי און איר מאַן קאָנטשיני, וואָס ביידע זענען זיי געווען די פאַוואָריטן פון דער קעניגין, האָבן ביי אַ ריי געלעגנהייטן פּראָטעזשירט יידן, וואָס האָבן זיך, זוי שוין דערמאָנט, געפונען אין דער סוויטע פון מאַרי מעדיטשי.

עלעאָנאָראַ גאַליגאַי איז אומגעקומען אויפן פּלאַס דע גרעוו אין יאָר 1617 מיטנעמענדיק מיט זיך דעם סוד וועגן איר אמתן אָפּשטאַם.

פיר יאָר שפּעטער, אין 1621, ווערט אויפן פּלאַס דע גרעוו אויסגעפירט אַ ווייטערדיקער טויט־אורטייל. עס ווערט אומגעבראַכט אַ געוויסער זשאַן פאָנטאַניע, פאַרמשפּט צום פאַרברענען, פאַר זיין אַריבערגיין צום יידנטום.

דאָס איז געווען אַ מערקווערדיקע געשטאַלט וואָס איז געטריבן געוואָרן דורך עפּעס אַן אינערלעכן כוח פון איין עקסטרעם צום אַנדערן.

ער איז געווען אַ קאַלוויניסט. ער ווערט דערנאָך אַ גלח, אַן אַדוואָקאַט, אַ סעקרעטאַר אין קעניגלעכן הויף, לסוף איז ער זיך מגייר; ער ווערט אַ ייד און קומט אַרויס מיט אַ בוך א"נ „אַן אוצר, נישט אָפּצושאַצן" (« Trésor inestimable ») דורך וועלכן ער זוכט צו באַווירקן דאָס פראַנצויזישע פאָלק, עס זאָל אַריבערגיין אין יידישן גלויבן!...

זשאַן פאָנטאַניע, דער בעל חלומות, וואָס אַ סך האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ משוגענעם, באַצאָלט פאַר זיין שריט מיטן אומקומען אין פייער אויפן פּלאַס דע גרעוו. עס ווערט דערציילט, אַז ער זאָל פאַרן טויט זיך האָבן איבערגעבעטן מיט דער קירכע און האָבן אויסגעהויכט זיין נשמה ווי אַ גוטער קריסט.

די עקזעקוציעס פון צום טויט־פאַראורטיילטע האַלטן אָן אויפן פּלאַס דע גרעוו ביז צום יאָר 1830, אָבער דאָס אומברענגען פון זשאַן פאָנטאַניע איז געווען די לעצטע טויט־אויספירונג וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון יידן אין פּאַריז.

לסוף דאַרף דערציילט ווערן אַז אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, אין דער אַלטער געביידע פון שטאָטראַט וואָס איז פאַרברענט געוואָרן בעתן אונטערדריקן דעם

קאָמונאַרן־אויפשטאַנד, האָט זיך אין יאָר 1807, אויפן באַפעל פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, צונויפגעזומען דער סנהדרין, וואָס איז באַשטאַנען פון 71 מיט־גלידער (45 רבנים און 26 וועלטלעכע יידן). זייער מיסיע איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן אין לאַנד אין הסכם מיט דער נייער, נאָך־רעוואָלוציאָנערער צייט און באַקומענער גלייכבאַרעכטיקונג.

דער סנהדרין האָט דאָ אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקסיסטענץ.

די פאַרגאַנגענהייט פון פּלאַס דע גרעוו וואָס טראָגט היינט צו טאָג דעם נאָמען פּלאַס דע ל׳האָטעל דע וויל, איז רייך אין טרערן און אין בלוט, אויך אין יידישע טרערן וואָס זענען דאָ פאַרגאָסן געוואָרן און וועגן וואָס מיר האָבן זיך באַמיט דאָ צו דערציילן.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

1, 5, 12, 21, 36, 49, 57, 59, 61, 62, 69, 80, 89, 92, 105, 114, 119, 121 124, 135, 139, 142.

9.

די מיליטער־שול

צו די גרויסע פּאַריזער קאָנסטרוקציעס וואָס ציען אויף זיך די אויפ־מערקזאַמקייט פון די דורכגייער געהערט אָן ספק די פּאַריזער מיליטער־שול. זי צייכנט זיך אַזוי מאַלעריש אין דער טיף פון „מאַרס־פעלד״.

אויפגעבויט צווישן די יאָרן 1751 — 1756 דורך דעם אַרכיטעקט גאַבריעל, וואָס האָט באַרייכערט די שטאָט מיט אַ ריי וואָגיקע אַרכיטעקטור־מאָנומענטן, דינט זי ביז היינט צו טאָג ווי אַ מיליטערישע הויכשול.

די געביידע האָט אויך אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר אונדז יידן, וואָרעם איר געשיכטע פאַרמאָגט אויך איינציקע יידישע מאָמענטן.

אין די ניינציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י״ה האָט מען אין פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב זיך אַרומגעזען אַז מען טראָגט פון דאָרט אַרויס מיליטערישע סודות און אַז אין דער שפּיץ פון דער אַרמיי־אָנפירונג געפינט זיך אַ פאַררעטער. אין יאָר 1894 איז געלונגען אַריינצובאַקומען אַ בריוו, וועלכן דער שפּיאָן האָט געשיקט צום דייטשן אַמבאַסאַדאָר. מען מאַכט אַ גיכע אונטערזוכונג און מען שטעלט זיך גלייך אָפּ אויף דעם שטאַבס־אָפיציר, דעם קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס, אַז ער זאָל עס זיין דער פאַררעטער.

אַלפרעד דרייפוס, אַן עלזאַסער ייד, איז געווען דער איינציקער יידישער אָפיציר אין מיליטער־שטאַב. אין יענע טעג האָט עדוואַרד דרימאָן געפירט אין לאַנד אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע, מיט וועלכער ער האָט אויך אָנגעשטעקט די אַרמיי־אָנפירונג. להיפוך צום רוב אָפיצירן וואָס האָבן ליב געהאַט צו פאַרברענגען ביי אַ גוטער פלאַש וויין, מיט פרויען און אַנדערע פאַרגעניגנס, האָט אַלפרעד דרייפוס, וואָס איז געווען זייער רייך, געפירט אַ באַשיידן און שטיל פאַמיליע־לעבן.

דאָס נישט מיטמאַכן די אָפיצירישע וויין־ און ווייבער־אָרגיעס האָט אים נישט פאַרשאַפט קיין פריינד צווישן די שטאַבס־אָפיצירן, וואָס אַלע כמעט זענען זיי אויך געווען געשטימט יידן־פיינטלעך. דער צופאַל האָט אויך געוואָלט אַז

די האַנט־שריפט פון קאַפּיטאַן דרייפוס זאָל פאַרמאָגן אַ געוויסע ענלעכקייט צו דער האַנטשריפט פון געפונענעם דאָקומענט. זיינע שפּעט צווייפלען נישט מער. אַז דער פאַררעטער וואָס גיט אַרויס מיליטער־סודות איז נישט קיין אַנדערער, נאָר דער יידישער אָפיציר.

גלייך אין אָנהייב, אין קאַבינעט פון גענעראַל בואַדעפר, ווהין דרייפוס איז אַרויסגערופן געוואָרן, ווייזט אים דער קאָמענדאַנט פּאַטי דע קלאַם אויף אַ צו־געדעקטן רעוואָלווער און זאָגט צו אים:

— פירט איבער אייך אויס די גערעכטיקייט!...

אַלפרעד דרייפוס וועלכער פאַרשטייט נאָך נישט וואָס דאָ געשעט זאָגט זיך אָפּ צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ער פּראָטעסטירט קעגן דער אומדערהערטער עצה און ווערט אַרעסטירט.

אין דעצעמבער 1894 קומט פאָר זיין פּראָצעס, בעת וועלכן אַלע ריכטער (זיבן אָפיצירן) דערקלערן אים איינשטימיק פאַר שולדיק אין פאַרראַט און שבת, דעם 5־טן יאַנואַר 1895 קומט פאָר אין גרויסן הויף פון דער מיליטער־שול (וועלכן מיר זעען פון פּלאַץ דע פאָנטענואַ) דאָס דעגראַדירן דרייפוסן. (קלישע נום. 54).

ס׳איז דאַן געווען אַ גרויער פראָסטיקער פרימאָרגן. אינעם גרויסן הויף פון דער מיליטער־שול זענען פאַרזאַמלט ביי פינף טויזנט מיליטער־לייט צונויפ־געשטעלט פון אַלע מיליטערישע פאָרמאַציעס, וואָס בילדן דעם פּאַריזער גאַר־ניזאָן, אונטער אַן אומבאַשרייבלעכן טומל פון טויזנטער מענטשן וואָס זענען פאַרזאַמלט אין דרויסן ביים אייזערנעם אָפּצוים און וואָס שרייען אומאויפהערלעך „יודאַש״, „אַ טויט די יידן״, „אַ טויט דעם פאַררעטער״, שפּילט זיך אָפּ די סצענע פון דעגראַדאַציע: דאָס אַראָפּרייסן די עפּאָלעטן פון דרייפוסן און דאָס צעברעכן זיין שווערד.

אַלפרעד דרייפוס איז געווען ביז גאָר איבערגענומען מיטן כבוד פון אַ מיליטער־מאַן, ער האַלט זיך גלייך, גייט מיט אַ מיליטערישן טראָט, דעם קאָפּ הויך אַרויף און אייניקע מאָל הערט מען אים אויסשרייען „איך בין אומשולדיק״, „איר האָט פאַרמשפּט אַן אומשולדיקן״. דאָס ענדערט אָבער נישט זיין רעג־לאַמענטירט מאַרשירן, דאָס האַלטן מיליטעריש־גלייך זיין פיגור, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אַ מיליטערישן פּאַראַד...

די דאָזיקע זאָרג פון יידישן אָפיציר וואָס האָט געזוכט צו דערשיינען ווי אַ גוט דיסציפּלינירטער מיליטער־מאַן, האָט אָפּגעשוואַכט זיינע אויסרופן וועגן אומשולד און געלאָזט די פאַרזאַמלטע גלייכגילטיק און קאַלט. (קלישע נום. 55).

קלישע נומער 54

דער הויף פון דער מיליטער־שול. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 55

די דעגראַדאַציע פון אַלפרעד דרייפוס.

צווישן דער גרופּע זשורנאַליסטן וואָס האָבן בייגעווווינט דאָס דעגראַדירן דרייפוסן האָט זיך געפונען דער שרייבער און אַנטיסעמיט לעאָן דאָדע. זעענדיק דאָס שטאָלצע מאַרשירן פון קאַפּיטאַן דרייפוס אין וועמענס שולד ער האָט נישט געצווייפלט, האָט ער דערנאָך געשריבן:

„ס'איז אַ שרעקלעכע זאַך, וואָס די דאָזיקע האַלטונג זיינע איז נישט אַראָפּ־געזונקען אין דער בלאָטע, וואָס ר'האָט זיך נישט איינגעבראָכן און נישט שוואַ־כער געוואָרן.״

צוזעענדיק דאָס דעגראַדירן דרייפוסן, האָט מאָריס פּאַלעאָלאָג, דאַן נאָך אַ יונגער דיפּלאָמאַט, זיך אָפּגערופן צו איינעם פון דרייפוס'עס שעפן, דעם קאָ־לאָנעל סאַנדער וואָס האָט זיך געפונען נעבן אים:

— ווי אַזוי קאָן אַ מענטש אַריבערטראָגן אַזאַ דערנידערונג? מיר דוכט, דאָס אויב איך וואָלט געווען אין זיין הויט און וואָלט מיך געפילט אומשולדיק, וואָלט איך מיך רעוואָלטירט, כ'וואָלט מיך געשלאָגן, כ'וואָלט געשריגן געוואַלד!

— מען זעט גלייך אַז איר קענט נישט די יידן — האָט סאַנדער זיך גע־חכמעט — די דאָזיקע ראַסע פאַרמאָגט נישט קיין פּאַטריאָטיזם, נישט קיין כבוד און נישט קיין שטאָלץ. דורות־לאַנג טוען זיי נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר פאַר־ראַטן. פאַרגעסט נישט אַז זיי האָבן אויסגעליפערט קריסטוסן!

גראַד אין דעם מאָמענט, ווען דער קאָלאָנעל האָט אַרויסגעזאָגט זיין חכמה, האָט אַ ריזיק־הויכער אונטער־אָפיציר פאַרענדיקט דאָס דעגראַדירן דרייפוסן און יענער האָט ווידער אַ מאָל אויסגעשריגן:

— איר האָט דעגראַדירט אַן אומשולדיקן, כ'שווער ביי מיין פרוי און קינדער אַז כ'בין אומשולדיק!

נאָכן פאַרענדיקן דאָס דעגראַדירן, ווערט דער יידישער אָפיציר, מיט הענט געשמידטע אין קייטן, אונטער אַ כסדרדיקער פייפעריי, טומל און רופן „אַ טויט די יידן״, אַריינגעזעצט אין אַן אַרעסטאַנטן־וואָגן און אָפּגעפירט צוריק אין טורמע. ס'הייבט זיך אָן זיין מאַרטירער־וועג פון אַ פאַרשיקטן אויפן טייוול־אינדזל.

צווישן דער קליינער צאָל זשורנאַליסטן וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרן צו דער פּראָצעדור פון דער דעגראַדאַציע, האָט זיך אויך געפונען ד"ר טעאָדאָר הערצל, וואָס הערט דעם שוידערלעכן אַנטיסעמיטישן טומל און די היסטערישע געשרייען „אַ טויט די יידן״. ער פאַרלאָזט דעם גרויסן הויף פון דער מיליטער־שול אַ צע־בראָכענער און שרייבט דערנאָך:

„ס'איז נישט געווען בלויז קיין געריכטלעכער טעות; דאָס האָט אַ גרויסער רוב פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג געוואָלט משפּטן אין דער פערזאָן

פון קאַפּיטאַן דרייפוס דעם ייד און צוזאַמען מיט אים אַלע יידן. דער געשריי „נידער מיט די יידן" איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער קאַמף־לאָזונג. און ווו? אין פראַנקרייך, אין דעם רעפּובליקאַנישן, מאָדערנעם, ציוויליזירטן פראַנקרייך, הונדערט יאָר נאָך דער דעקלאַראַציע פון די מענטשן־רעכט!"

און ווי מיר ווייסן עס, האָט די טראַגעדיע פון יידישן אָפיציר וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין הויף פון דער מיליטער־שולע, אַרויסגעפירט הערצלען אויפן וועג פון אָנשרייבן זיין „יודענשטאַאט" און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי בלאַט אין דער יידישער געשיכטע.

אַז מאָריס פּאַלעאָלאָג איז צוריקגעקומען פון דער דעגראַדירונגס־צערעמאָניע און דערציילט איינעם פון זיינע שעפן, דעם דיפּלאָמאַט ניזאַר, וועגן דעם פאַר־לויף פון דער דעגראַדאַציע, האָט יענער צו אים געזאָגט:

— מיר וועלן נאָך הערן רעדן וועגן דעם ייד. אין דער אונטערשטער שורה איז ער דאָך פאַראורטיילט געוואָרן אויפן סמך פון אַ לויזער ענלעכקייט פון זיין האַנטשריפט, וואָרעם די געהיימע דאָקומענטן מיט וועלכע מען האָט באַ־איינפלוסט די ריכטער, זענען פאַרט נישט מער ווי שטותעריי!...

דער דיפּלאָמאַט ניזאַר האָט געוווסט וואָס ער רעדט, וואָרעם אין יאָר 1906 קומט פאָר אין זעלבן הויף פון דער מיליטער־שול, די פייערלעכע צערעמאָניע פון רעהאַביליטירן דעם יידישן אָפיציר.

סוף 1941 שפּילט זיך אָפּ אין דער געביידע פון דער מיליטער־שול אַ נייע יידישע דראַמע:

אין יענע טעג האָבן אין פּאַריז באַלעבאַטעוועט די נאַציס.

דעם 12־טן דעצעמבער, פון פינף פאַר טאָג אָן, האָבן „עס־עס"־לייט, נאָכן אינטערנירן טויזנטער יידן־אויסלענדער, אָנגעקלאַפּט אין הונדערטער היימען פון פראַנצויזישע יידן, זיי אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין דער געביידע פון דער מיליטער־שול, ווו מען האָט זיי געהאַלטן באַוואַכט אונטער קוילן־וואַרפערס ביזן אָוונט און דערנאָך האָט מען זיי אָפּגעפירט אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון קאָמפּיען. די „עס־עס"־לייט האָבן געאַרבעט טיכטיק און אַרעסטירט אין יענעם טאָג, לויט אַ פריער צוגעגרייטער ליסטע, הונדערטער פון דער פראַנצויזיש־יידישער אינטעליגענץ: אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, שרייבער, פּראָפעסאָרן א. אַנד. ס'זענען כסדר געבראַנגט געוואָרן פרישע גרופּן. ס'האָבן זיך דאָ צונויפגעטראָפן פריינד, קרובים, ברידער מיט ברידער.

צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך אויך געפונען דער שרייבער זשאַן זשאַק

בערנאַר, וואָס האָט שפּעטער דערציילט אין אַ בוך זיינע איבערלעבענישן אין קאָמפּיען אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן טאָג פון אַרעסט, ווען ער איז געברענגט געוואָרן אין דער מיליטער־שול.

עס האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אַ טאָפּלע טראַגעדיע: פון איין זייט, דאָס אַרויסרייסן זיבן הונדערט פערזאָן פון זייערע היימען, דאָס אָפּרייסן זיי פון זייערע נאָענטע און טייערע און פון דער צווייטער זייט, דאָס וואָס אַ סך פון די קרבנות פון די נאַציס האָבן זיך גופא נישט באַטראַכט מער פאַר... קיין יידן!

זיי האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף מענטשן וואָס זענען יידן נאָר לויט זייער געבורט און אָפּשטאַם און וואָס זענען עס שוין נישט מער. זיי האָבן זיך געהאַלטן און זיך באַטראַכט פאַר פראַנצויזן. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע וואָס זענען שוין פון לאַנג געווען געשמדט. אויך זשאַן זשאַק בערנאַר (דער זון פון טריסטאַן בערנאַר) איז געווען געשמדט. און אין זיינע זכרונות וועגן זיך און זיינע אומגליק־חברים פון יענעם טאָג, שרייבט ער אַז:

„מיר האָבן אפילו נישט געהאַט די טרייסט פון זיך פילן אַלס יידן און דאָס ביטערע פאַרגעניגן צו ווערן פאַרפאָלגט אַלס אַזעלכע"...

פון זיינע זכרונות זעען מיר אַז ער האָט אין גאַנצן נישט געדענקט וועגן דעם גורל פון קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס, וואָס האָט אין די זעלבע מויערן פון דער מיליטער־שול אַדורכגעמאַכט די שווידערלעכע ליידן פון דעגראַדירן אים, נאָר צוליב זיין יידישן אָפּשטאַם.

זשאַן זשאַק בערנאַר איז אויך געווען זייער ווייט פון צו באַגרייפן און פון צו מאַכן דעם היסטאָרישן אויספיר, וואָס עס האָט מיט אַ פּאָר צענדלינג יאָר פריער געמאַכט, אין דער זעלבער מיליטער־שול, טעאָדאָר הערצל.

ביבליאָגראַפיע
זע נומער:
13, 35, 46, 83, 97, 144.

10.

דער האָטעל „קאַסטיל“

צו די פאַרשידענע ערטער און מאָנומענטן וואָס האָבן אַ גרויסן געשיכט־לעכן אינטערעס פאַר אונדז יידן, געהערט אָן ספק, אויך דער האָטעל „קאַסטיל“ וואָס געפינט זיך אין דער רי קאַמבאָן נומ. 37. ער דערציילט וועגן אַ גרויס און דעצידירנדיק געשעעניש אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. דאָ האָט אַ געוויסע צייט געוווינט ד״ר טעאָדאָר הערצל און דאָ האָט ער אָנגעשריבן זיין „יודענשטאַאַט“, אַ ווערק מיט וועלכן ער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער יידישער מלוכה, פאַר דער ווידערגעבורט פון ישראל.

וועגן דער פערזענלעכקייט פון טעאָדאָר הערצל איז פאַרשטייט זיך אַ סך געשריבן און דערציילט געוואָרן. מיר ווייסן ווי אַזוי ס׳איז אַוועק זיין קורץ לעבן אַלס שרייבער, קריטיקער און דראַמאַטורג. אָבער אין פאַריז, ווו ער האָט זיך געפונען זינט 1891 אַלס דער פאָליטישער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווינער „נייע פרייע פּרעסע“, האָט ער אַדורכגעמאַכט דעם גרויסן גייסטיקן קריזיס, וואָס האָט אים, אַן אַסימילירטן ייד, פאַרוואַנדלט אינעם גרינדער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט אומגעקערט ארץ ישראל דעם יידישן פאָלק.

די דאָזיקע אומוואַנדלונג, דעם גרויסן גייסטיקן קריזיס האָט טעאָדאָר הערצל אַדורכגעלעבט און אַדורכגעפיבערט אין די מויערן פון האָטעל „קאַסטיל“ און דאָ טאַקע, האָט ער אין יאָר 1895 אָנגעשריבן זיין באַרימט בוך. (קלישע נומ. 56).

דאָס זענען געווען די טעג פון גרויסן דרייפוס־פּראָצעס, וואָס האָט אויפ־געשטורעמט אַ ים מיט שנאה צום יידישן פאָלק און האָט אויך שווער געטראָפן דעם אַסימילירטן שרייבער וואָס האָט געוואָלט בלייבן ווייט פון יידישן לעבן און יידישע פּראָבלעמען.

ווי מיר האָבן עס שוין דערציילט, האָט טעאָדאָר הערצל זיך געפונען אין גרויסן הויף פון דער פאַריזער „מיליטער־שול“ און צוגעזען די דעגראַדאַציע־צערעמאָניע פון קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס. ער האָט געהערט די ווילדע געשרייען „אַ טויט די יידן“, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דעם, אין דרויסן פאַרזאַמלטן טויזנט־קעפּיקן המון און ער האָט דערנאָך וועגן דעם געשריבן:

קלישע נומער 56

דער האָטעל „קאַסטיל". (פאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

„אַז אַ גרויס פּאָלק, וואָס איז אָן ספק דערהויבענער פון אַלע פעלקער אויף אַלע קולטור־געביטן, קאָן דערגיין דערצו, טאָ וואָס איז שוין צו האָפן און צו דערוואַרטן פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן זיך נאָך, ביז איצט נישט דערהויבן צו יענער מדרגה, צו וועלכער פראַנקרייך איז דערגאַנגען נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק?"

ד"ר הערצל האָט די פּלוצעם דערזעענע שוידערלעכע יידן־שנאה אָפּגע־פילט ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, וואָס האָט אים טיף אויפגעטרייסלט און ביי אים פולשטענדיק אָפּגענומען די רו.

אויב דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זיך געקאָנט אַזוי ווייט פאַרגעסן, איז וואָס פאַר אַן אויסוועג בלייבט פאַרן שטענדיק פאַרפאָלגטן און געפייניקטן יידישן פאָלק?

און הערצל הייבט אָן צו שרייבן זיין עפּאָכע־מאַכנדיק ווערק.

אין סאַראַ שטימונג ער האָט זיך געפונען ביים שרייבן זיין „יודענשטאַאַט" דערציילן אָם בעסטן די שורות פון זיינע מעמואַרן. אָט וואָס מיר לייענען דאָרט:

„פּאַריז, אָנהייב יוני 1895.

„שוין אַ געוויסע צייט ווי איך בין פאַרנומען מיט אַ ווערק, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז עס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּמעסטן. איך קאָן נישט זאָגן היינט צו טאָג, אַז איך וועל עס דערפירן ביז צום סוף. עס זעט אויס ווי עס וואָלט געווען אַ גיגאַנטישער חלום. אָבער זינט טעג און וואָכן פּילט עס מיך אָז אין גאַנצן, האָט פאַרכאַפּט מיין אונטערבאַוווסטזיין און עס באַגלייט מיך אומעטום וווּ איך גיי. עס שווימט איבער מיינע געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע געשפּרעכן. עס הייבט זיך העכער, איבער מיין קליינלעכער, קאָמישער זשורנאַליסטישער אַרבעט, עס צערודערט מיך און באַרוישט מיך."

„צו וואָס עס וועט ברענגען, איז נאָך אוממעגלעך זיך איצט פאָרצושטעלן, אָבער מיין דערפאַרונג זאָגט מיר, אַז דאָס איז עפּעס וווּנדערלעכס אפילו אַלס חלום."

פון זיין טאָג־בוך דערוויסן מיר זיך אויך, אַז ער האָט דאָס ווערק געשריבן: „גייענדיק, שטייענדיק, ליגנדיק, געשריבן אויף דער גאַס, ביים טיש, אין דער נאַכט, ווען עס האָט מיך אַרויסגעיאָגט פון שלאָף".

ד"ר הערצל איז געווען אַ מחבר פון אַ ריי ביכער, אָבער אָט וואָס ער האָט דערציילט וועגן די טעג ווען ער האָט געאַרבעט איבער זיין „יודענשטאַאַט":

„איך געדענק נישט אַז איך זאָל ווען ס'איז שרייבן אין אַזאַ דערהויבענער שטימונג ווי דאָס בוך. היינע האָט געזאָגט, אַז ביים שרייבן געוויסע פערזן,

האָט ער געהערט איבער זיין קאָפּ דאָס רוישן פון אָדלער־פליגלען. אויך איך האָב ביים שרייבן דאָס בוך געגלייבט צו הערן עפּעס אַזוינס איבער מיר. איך האָב געאַרבעט איבער אים טאָג־טעגלעך, ביז איך בין געוואָרן דערשעפּט".

אין דער דאָזיקער מערקווערדיקער שטימונג פון שרייבן דאָס ווערק, דורך וועלכן ער האָט געחלומט און געשטרעבט אַ סוף צו מאַכן צום טראַגיש־יידישן גורל, האָט עס אויך אָפּט געטראָפן אַז דער וויזיאָנער האָט געוויינט ביים אַרויס־פירן זיינע געדאַנקען אויפן פּאַפּיר.

דעם 16־טן יוני 1895, שרייבט ער איין אין זיין טאָג־בוך:

„אין די דאָזיקע טעג האָב איך מורא געהאַט אַז איך וועל משוגע ווערן, אַזוי געוואַלדיק־שנעל זענען געלאָפן די געדאַנקען וואָס האָבן דערשיטערט מיין נשמה."

און ער גיט צו די נביאישע שורה:

„איך גלייב, אַז עס האָט אויפגעהערט פאַר מיר דאָס לעבן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־געשיכטע"! (קלישע נומ. 57).

ביים שרייבן דאָס ווערק, האָט טעאָדאָר הערצל איבערגעלעבט גרויסע מינוטן פון דערהויבנקייט, וואָס איז געקומען פון באַוווסטזיין, אַז ער עפנט אויף אַ ניי בלאַט געשיכטע נאָך צוויי טויזנט יאָר טראַגישן יידישן גלות. ער האָט אָבער אויך איבערלעבט טעג פון יאוש און פאַרצווייפלונג צוליב די אַלע שוועריקייטן וועלכע ער האָט געזען פאַר זיך; שרעק פאַר דעם ווי אַזוי דאָס ווערק וועט אויפגענומען ווערן דורך זיין אייגן פאָלק, „וועט עס זיין ביכולת צו פאַרשטיין דעם רוף פון פרייהייט און מענטשן־ווערדע?" האָט ער זיך מע־רערע מאָל געפרעגט. און אָט האָט זיך אים גאָר געדוכט „אַז זיין פּלאַן איז אַן אַבסורד און אַ משוגעת".

נאָכן פאַרענדיקן דאָס ווערק, ווען הערצל האָט צום ערשטן מאָל איבער־געלייענט דעם מאַנוסקריפּט פאַר זיין געהילף און פריינד ד"ר שיף, האָבן זיך ביי יענעם באַוויזן טרערן אין די אויגן. דער ערשטער לייענער־צוהערער האָט נישט געצווייפלט אַז דאָס זענען שורות פון אַ מענטשן, וואָס איז אַראָפּ פון זינען און זיין וויינען — דאָס זענען געווען טרערן פון ווייטיק און עגמת־נפש.

ווי דער גורל פון אַ סך וויזיאָנערן, האָט אויך הערצל געהאַט אַ סך אויס־צושטיין צוליבן אַרויסקומען מיט זיין „יודענשטאַאַט". אָט וואָס פאַר אַ פיל זאָגנדיקע שורות מיר געפינען ביי אים:

„מיין ערשטע דעראינערונג פון דער שולע זענען די מלקות וועלכע איך

קלישע נומ. 57

DER

JUDENSTAAT

VERSUCH

EINER

MODERNEN LÖSUNG DER JUDENFRAGE

VON

THEODOR HERZL

DOCTOR DER RECHTE

LEIPZIG und WIEN 1896.
M. BREITENSTEIN'S VERLAGS-BUCHHANDLUNG
WIEN, IX WÄHRINGERSTRASSE 5

ערשטע אויסגאַבע פון „יודענשטאַאַט".

האָב באַקומען, ווייל כ'האָב נישט געקענט די פּרטים פון יציאת־מצרים, איצט וואָלטן אַ סך לערער מיך געוואָלט שלאָגן, ווייל כ'געדענק צופיל יציאת־מצרים".

וועגן אָט די איבערלעבענישן, אויפטרייסלונגען, ליידן און אויך מאָמענטן פון דערהויבונג דערציילן אונדז די מויערן פון האָטעל „קאַסטיל".

ערשט אין יאָר 1961 איז געוואָרן מעגלעך אויפצוהענגען אויף דער מויער פון האָטעל אַן אויפשריפט וואָס דערציילט די דורכגייער, אַז דאָ, האָט טעאָדאָר הערצל אָנגעשריבן אין יאָר 1895 זיין „יודענשטאַאַט".

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

129, 132, 144.

11.

פון וואַנען דער נאָמען „פּלעצל״?

טראָץ דעם וואָס יידן אין פּאַריז וווינען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט זענען דאָך פאַראַן פיר צענטערס וווּ זיי וווינען אין אַ גרעסערער צאָל:

דער מאַנמאַרטר, דער בעלוויל־קוואַרטאַל, די רי באַפּרואַ און דאָס פּלעצל.

אויב דער מאַנמאַרטר און דער בעלוויל זענען יינגערע פּאַריזער קוואַרטאַלן, (דאָס זענען געוועזענע שטעטלעך וואָס האָבן אַ קורצע אַנגעהעריקייט צו פּאַריז) איז שוין דער באַפּרואַ־קוואַרטאַל אַ סך אַן עלטערער און דאָס „פּלעצל״ איז אַ יידישער קוואַרטאַל וואָס האָט שוין אין מיטלעלטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין פּאַריז און וואָס האָט מיט זיינע פּיטאָרעסקע געסלעך, די רי דע ראָזיעי, (קלישע נומ. 58), רי דעז עקוף, (קלישע נומ. 59), רי פּאַווע, רי וויעי די טעמפּל און אַנדערע אַזעלכע ווינקעלעך, דערהאַלטן ביז היינט צו טאָג דעם מיטלעלטער־לעכן כאַראַקטער. דער דאָזיקער קוואַרטאַל פול מיט יידישע רעסטאָראַנען, שפּייז־געוועלבער, בעקערייען, כשרע יאַטקעס מיט יידישע אויפשריפטן אויף טיר און פענצטער פון די אונטערנעמונגען, רופט אַרויס ביי פריש־געקומענע אַ שטוינונג און אַ שמייכל אויף די ליפּן.

אינטערעסאַנט אין דעם פאַל איז דאָס, וואָס די אַנדערע דורך יידן באַ־וווינטע ערטער, רופן זיי נישט אַנדערש ווי מיט די זעלבע נעמען וואָס די קוואַרטאַלן טראָגן, אָבער די געגנט וואָס געפינט זיך אַרום דער היינטיקער מעטראָ־סטאַנציע סען־פּאָל האָבן יידן אַ נאָמען געגעבן „פּלעצל״ און זייער אָפט קומט אויס צו הערן די פראַגע, פאַר וואָס פּלעצל? פון וואַנען דער נאָמען?

דאָס פּאַריזער פּלעצל האָט פאַרשטייט זיך אַ נאָמען וואָס איז גוט באַקאַנט און וועלכן ער האָט באַקומען נאָך אין וויטן מיטלעלטער; דאָס אָרט איז באַ־קאַנט אַלס קאַרטיע „מאַרע״, וואָס מיינט בלאָטע־קוואַרטאַל און וואָס נעמט זיך פון זיין אַמאָליקער געשיכטע, ווען די סען פלעגט אָפט פאַרפלייצן די געגנט אַרום און עס זענען דאָ כסדר געווען וואַסערן, בלאָטעס און זומפּן, אַ זאַך פון וואָס דער קוואַרטאַל איז שוין לאַנג אויסגעהיילט. דער נאָמען מאַרע ווערט היינט צו טאָג באַנוצט דורך דעם אינטעליגענטן און שטודירנדיקן שיכט, וואָס זוכט וואָס בעסער צו קענען די געשיכטע פון פּאַריז. אָבער ביים ברייטן פאַ־

קלישע נומער 58



רי דע ראָזיעי. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 59



רי דעז עקוף. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

ריזער עולם איז די געגנט באַקאַנט אַלס דער סען־פּאָל קוואַרטאַל, אַ נאָמען וואָס נעמט זיך פון אַ פּאַלאַץ, אַ באַרימטן האָטעל וואָס איז דאָ אַ מאָל געשטאַנען (צווישן דער רי סענט אַנטואַן און דער סען) און איז געווען אַ קעניגלעכע רעזי־דענץ. היינט צו טאָג געפינען זיך אַרום דעם אָרט פון אַמאָליקן האָטעל, אייניקע געסלעך וועמענס נעמען דערמאָנען דעם שוין לאַנג פאַרשווּנדענעם קעניגלעכן פּאַלאַץ און זינט דעם יאָר 1900 איז צוגעקומען די פּאָפּולערע מעטראָ־סטאַנציע סען־פּאָל.

אָבער דער יידיש־רעדנדיקער עולם פון פּאַריז האָט צוליב אַ ביז היינט נישט אויפגעקלערטער סיבה, נישט אָנגענומען דעם הונדערטער יאָרן אַלטן נאָמען פון קוואַרטאַל מאַרע און אויך נישט דעם נאָמען סען־פּאָל. ביי אים האָט דער קוואַרטאַל פון לאַנג, פון זייער לאַנג שוין געהייסן „פּלעצל" און אונ־טער דעם נאָמען איז די געגנט באַרימט געוואָרן. ווארעם פּאַריז איז כסדר געווען אַ דורכפאָר־אָרט; יידן פון דער גאַנצער ממש וועלט, האָבן אויף זייערע רייזעס און וואַנדערונגען באַזוכט פּאַריז און זיי קענען דעם אַלטן פּאַריזער יידישן קוואַרטאַל. פון נאָמען סען־פּאָל ווייסן זיי ווייניק, אָבער דאָס „פּלעצל" איז זיי גוט באַקאַנט.

פון וואַנען דער נאָמען?

איז עס אַן אַנאָנימער מחבר? אויב יאָ, פאַר וואָס האָט דער אויסדרוק זיך אָנגענומען און זיך באַפעסטיקט?

איז עס נישט קיין אַנאָנימער מחבר טאָ ווער איז ער געווען?

דער נאָמען „פּלעצל" מיט וועלכן די פון מזרח־איינגעוואַנדערטע יידן האָבן אָנגערופן דעם מאַרע־ (אָדער סען־פּאָל־) קוואַרטאַל, נעמט זיך לויט אונדזער טיפער איבערצייגונג, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט שיינען, פון דער מאַר־קיזע דע סעוויניע, וואָס איז באַרימט צוליב אירע בריוו געשריבענע אין 17־טן י"ה. זי איז עס די מחברין פונעם נאָמען פּלעצל. דאָס האָט זי אַזוי גערופן דעם קוואַרטאַל אָן צו וויסן, אַז מיט דעם איר אַזוי ליבן נאָמען, וועלן זיך אַ הונדערט יאָר שפּעטער אָנהייבן צו באַנוצן יידן אין פּאַריז.

ווער איז געווען די מאַרקיזע דע סעוויניע?

זי איז געבוירן געוואָרן אין פּאַריז אין יאָר 1626 און איז געווען די טאָכ־טער פון אַן אָנגעזעענער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. צו זיבן יאָר איז זי שוין אַ קיילעכדיקע יתומה און ווערט דערצויגן דורך קרובים, פון אָנפאַנג אין פּאַריז און דערנאָך אין דער פּראָווינץ.

צו 18 יאָר האָט זי חתונה מיטן מאַרקיז דע סעוויניע, אַ נאָמען אונטער

װעלכן זי װערט טאָקע שפּעטער באַרימט, און װױנט אױף דאָס נײַ אין פּאַריז. אין יאָר 1647 װערט בײַ איר געבוירן אַ זון און אין יאָר 1648 אַ טאָכטער, די שפּעטערדיקע גרעפין מאַדאַם דע גריניאַן, צו װעמען די מאַרקיזע האָט גע־שריבן דעם װײַט גרעסטן טײל פון אירע באַרימטע בריװ. (קלישע נומ. 60).

אין 1651, אין עלטער פון 25 יאָר, פאַרלירט זי איר מאַן, װאָס קומט אום אױף אַ דועל. זי באַזעצט זיך דאַן אױף דאָס נײַ אין דער פּראָװינץ, אױף איר ערד, כדי אין אָרדענונג צו ברענגען איר שלעכטן פינאַנציעלן מצב, צוליב איר מאַנס אױסבערענגערישקײט.

דרײַ יאָר שפּעטער איז זי װידער אין פּאַריז און איז אַן אָנגענומענע פּערזאָן אין אַלע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען און אין קעניגלעכן הױף.

אין 1669 האָט חתונה איר טאָכטער און דאָס איז אַ געװאַלדיק אױפטרײס־לענדיק געשעעניש אין איר לעבן; צו איר זון איז זי געװען אין גאַנצן גלײַכ־גילטיק, דערפאַר אָבער איז זי געװען אײַנגעליבט אין איר טאָכטער, װעמען זי האָט אָפּגעגעבן איר גאַנצע מוטער־ליבע. אין יאָר 1671 פאַרלאָזט די טאָכטער פּאַריז. די מאַדאַם דע סעװיניע קאָן זיך ממש קײן אָרט נישט געפינען און הײבט זי אָן צו פאַרװאַרפן מיט בריװ, מיט טױזנטער בריװ. די מאַרקיזע האָט פאַרשטײט זיך געשריבן בריװ אױך צו אַנדערע מענטשן, אָבער צו גאָר אַ קלײנעם און זײער אַ באַגרענעצטן קרײז. דערפאַר האָט זי פּשוט נישט אַדורכ־געלאָזט קײן טאָג אױף אַדורכצושמועסן זיך ברײװלעך מיט איר טאָכטער און איר דערצײלן װעגן אַלע נײַעס, װעגן באַקאַנטע, װעגן קעניגלעכן הױף און אַלע געשעענישן װאָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַרום איר. דאָס אַלץ איז דער־צײלט געװאָרן אין סאַמע פײַנסטן פראַנצױזישן סטיל, אױף װעלכן די מאַדאַם דע סעװיניע איז געװען אַ מײַסטערין: זי דערצײלט גײַסטרײַך, מיט אַן אַ שיעור לעבעדיקײט. די בריװ זענען געװען אַ כסדרדיקער שמועס מיט איר טאָכטער, װעמען זי האָט געזוכט אונטערצוטראָגן פון בעסטן, שענסטן און פרײלעכסטן.

נישט דער מאַדאַם דע סעװיניע אַלײן און נישט אירע אַדרעסאַטן איז אײַנ־געפאַלן, אַז מיט אירע בריװ שטעלט זי אױף אַ װוּנדערבאַר לעבעדיק בילד פון אַ באַרימטער עפּאָכע, די עפּאָכע פון „קעניג־זון״, װי מען האָט אָנגעהױבן צו רופן לואי דעם 14־טן. אין די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען האָבן די בריװ פון דער מאַדאַם דע סעװיניע געהאַט אַ שם; געװיסע בריװ אירע פלעגן קאָפּירט װערן דורך אירע פרײַנד נאָך פאַרן אָפּשיקן זײ און זײ פלעגן דערנאָך געלײענט װערן אין פאַרשידענע סאַלאָנען. דער עולם האָט אַ הנאה געהאַט פון איר שאַרפ־זיניקײט, ראַפינירטן הומאָר, כאַראַקטעריסטיקעס און סטיל. אָבער קײנעם איז

קלישע נומער 60

מאַדאַם דע סעוויניע.

נישט איינגעפּאַלן צו טראַכטן אַז זיי וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ווי די סאַמע אינטערעסאַנטסטע דערציילונגען וועגן פראַנצויזישן לעבן פון 17־טן י״ה.

ערשט אין יאָר 1726, דרייסיק יאָר נאָך איר טויט (זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1696) זענען פּובליצירט געוואָרן די ערשטע צוויי בענד, וואָס האָבן גלייך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף זייער ווערט און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ליטעראַריש־געשיכטלעכע סענסאַציע אַרום די פּובליקאַציעס וואָס האָבן זיך כסדר פאַרמערט.

אויך וועגן דעם דערשיינען פון אירע בריוו איז פאַראַן אַ סך צו דערציילן, וואָרעם זיי זענען געלעגן אין פאַרשידענע הענט, וואָס האָבן צוליב משפּחה־טעמים, אָפט מאָל זייער ערנסטע, זיך דערלויבט צו שטרייכן מערערע שורות און בכלל אויך אַריינצופירן מערערע קאָרעקטורן און אַזוי אַרום פאַרקריפּלען דעם אָריגינעלן טעקסט. עס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן אי־בערגעשריבן הונדערטער בריוו אַריינפירנדיק דערביי אייגענע „אויסבעסע־רונגען״ און דערנאָך אַוועקגעוואָרפן די אָריגינאַלן, האַלטנדיק אַז זיי זענען מער נישט נייטיק...

דער געוואַלדיקער אינטערעס צו די בריוו פון דער מאַדאַם דע סעוויניע האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע פאַראינטערעסירונג מיט איר לעבן און מיט אַלעם וואָס האָט נאָר געהאַט אַ וועלכע ס׳איז שייכות מיט איר. מען האָט אַלץ מער זיך דערוווּסט וועגן די פאַרגעקומענע מאַניפּולאַציעס מיט אירע בריוו. מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן די אָריגינאַלן כדי זיי צו פאַרגלייכן מיט די פאַרעפנטלעכטע טעקסטן. עס האָבן אפילו נישט געפעלט קיין סענסאַציאָ־נעלע אַנטדעקונגעןביים אויסגעפינען אָריגינעלע בריוו און צו ביסלעך האָט מען זיך אַלץ מער דערנענטערט צום שורש.

דאָס פּובליצירן אירע בריוו זענען לאַנגע, לאַנגע יאָר־צענדליגער געווען די גרויסע סענסאַציע פאַר די פראַנצויזישע סטיליסטן, ליטעראַטור־ און גע־שיכטע־פאָרשער, וואָס האַלט אפילו אָן ביז היינט צו טאָג, אָבער אין 18־טן י״ה האָבן די בריוו פון דער מאַדאַם דע סעוויניע געהערט צו די וויכטיקסטע ליטעראַרישע טעמעס און ביז גאָר באַשעפטיקט די פראַנצויזישע אינטעלעק־טועלע וועלט.

דאָ הייבט אָן אַרויסצושווימען דער נאָמען „פלעצל״ וואָס, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, שטאַמט פון מאַדאַם דע סעוויניע.

לאָמיר קודם כל דערמאָנען אַז די מאַדאַם דע סעוויניע איז געבוירן גע־

וואָרן אויף דעם הײַנטיקן פּלאַץ דע וואָזש נום. 1־ביס, וואָס האָט אין יענע טעג געהייסן „קעניגלעכער פּלאַץ״. (קלישע נום. 61).

דאָ, אין דעם הויז האָט זי געלעבט ביז זי איז אַלט געוואָרן צען יאָר און פון איר סאַמע פריסטער קינדהייט אײַנגעזאַפּט אין זיך די אַטמאָספערע פון פּלאַץ און פון דער געגנט אַרום.

וואָס האָט אין יענע טעג מיט זיך פאָרגעשטעלט דער קעניגלעכער פּלאַץ?

פון 14־טן י״ה אָן האָט זיך אויף יענעם אָרט געפונען אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ דער האָטעל דע טורנעל (דערפון דער הײַנטיקער נאָמען פון דער־נעבנדיקער רי דע טורנעל). דער פּאַלאַץ איז דאָ געשטאַנען ביז אומגעפער 1565. אַזוי אויך האָט זיך אויף דער אַנדערער זײַט פון דער דערנעבנדיקער רי סענט אַנטואַן געפונען אַ צווייטע קעניגלעכע רעזידענץ, דער האָטעל סען־פּאָל וועגן וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט. און כאָטש ביידע קעניגלעכע פּאַלאַצן זענען צוליב גאַנץ פאַרשידענע סיבות אָפּגערוימט געוואָרן און פולשטענדיק פאַר־שוונדן אין 16־טן י״ה, איז אָבער די גאַנצע געגנט דאָ אַרום, לאַנג, לאַנג נאָך געווען באַוווינט דורך דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע וואָס האָט דאָ געהאַט אירע האָטעלן ממש ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער קעניגלעכער פּלאַץ איז געווען דער צענטער פון דעם אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל.

אַז מען האָט אויפגעבויט דעם פּלאַץ דע וואָזש וואָס האָט מיט זיך פאָרגע־שטעלט דאָס לעצטע וואָרט אין דער אַרכיטעקטור און דאָס סאַמע עלעגאַנטסטע ווינקל פון פּאַריז, זענען אַלע וווינונגען גלייך פאַרנומען געוואָרן דורכן פראַנ־צויזישן אַדל.

עס איז אײַנגעהיט געוואָרן אַ גענויע ליסטע פון אַלע אײַנוווינער פון דעם קעניגלעכן פּלאַץ אין 17־טן י״ה. דער פּלאַץ איז געוואָרן דאָס גרעסטע שפּאַציר־אָרט פון דער אַריסטאָקראַטיע און האָט בכלל אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין פּאַריז. ס'איז געוואָרן דאָס אָרט פאַר פאַרשידענע טרעפונגען, באַ־רימטע דועלן און ליבע־ראָמאַנען.

צוליב דעם נייעם קעניגלעכן פּלאַץ וועגן וועלכן ס'איז פאַראַן הײַנט צו טאָג אַ גאָר גרויסע ליטעראַטור, האָט די גאַנצע געגנט דאָ אַרום אַדורכגעמאַכט אַ געוואַלדיקן אויפבלי. ס'איז געוואָרן דער גרעסטער אַריסטאָקראַטישער צענטער פון פּאַריז און אַ סך האָטעלן און פּאַלאַצן פון יענער צײַט געפינען זיך נאָך ביז הײַנט צו טאָג אין קוואַרטאַל מאַרע.

די סאַמע ווילדסטע (?) געשעענישן אין לעבן פון דער מאַדאַם דע סעוויניע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דאָזיקן קוואַרטאַל אין וועלכן זי איז געבוירן.

קלישע נומער 61



הויז ווו די מאַדאַם דע סעווי־ניע איז געבוירן. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

אין דער דערנעבנדיקער, דאַן פּריש אויפגעבויטער קירכע „סען לואי — סען פּאָל“ איז פאַרגעקומען איר טויפונג און אין אַ נאָענטער קירכע וואָס געפינט זיך אויף עק גאַס סענט־אַנטואַן און קאַסטעקס האָבן זיך שוין דאַן געפונען די קברים פון אַ טייל פון איר משפחה. אַז זי האָט צו 18 יאָר חתונה, געשעט עס אויך אין דער נישט ווייטער קירכע „סען זשערווע — סען פּראָטע“ און דאַן וווינט זי אַ לענגערע צייט אין דער ליאָן־גאַס נומ. 11 — אַלץ אין דעם זעלבן קוואַרטאַל. אין דער זעלבער וווינונג האָט זי אויך געבוירן אירע צוויי קינדער.

אין יאָר 1651 קומט אום איר מאַן און אויך ער ווערט אָוועקגעלייגט אין דער זעלבער קירכע ווו עס געפינען זיך די קברים פון איר משפחה. 1)

מיר האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט אויפשטעלן אַ קאָמפּלעטע רשימה פון אַלע פּאַריזער וווינונגען פון דער מאַדאַם דע סעוויניע; אייניקע וווינונגען אירע האָבן מיר שוין דאָ אויסגערעכנט. ס'איז אָבער באַוווסט אַז זי האָט קיין מאָל נישט פאַרלאָזט דעם קוואַרטאַל מאַרע. זי האָט אויך געוווינט אין דער רי דע טעמפּלע און אין דער רי דע מאָנמאָרענסי. גאַנצע דריי יאָר האָט זי געוווינט אין דער רי דע טאָריני נומ. 8 און אין יאָר 1677 ציט זי זיך אַריין אין האָטעל קאַרנאַוואַלע אין וועלכן זי וווינט גאַנצע 18 יאָר. דאָס איז געווען די לעצטע וווינונג אירע אין פּאַריז. אין יאָר 1696 פאָרט זי צו איר טאָכטער, די מאַדאַם גריניאַן. זי שטעקט זיך דאָרט אָן מיט דער פּאָקן־קראַנקייט און שטאַרבט אין עלטער פון זיבעציק יאָר.

מען זאָגט אַז „יעדער טויט האָט זיין אויסרייד“, ס'איז אָבער קלאָר פון דעם ביז איצט דערציילטן, ווי ס'איז בכלל באַקאַנט פון די בריוו פון דער מאַדאַם דע סעוויניע, אַז זי איז געווען אַ פּאַריזערין „פון קאָפּ ביז צו די פיס“ און ווען נישט איר לעצטער באַזוך ביי איר טאָכטער, וואָלט זי אויסגעלעבט אירע יאָרן אין פּאַריז און טאָקע אַרום איר באַרימטן און באַליבטן פּלאַץ, וואָס קומט פיל מאָל צום אויסדרוק אין אירע בריוו.

עס איז פאַר אונדז געווען אַן איבערראַשונג ווען מיר האָבן אין אירע בריוו צו איר טאָכטער פון 30־טן יולי 1677, פון 6־טן אויגוסט 1677 און פון 11־טן אָקטאָבער 1688 אָנגעטראָפן דעם אויסדרוק „דער פּלאַץ“, „לאַ פּלאַס“

---

1) אַלץ וואָס עס איז היינט צו טאָג פאַרבליבן פון דער קירכע אויף וועמענס אָרט עס געפינט זיך די היינטיקע קאַסטעקס־גאַס, איז די קליינע ראָטאָנדע. דאָס איז דער היינטיקער וואַנגעלישער טעמפּל „סענט מאַרי“ וואָס איז צוגעבויט געוואָרן צו דער אַמאָליקער אַלטער קירכע אין די יאָרן 1632־1634 און וואָס האָט ביז היינט צו טאָג איינגעהיט, אמת אין אַ זייער נעבעכדיקן צושטאַנד, אַ ריי טרומנעס אין וועלכע עס געפינען זיך די רעשטן פון דער מאַדאַם דע סעוויניעס משפחה־מיטגלידער.

אָן צו געבן זיך די מי אָנצוגעבן דעם נאָמען פון פּלאַץ. זי האָט עס אין גאַנצן נישט געהאַלטן פאַר נייטיק. און אַלע וואָס האָבן די בריוו געלייענט, האָבן גע־ווּסט וועגן וועלכן אָרט מען רעדט, וועלכן פּלאַץ די מאַדאַם דע סעוויניע מיינט. אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם קעניגלעכן פּלאַץ, אין היינטיקן פּלאַץ דע וואָזש און מיר וועלן צוגעבן אַז מיט איר אויסדרוק „דער פּלאַץ״, האָט זי אויף קיין פאַל נישט געמיינט דעם פּלאַץ גופא, נאָר דעם גאַנצן אַרומיקן קוואַרטאַל, דאָס גאַנצע היינטיקע פּלעצל. אַז עס איז אַזוי איבערצייגט אונדז אויך פּולשטענדיק, אירס אַ בריוו פון 1־טן דעצעמבער 1690; זי האָט זיך דאַן געפונען אין לאַמבעסק, נעבן מאַרסעל (וואַרשיינלעך, מיט איר טאָכטער) און זי דערוויסט זיך, אַז אירס אַ קוזין דע קולאַנזש, וואָס וווינט אין דער רי פּאַרק ראָיאַל (די גאַס פּאַרק ראָיאַל האָט שוין אין 17־טן י״ה געטראָגן דעם זעלבן נאָמען) פאַרלאָזט זיין וווינונג און ציט זיך אַריבער אין טעמפּל־קוואַרטאַל (סך־הכל אַ קנאַפּע קילאָמעטער ווייטער). די ידיעה וועגן זיין פאַרלאָזן דעם קוואַר־טאַל, מאַכט אויף איר אַ שווערן איינדרוק און זי שרייבט אים:

„כ׳האָב פּשוט נישט קיין קוראַזש צו רעדן מיט אייך וועגן אייער אַוועק־ציען זיך פון דער פּאַרק־ראָיאַל־גאַס, כדי צו וווינען אין טעמפּל. איך האָב דערפון אַ סך עגמת נפש און עס פאַרדריסט מיך אויף אייך און אויף מיר״.

און אַ ביסל ווייטער אינעם זעלבן בריוו:

„וואָס וועט איר ליבער קוזין טאָן אַזוי ווייט פון די האָטעלן שאָלן, לאַמו־אַניאָן, ליד, ווילרואַ, גריניאַן?״

זאָל זשע דאָ דערציילט ווערן אַז דער האָטעל שאָלן האָט זיך טאַקע געפונען אויפן קעניגלעכן פּלאַץ גופא, 1) אָבער דער האָטעל לאַמואַניאָן געפינט זיך שוין אין דער רי דע פראַן בורזשואַ, ביי דער רי פּאַווע און דער האָטעל ליד געפינט זיך אין דער דערנעבנדיקער רי פּאַיען נומ. 13, מיטן האָטעל דע גריניאַן האָט זי געמיינט איר אייגענעם האָטעל קאַרנאַוואַלע וואָס געפינט זיך אין שכנות מיטן האָטעל לאַמואַניאָן.

אָט־אָ דער קנופּ פון האָטעלן, אייניקע נאָר אויסגערעכנטע אין בריוו צו איר קרוב און אַלע אַנדערע, האָבן געבילדעט דעם פּלאַץ, איר „פּלאַץ״.

די נאָר וואָס ציטירטע שורות רעדן קלאָר וועגן זין און באַדייט פון „פּלאַץ״ ביי דער מאַדאַם דע סעוויניע. אַז דאָס איז געווען און האָט געמיינט די גאַנצע געגנט דאָ אַרום, דאָ איז פאַרביי איר לעבן. דאָ האָבן זיך געפונען די הייזער

1) דער האָטעל שאָלן איז דאָס הויז נומ. 9 אויפן פּלאַץ דע וואָזש, אין וועלכן עס האָט אין פאַרגאַנגענעם י״ה געלעבט די לעצטע חדשים אירע ראַשעל.

און האָטעלן פון אירע פריינד און באַקאַנטע. דאָ האָבן זיך געפונען די קברים פון אירע נאָענטסטע און אַליין האָט זי אויך געגלויבט צו ליגן נעבן זיי נאָך איר אייגענעם טויט. דערפון דער פּאַרדרוס אויף איר קרוב, ווען זי דערוויסט זיך אַז ער פאַרלאָזט אַזאַ אָרט, אַזאַ פּלאַץ, דעם פּלאַץ!

די ליבע און צוגעבונדנקייט צו דער געגנט, צו איר פּלאַץ האָט אַרויסגע־רעדט פון אירע בריוו און ווען זיי זענען געוואָרן באַרימט, איז באַרימט געוואָרן דער פּלאַץ, דער גאַנצער קוואַרטאַל אַרום דעם פּלאַץ. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם קוואַרטאַל אַרום פּלאַץ דע וואָזש, רופנדיק אים מיטן נאָמען „דער פּלאַץ", ווי עס האָט אים באַצייכנט די מאַדאַם דע סעוויניע און דערנאָך איז ער אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידישן „פּלעצל".

אָבער ווי אַזוי האָבן עס יידן איבערגענומען פון דער מאַדאַם דע סעוויניע איר נאָמען „דער פּלאַץ" פאַרן קוואַרטאַל און אים פאַרוואַנדלט אין „פּלעצל"?

וועלן מיר איצט קענען געבן דעם ענטפער.

אין אַ שמועס וועגן דער אָפּשטאַמונג פון נאָמען „פּלאַץ", האָט אונדז אַ מאָל געזאָגט אַ פּאַריזער ייד:

— ווען איך בין דאָ אַהערגעקומען, דאָס איז געווען אין יאָר 1898 האָט נאָך די היינטיקע מעטראָ־סטאַנציע נישט עקסיסטירט. אויף דעם אָרט האָבן זיך געפונען אייניקע בענק און יידן פלעגן זיך דאָ אַלע מאָל זאַמלען; דערפון דער נאָמען „פּלעצל".

אין 1923, קורצע וואָכן נאָך אונדזער אייגן קומען אין פּאַריז, איז אונדז אויסגעקומען די זעלבע פראַגע צו שטעלן אַ פּאַריזער יידן, אַן אינטעליגענטן און באַלעזענעם מענטשן, דעמאָלט שוין אַן אַלטן פּאַריזער תושב. האָט ער גע־ענטפערט:

— יונגער פריינד, איך געפין מיך אין פּאַריז זינט 1880. מיר זענען דאַן געווען אַ סך ווייניקער ווי איצט, אָבער דאָס פּלעצל האָט שוין געהייסן פּלעצל. אַזוי האָט איטלעכער גערופן די געגנט דאָ אַרום און נישט איך און נישט קיין אַנדערער ווייסן מיר נישט פאַר וואָס און פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער נאָמען. 1)

יעדער גלייבט אין זיין אמת; דער ייד וואָס איז געקומען קיין פּאַריז אין 1898 האָט געגלייבט אַז דער נאָמען פּלעצל נעמט זיך צוליבן זאַמלען זיך פון יידישן עולם אויף דעם אָרט וווּ עס געפינט זיך די היינטיקע מעטראָ־סטאַנציע

1) אין יאָר 1880 האָבן זיך אין פּאַריז געפונען אַרום פערציק טויזנט יידן.

סען־פּאָל און אַ ייד וואָס איז געקומען אין דער שטאָט אַריין אין 1880 האָט אונדז פאַרזיכערט אַז מען האָט שוין דאַן אַזוי גערופן די אַרומיקע געגנט אָן צו וויסן פאַר וואָס.

איז עס מעגלעך אַז צוליב דעם זאַמלען זיך פון יידן אויף דעם קליינעם פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך די היינטיקע מעטראָ־סטאַנציע, האָט מען דעם גאַנצן קוואַרטאַל אָנגעהויבן רופן „דאָס פּלעצל״?

מיר גלייבן עס נישט.

פיל וואָס קענען דאָס יידישע פּאַריז פון פאַר 1939 געדענקען די גרויסע מאַסע יידן וואָס פלעגט זיך זאַמלען יעדן זונטיק פאַר מיטאָג אויף דעם בולוואַר בעלוויל, אָנהייבנדיק ביי דער מעטראָ־סטאַנציע, ביז רי דע קוראָן און אפילו ביז רי דע מענילמאָנטאַן. עס פלעגן זיך דאָ זאַמלען הונדערטער און הונדערטער איינגעוואַנדערטע יידן, אויספילן דעם גאַנצן בולוואַר, אַלע קאַפעס און רעסטאָראַנען אַרום. ס׳איז געווען אַ הונדערט פּראָצענטיק בעלווילער פּלעצל. האָט דאָס אָרט באַקומען ביים פּאַריזער יידישן עולם אַ וועלכן ס׳איז אייגענעם נאָמען?

ניין, מיר גלייבן נישט אַז דאָס זאַמלען און טרעפן זיך ביי די דאַן פּאַראַנענע דריי־פיר בענק, זאָל האָבן אַרויפגעלייגט אויף דעם גאַנצן קוואַרטאַל דעם נאָמען „פּלעצל״.

קומען מיר צוריק צו אונדזער מיינונג וועגן דער מאַדאַם דע סעוויניע, פון וועמען יידן האָבן איבערגענומען דעם נאָמען „דער פּלאַץ״ און אים דערנאָך פאַרוואַנדלט אין פּלעצל.

אויב מיר ווייסן וועגן אויפבלי פון אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל מאַרע אין שייכות מיטן באַשאַפן פון קעניגלעכן פּלאַץ אין 1605, דאַרף דאָ דערציילט ווערן, אַז דער אָנהייב פון סוף פון דעם אַריסטאָקראַטישן צענטער דאַרף גערעכנט ווערן דאָס יאָר 1680, ווען לואי דער פערצנטער האָט אַריבערגעפירט זיין רעזידענץ פון פּאַריזער לוווּר קיין ווערסאַל און דערמיט אָנגעהויבן אָפּצושוואַכן דעם אינטערעס ביי דער אַריסטאָקראַטיע צו וווינען אין דער געגנט פון קעניגלעכן פּלאַץ.

אוודאי האָט זיך דער אַראָפּגאַנג פון יחוסדיקן קוואַרטאַל נישט אַזוי גיך אָנגעהויבן אַרויסצוזען; ער האָט אָבער פאַרט אַלץ מער און מער פאַרלוירן זיינע אַריסטאָקראַטן און אין 18־טן י״ה האָט עס ענדגילטיק אַ סוף גענומען צו דער אַריסטאָקראַטישקייט פון קוואַרטאַל. די בלוט־אַריסטאָקראַטיע איז אַריבער אין קוואַרטאַל סען־זשערמען און די געלט־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט

אויך געהאַט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אַרום דעם קעניגלעכן פלאַץ, איז אַריבער אין דער סענט־האָנאָרעי געגנט און אויב אַרום דעם קעניגלעכן פלאַץ זענען נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ געוויסע צאָל אַריסטאָקראַטן, האָט דערצו אַ סוף געמאַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט זיי געצוווּנגען צו עמיגרירן, אַ חוץ די פון זיי, וואָס זענען געוואָרן די קליענטן פון „מיסיע דע פאַרי", דעם תּליון. די רעוואָלוציע שאַפט אויך אָפּ דעם נאָמען „קעניגלעכער פלאַץ", וואָס דאָס אָרט האָט געטראָגן קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר. 1)

דאַן האָבן די ליידיקע און פאַרלאָזטע הייזער פון דעם אַ מאָל אַזוי יחוס־דיקן קוואַרטאַל, דאָס מאָל, שוין אַלטע און פאַרוואָרלאָזטע בנינים, אָנגעהויבן פאַרנומען צו ווערן דורך גאַנץ נייע לאָקאַטאָרן. אַ גאַנץ נייער שיכט מענטשן האָט צו ביסלעך, לאַנגזאַם זיך אָנגעהויבן איינצואָרדענען אין די אַריסטאָקראַ־טישע הייזער. דער נייער שיכט איז באַשטאַנען פון מענטשן וואָס די שטאָט פאַריז האָט שוין לאַנג נישט געזען אין אירע מויערן און וואָס האָבן ביז צו דער רעוואָלוציע נישט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין גרויסע טיילן פון לאַנד און אויך נישט אין פאַריז.

די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט די אַלטע געזעצן. זי האָט אַ סוף געמאַכט צו די קייטן אין וועלכע די מענטשן זענען יאָרהונדערטער לאַנג געווען געשמידט און געעפנט פאַר זיי די טויערן פון פאַריז.

די נייע איינוווינער פון געוועזענעם אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל זענען געווען יידן: פון עלזאַס, פון לאָטרינגען, פון דייטשלאַנד און בכלל איינגע־וואַנדערטע פון מזרח־איראָפּע. דאָס לשון פון די פריש־געקומענע איז געווען יידיש!

מען האָט אַלע רעכט צו באַהויפּטן אַז די אָנוועזנהייט פון יידן אין פאַריז איז אַזוי אַלט ווי די געשיכטע פון דער שטאָט גופא; אָבער יידן זענען מערערע מאָל פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד. ערשט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אין יאָר 1789 האָט אַ סוף געמאַכט צו דער לאַגע און יידן האָבן אויף דאָס ניי געקאָנט אַריינקומען אין לאַנד און זיך באַזעצן אין פאַריז.

צי זענען פאַר דער גאַנצער צייט נישט געווען קיין יידן אין פאַריז?

1) די רעוואָלוציע האָט אויך אַ סוף געמאַכט צום קבר פון דער מאַדאַם דע סעוויניע אין גריניאַן. אַלע קברים פון דער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע זענען אין יאָר 1794 געעפנט געוואָרן. די בלייענע טרומנעס זענען צוגענומען געוואָרן אויף איבערצושמעלצן אין קוילן און די קערפּערס זענען געוואָרן אַרויסגעוואָרפן, אויסגעמישט אין איין קופּע און באַגראָבן ערגעץ דערנעבן. אַזוי אַרום איז אויך פאַרניכטעט געוואָרן דאָס קבר פון דער באַרימטער בריוו־שרייבערין.

ביז צום 18־טן י״ה זענען באַקאַנט איינצלנע פֿאַלן פֿון אָנוועזנדיקע יידן אין דער שטאָט. 1) זיי הייבן זיך אָן עפּטער צו באַווייזן בעת דער הערשאַפֿט פֿון לואי דעם 15־טן. דאָס זענען געווען סוחרים פֿון דער פֿראַנצויזישער פּראָווינץ עלזאַס־לאָטרינגען וואָס פֿלעגן קומען מיט ספּעציעלע דערלויבענישן אויף אַדורכ־צופֿירן סוחרישע און פֿינאַנציעלע אָפּעראַציעס אין וועלכע די מלוכה און די מיליטער־אינטענדענטור האָט זיך געניטיקט. אַ קליינער צאָל געלינגט זיך דאָ איינצואָרדענען אָבער זייער וווינרעכט איז פּראָוויזאָריש און נישט זיכער.

ערב דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט פּאַריז שוין געציילט ביי פֿינף הונדערט יידן, וואָס זענען געווען שאַרף פֿונאַנדערגעטיילט אין צוויי באַזונדערע גרופּעס; די ספּרדישע יידן, די א״ג פּאָרטוגעזער פֿון באָרדאָ מיט די יידן פֿון אַוויניאָן. אַלע האָבן זיי גערעדט פֿראַנצויזיש, און זיך באַזעצט אויף דער לינקער זייט סען, אַרום דער רי דע לאַ האַרפּ, האָטפֿוי, סענט־אַנדרע־דעז־אַר און אַנ־דערע דערנעבנדיקע געסלעך. דאָס איז וואַרשיינלעך אַזוי געשען דערפֿאַר, וואָס דער רוב פֿון זיי זענען געווען שטאָפֿן־הענדלער און זייער פּרנסה איז געווען פֿאַרבונדן מיטן נישט ווייטן סען זשערמען־יאַריד. די צווייטע גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פֿון אשכנזישע יידן און וואָס אַלע כמעט האָבן זיי גערעדט יידיש, זענען געוואָרן די איינוווינער פֿון היינטיקן פּלעצל.

פֿון אָנהייב האָבן זיי זיך באַזעצט אין דער רי סען מאַרטען, סען באָן, סען מעררי, רי דע לאַ ווערערי, רי די רענאַר און דערנאָך, מיטן אָנקומען פֿון אַלץ פֿרישערע אימיגראַנטן האָבן זיי זיך אַלץ מער דערנענטערט צום פּלאַץ דע וואָזש און בכלל זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם גאַנצן קוואַרטאַל וועלכן יידן רופֿן „פּלעצל״. מערקווערדיק! דער זעלבער קוואַרטאַל איז אין 14־טן י״ה אויך געווען אַ יידישער צענטער און איינע פֿון אירע גאַסן האָט טאַקע ביזן סוף פֿון 19־טן י״ה נאָך אַלץ געטראָגן דעם מיטלעלטערלעכן נאָמען „רי דע זשוויור״ (די יידן־גאַס), וואָס איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אין יאָר 1900, אין די טעג ווען דער דרייפֿוס־פּראָצעס האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס לאַנד; די אַמאָליקע יידן־גאַס איז טאַקע די היינטיקע רי פֿערדינאַנד דיוואַל. (קלישע נומ. 62).

די רעוואָלוציע האָט אַ סוף געמאַכט צו דער יידישער רעכטלאָזיקייט און יידיש־רעדנדיקע מאַסן האָבן כסדר פֿאַרגרעסערט די צאָל פּלעצל־איינוווינער. איניקע סיבות האָבן באַוויגן די פֿריש געקומענע אימיגראַנטן זיך צו באַזעצן קודם כל אין דעם קוואַרטאַל: דאָס איז געווען דאָס וועלן זיין צוזאַמען, די נאָענטקייט צום טעמפּל־מאַרק און אויך די ביליקע וווינונגען אין די אַלטע

---

1) זע דאָס קאַפּיטל „דער פּלאַץ פֿון האָטעל דע וויל״.

קלישע נומער 62

רי פערדינאַנד דיוואַל. (פאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

הייזער פון פלעצל, וואָרעם דער רוב פון זיי זענען געווען אָרעמעלייט. זיי האָבן געהאַנדלט מיט אייזנוואַרג, לעדער און גאָר גרויס איז געווען צווישן זיי די צאָל וואָס האָבן געהאַנדלט מיט אַלטע קליידער און בכלל מיט שמאַטעס.1)

אוודאי האָבן די רעוואָלוציאָנערע און דערנאָך די נאַפּאָלעאָנישע געשעע־נישן געטרייסלט אַ צייט לאַנג מיטן לאַנד, אָבער נאָכן יאָר 1815 האָט זיך דאָס לאַנד צוביסלעך אָנגעהויבן באַרואיקן און מען האָט זיך אויף דאָס ניי באַ־שעפטיקט מיט ליטעראַרישע ענינים אין אַ ברייטערן פאַרנעם און אויך מיט די בריוו פון דער מאַדאַם דע סעוויניע; ליטעראַרישע סענסאַציעס פון גרויסן פאַרנעם זענען קיין מאָל נישט קיין צו אָפטע דערשיינונג און עס איז נאָך געווען אַזוי פיל צו פאָרשן און זיך אויפצוקלערן וועגן די באַרימטע בריוו און זייער שרייבערין. קאָן מען אין דעם מאָמענט פּרובירן אַ טראַכט טאָן, וואָס עס האָבן געפילט אַ סך יידן אין אָנהייב פון 19־טן י״ה ווען גאַרנישט לאַנג צוריק האָבן זיי בכלל נישט געהאַט קיין צוטריט צו פּאַריז און מיט אַ מאָל האָבן זיי זיך געזען אַלס באַוווינער פון הייזער און האָטעלן, וואָס זענען פריער געווען באַוווינט דורך אַזוי פיל באַרימטע אַריסטאָקראַטן. און דאָ, אויף דעם פּלאַץ דע וואָזש גופא איז דאָך געבוירן געוואָרן די אַזוי באַרימטע שרייבערין, וואָס האָט גערעדט וועגן דעם אָרט און וועגן דער גאַנצער געגנט דאָ אַרום אַלס „דער פּלאַץ״. נעכטן האָבן נאָך דאָ געוווינט פּרינצן און גרויסע לייט און היינט וווינען דאָ די פריער אַזוי פאַרפאָלגטע יידן. זיי וווינען דאָ אפילו אין די־זעלבע אַריסטאָקראַטישע האָטעלן.2) ס׳איז זיכער געווען אַזאַ צופרידנקייט ביי די נאָר וואָס געוועזענע רעכטלאָזע יידן צו וווינען אין אַזאַ אַריסטאָקראַטיש־

1) אַלפאָנס דאָדע, אין זיין ראָמאַן „מלכים אין גלות״, דערשינען אין 1879, שילדערט אַזוי אַ געסל פון פּלעצל:

„...איז געבוירן אין פּאַריז אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט פינף, זעקס אָדער זיבן און פערציק ביי אַן אַלטוואַרג־הענדלער אין דער רי עגינהאַרד, אין מאַרע. אַ קליין ברודיק געסל צווישן פּאַסאַזש שאַרלעמאַן און דער קירכע סען־פּאָל. אַ פולשטענדיקע יידן־וועלט; אַ פּאַריז צום שטוינען. די הייזער, די מענטשן, אַ מאָדנער צונויפמיש פון עלזאַסיש און העב־רעאיש. די געוועלבער, לעכער מיט אַלטוואַרג, אַזוי הויך מיט שמאַטעס פאַר די טירן, וואָס אַלטע פרויען סאָרטירן אַריינגעטאָפּטע דערין מיט זייערע נעז, אָדער שינדן אָפּ אַלטע רעגנ־שירמס. די הינט און די לייז, דער ריח. אַן אמתער געטאָ פון מיטלעלטער וואָס ווימלט דאָ אין די אַלטע הייזער״.

2) דער באַרימטער האָטעל סילי, וואָס געפינט זיך אין דער רי סענט אַנטואַן נומ. 62 און האָט אַ דורכגאַנג דורך דעם א״ג „קליינעם סילי־האָטעל״ וואָס בילדעט דעם נומ. 7 פון וואָגעזן־פּלאַץ, איז נאָך ביז דעם יאָר 1939 געווען פאַרדונגען צו פאַרשידענע אונטער־נעמער וואָס האָבן דאָ געהאַט זייערע פאַבריקלעך, דערונטער אויך אַ ריי יידישע אונטער־נעמונגען, ווי לעדער־ און קאָפּעלושן־אויסאַרבעטער, ווי מיר האָבן עס געלייענט אויף די שילדלעך וואָס האָבן געהאַנגען אויף דער מויער, ביים אַריינגאַנג אין הויף פון האָטעל.

אינטערעסאַנטן אָרט, אויף „דעם פּלאַץ" און אין דעם קוואַרטאַל וואָס איז — שוין איין מאָל אַ פּלעצל.

האָט דאָס דאָזיקע געפיל נישט געקאָנט גורם זיין צו דער אַנטשטייאונג און דעם באַפעסטיקן זיך פון נאָמען „פּלעצל" צווישן די ערשטע יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן פון אָנהייב 19־טן י"ה? אַ נאָמען וואָס האָט זיך דערנאָך איבער־געגעבן די שפּעטער געקומענע. זיי האָבן איבערגענומען דעם נאָמען אָן צו טראַכטן און אָן צו וויסן עפּעס וועגן זיין געשיכטע.

איז עס סתם אַ צופאַל „דער פּלאַץ" פון דער מאַדאַם דע סעוויניע מיטן „פּלעצל" ווי יידן רופן דעם גאַנצן קוואַרטאַל לאַנגע, לאַנגע יאָרן?

אונדז גלויבט זיך עס נישט.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:
1, 40, 44, 45, 53, 63, 69, 71, 109, 116.

12.

די יידישע מאָנומענטן פון „פּלעצל"

נאָך דעם האָבן איבערגעגעבן אונדזער מיינונג מכוח דעם אָפּשטאַם פון נאָמען „פּלעצל", וועלן מיר איצט דערציילן וועגן גאַסן, ערטער און הייזער פון דאָזיקן אַלטן קוואַרטאַל וואָס פאַרמאָגט אַ חוץ אַ ספּעציפיש־יידישן נאָמען אויך אַ רייכע יידישע פאַרגאַנגענהייט.

די צאָל יידן וואָס באַוווינען דעם קוואַרטאַל (דריטער און פערטער אַראָנדיס־מענט) איז נאָך היינט צו טאָג זייער גרויס. דער קוואַרטאַל האָט דערהאַלטן אַ ריי ביז גאָר אינטערעסאַנטע ערטער.

אָבער גלייך ביים אָנהייב איז וויכטיק מיר זאָלן זיך קלאָר מאַכן ווו אייגנטלעך הייבט זיך אָן און ווו ענדיקט זיך דער א"ג פּלעצל־קוואַרטאַל.

אוודאי מיינען מיר דאָ נישט קיין... אַדמיניסטראַטיווע באַצייכענונג. דאָס פּלעצל שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַשטימטע צאָל גאַסן פון מאַרע־קוואַרטאַל וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אינעם באַגריף פון פאַריזער יידיש־רעדנדיקן אימי־גראַנטישן עולם, ער האָט דאָ געוווינט און וווינט נאָך אפשר אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל ווי אין וועלכע ס'איז אַנדערע טיילן פון דער שטאָט. דאָ האָבן זיי זיך אויסגעלעבט „צווישן זיך".

כדי זיך לייכט צו אָריענטירן מכוח די „גרענעצן" פון פּלעצל־קוואַרטאַל, הייבן מיר אָן פון באַסטיליע־פּלאַץ: די ליניע פירט אונדז איבער די בולוואַרן באָמאַרשע, פי די קאַלווער, בולוואַר די טעמפּל ביז צום רעפּובליק־פּלאַץ; דאָ קומען מיר אַריין אין דער רי דע טירביגאָ, וואָס פירט אונדז ביז צו דער רי סען מאַרטען וועלכע שניידט איבער די גאַס. די ליניע פירט אונדז דאָ אַריין אין דער לינקער טייל פון דער רי סען מאַרטען וואָס פירט אונדז ביז צו דער סען, די ליניע פירט אונדז איצט לענג אויס דעם טייך, איבער קעי דע זשעוור, קעי דע ל'האָטעל דע וויל און קעי סעלעסטאַן. דאָ שניידט זיך די ליניע אַריין אין בולוואַר פון הענריך דעם 4־טן און ברענגט אונדז צוריק צום באַס־טיליע־פּלאַץ. דער גאַנצער קוואַרטאַל וואָס געפינט זיך אין דעם קרייז וועלכן אונדזער ליניע האָט אַרומגענומען, בילדעט לויט אונדזער מיינונג דאָס א"ג פּלעצל.

טראָץ דעם וואָס אַ ריי גאַסן וועלכע מיר האָבן אַריינגענומען אינעם פלעצל־קוואַרטאַל האָבן נישט הינטער זיך קיין זייער ווייטע פאַרגאַנגענהייט, איז אָבער דער מאַרע־קוואַרטאַל די סאַמע עלטסטע שטאָטטייל אויף דער רעכטער זייט פון דער סען און די יידישע געשיכטע פון פלעצל־קוואַרטאַל איז כמעט אַזוי אַלט ווי דער דאָזיקער קוואַרטאַל גופא. ס׳איז געשיכטלעך באַשטעטיקט, אַז דער קוואַרטאַל איז געוואָרן אַ יידישער צענטער שוין אין 12־טן י״ה ווען פיליפ־אויגוסט האָט נאָכן אַרויסטרייבן די יידן פון לאַנד (1182) זיי דערלויבט אין יאָר 1198 צוריק אַריינצוקומען און זיך באַזעצן אין פאַריז. דאָס פלעצל האָט ביז היינט צו טאָג איינגעהיט אַ ריי גאַסן וואָס דערציילן וועגן יידישן לעבן אין יענע ווייטע צייטן פון מיטלעלטער.

אַריינלאָזנדיק צוריק די יידן אין לאַנד אַריין, האָט פיליפ־אויגוסט זיי אומגעקערט אַ שול וועלכע האָט זיך געפונען אויף דעם אָרט וווּ עס געפינט זיך היינט צו טאָג די רי דע לאַ טאַשערי (דער היינטיקער נאָמען פון דער גאַס איז פאַרגרייזט), דאַן אַנטשטייט דאָ דער קוואַרטאַל „זשוויוועריי דע סען באָן״ וואָס האָט אַרומגענומען די נאָר וואָס דערמאָנטע רי דע לאַ טאַשערי און די דערנעבנדיקע רי סען באָן. (קלישעס נומ. 63 און 64).ביידע גאַסן האָבן אין מיטלעלטער געבילדעט איין גאַס וואָס איז איבערגעשניטן געוואָרן אין יאָר 1806, בעתן שאַפן די היינטיקע רי דע ריוואָלי.

די שול וואָס האָט עקסיסטירט אין דער רי דע לאַ טאַשערי זינט דעם 12־טן י״ה האָט פיליפ דער פערטער אַוועקגעשענקט דערנאָך צו זיינס אַ דינער, בעת ער האָט ווי פיליפ־אויגוסט פריער, אַרויסגעטריבן אין יאָר 1306 די יידן פון לאַנד, באַרויבנדיק זיי אויף דאָס ניי.

די פאַריזער יידן האָבן אין יאָר 1253 אויך געהאַט זייערס אַ שול אין דער היינטיקער רי דע מוסי. די גאַס האָט דאַן געהייסן רי די פראַן מוריע. (קלישע נומ. 65).

פון איינגעהיטענע קאַרטולערן (אַלטע שטייער־דאָקומענטן) ווייסן מיר אַז אין 13־טן י״ה האָבן יידן אויך געוווינט אין דער רי רענאַרד וואָס האָט דאַן געהייסן קור ראָבערט.

דאָס פלעצל פאַרמאָגט אויך אַ ריי ערטער אויף וועלכע מיר האָבן זיך שוין אָפגעשטעלט: דאָס איז דער הויף נומ. 24 און די דערנעבנדיקע קירכע נומ. 22 פון דער רי דעז אַרשיוו (אַרכיוו־גאַס) און די קירכע „סען־זשאַן, סען־פראַנסואַ״ אין דער רי שאַרלאָט. (זע קאַפּיטל 7).

צו די גאָר אַלטע גאַסן פון פלעצל־קוואַרטאַל געהערט אויך די רי דע לאַ ווערערי וואָס האָט וואַרשיינלעך שוין עקסיסטירט אין 12־טן י״ה. אין יאָר 1910,

קלישע נומער 63

רי דע לאַ טאַשערי. (פאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

קלישע נומער 64



רי סען באָן. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 65



רי דע מוסי. (פּאָטאָ : יח. קאַרנהענדלער).

בעתן צעוואַרפן דאָס פריערדיקע הויז נומ. 55 איז אין קעלער געפונען געוואָרן אַ מצבה־שטיין פון אַ יידישער פרוי פלאָריאַ, די אלמנה נאָכן רבין ר׳ יעקב. פון דער מצבה האָט מען אַראָפּגעלייענט אַז זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1364. מען רעכנט אַז אויף דעם אָרט זאָל ביזן סוף פון 14־טן י״ה זיך האָבן געפונען דאָס יידישע בית עולם פון דער רעכטער זייט סען, וועגן וועמענס עקסיסטענץ און אָרט מען האָט אָבער נישט קיין ידיעות.

ניין יאָר נאָך דעם ווי פיליפּ דער פערטער האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון פראַנקרייך, זענען זיי אין יאָר 1315 צוריק אַריינגעלאָזט געוואָרן און דאַן האָבן זיי געגרינדעט אַ שול אין אַן אַלטן פאַרלאָזטן טורעם וואָס האָט זיך געפונען צווישן דעם היינטיקן פּלאַץ באָדאָיע און רי לאָבאָ. די שול אינעם אַלטן טורעם האָט זיך געפונען אויפן זעלבן אָרט ווו עס געפינט זיך היינט צו טאָג די קאַזאַרמע „נאַפּאָלעאָן". די שול איז דאַן שטאַרק אויסגעחזקט געוואָרן דורך דער פאַריזער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זי גערופן מיט ווייט נישט קיין שיינעם נאָמען.

די קאַזאַרמע „נאַפּאָלעאָן" האָט צו דערציילן אַ טראַגיש־יידיש קאַפּיטל פון דער גאָר נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט דעם 14־טן מאַי 1941: אין יענעם טאָג האָבן די נאַציס אין פאַריז אַדורכגעפירט די ערשטע אינטערנירונג פון יידן. די קאַזאַרמע האָט דאַן געדינט ווי איינער פון די פאַריזער הויפּט־צענטערס פאַר הונדערטער און הונדערטער אַרעסטירטע, וועלכע זענען פון דאָ אָפּגעשיקט געוואָרן אין די ניי געגרינדעטע לאַגערן פון באָן־לאַ־ראָלאַנד, פּיטיוויע און דערנאָך דעפּאָרטירט. (קלישע נומ. 66).

דעם 3־טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר, ערב ראש־השנה, ווען דאָס אַרויס־גיין אויף די פאַריזער גאַסן איז נאָך צוועלף ביי נאַכט געווען פאַרבאָטן דורכן אָקופּאַנט, האָבן די נאַציס אָוועקגעלייגט ביי די טירן פון אַלע גרעסערע פאַריזער שולן אויפרייס־מאַטעריאַל, וואָס האָט עקספּלאָדירט פאַרטאָג און צעבראָכן די טירן, באַשעדיקט די מויערן און אויסגעהאַקט די שויבן. צווישן די געליטענע שולן האָבן זיך אויך געפונען די אין דער רי פּאַווע נומ. 10 און אין דער רי דע טורנעל נומ. 21.

אין שייכות מיט נאַפּאָלעאָנס צונויפרופן אין פאַריז, אין יאָר 1807 דעם סנהדרין וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין דער געביידע פון אַמאָליקן האָטעל דע וויל (שטאָט־ראַט) איז די היינטיקע רי לאָבאָ אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „סנהדרין־גאַס", כדי אָפּצוצייכענען דעם היסטאָריש וויכטיקן נאַפּאָלעאָ־נישן אַקט. דעם נאָמען האָט די גאַס געטראָגן נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר צייט.

אין 18־טן י״ה האָבן אין פאַריז זיך געפונען אייניקע קאָפּע־צענטערן ווו

קלישע נומער 66



קאַזאַרמע „נאַפּאָלעאָן". (פאָטאָ : יה. קאָרנהענדלער).

ייִדן פלעגן זיך טרעפן אויך צוליב געשעפטלעכע טעמים. פון אַ פּאָליצייאישן דאָקומענט איז באַוווּסט אַז איינע אַזאַ, וואָס איז טאַקע געווען באַקאַנט אַלס „ייִדן־קאַפע" און אין וועלכער מען האָט געשמאַק גערעדט ייִדיש, האָט זיך געפונען אין דער רי סען מאַרטען, נישט ווייט פון דער היינטיקער רי ראַמביטאָ. אַ באַשרייבונג וועגן דער דאָזיקער קאַפע דערציילט, אַז אַ חוץ אויפשריפטן אין פראַנצויזיש וואָס האָבן אינפאָרמירט וועגן די פאַראַנענע מאכלים, האָבן זיך דאָרט אויך געפונען אויפשריפטן אין ייִדיש, אַז מען באַקומט דאָ „שטרסבורג זוארקרוט, כשר שווייצר קעס, מעצר גרינה קאָרן". (שטראַסבורגער זויער־קרויט, כשרן שווייצער קעז און מעצער קאָרן־ברויט).

פון אויבן־דערמאָנטן פּאָליצייאישן דאָקומענט ווייסן מיר אויך אַז די נאַ־פּאָלעאָנישע אַדמיניסטראַציע, זוכנדיק צו זײַן אינפאָרמירט מכוח די שטימונגען צווישן די ייִדן בנוגע נאַפּאָלעאָנען, האָט געשיקט אין דער קאַפע אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר, ער זאָל זיך איינהערן אין די אָנגייענדיקע שמועסן. דער אינ־ספּעקטאָר האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אין גרויסע שוועריקייטן עפּעס וואָס צו פאַרשטיין, וואָרעם די ייִדן האָבן זיך אונטערהאַלטן אין „דייטש".

*

אין יאָר 1789, ערב דעם אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן אשכנזישע ייִדן געגרינדעט אין דער רי רענאַרד אַ קליינע שול, וואָס האָט זיך געפונען אויפן אָרט פון די היינטיקע הייזער נומ 31־33. דאָס שולעכל איז געשלאָסן געוואָרן בעת די טעראָר־טעג און דאָס פאַרמעגן פון דער שול וואָס איז באַשטאַנען פון 27 פונט, 17 סאָל און 6 דעניע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם 14־טן נאָוועמבער 1793 צו דער מלוכה־קאַסע, ווי אַ פּאַטריאָ־טישע מתנה.

*

מיר האָבן שוין דערציילט וועגן דער רי פערדינאַנד דיוואַל וואָס האָט זינט דעם 14־טן י"ה ביז צום יאָר 1900 געהייסן די „ייִדן־גאַס" און איז וואָר־שיינלעך געווען דער לעצטער ייִדן־קוואַרטאַל ווו זיי האָבן געוווינט פון 1360 ביז צום אַרויסטרייבן זיי פון לאַנד אין יאָר 1394. דאָס הויז נומ. 20 אין דער דאָזיקער גאַס מיט דעם גרויסן הויף און זייער אינטערעסאַנטער נאָר שטאַרק אָפּגעלאָזטער געביידע אין דער טיף, שטאַמט נאָך פון 16־טן י"ה און איז באַקאַנט אַלס דער „ייִדן־האָטעל"; וועגן דעם ווערט דערמאָנט אין דאָקומענטן פון יאָר 1728 און פון 1759.

אין יאָר 1764 האָט אַ ייִד מייער געהאַט דאָ אַן אכסניא און מיר קאָנען אָננעמען אַז מייער איז נישט געווען דער ערשטער באַזיצער פון אָט דער

אונטערנעמונג און דאָס איז וואַרשיינלעך געווען די סיבה פאַר וואָס דאָס הויז איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון פאַריז א״נ יידן־האָטעל. (קלישע נומ. 67).

*

אויף קעי דע סעלעסטאַן נומ. 32 האָט מען מיט אַ פיר צענדליגג יאָר צוריק נאָך געזען אויף דעם מויער אַן אויפשריפט וואָס האָט דערציילט די פאַר־בייגייער אַז אויף דעם דאָזיקן אָרט האָט זיך אין יאָר 1645 געפונען מאָליערס „באַרימטע טעאַטער".

געבוירן אין יאָר 1622, האָט זשאַן באַטיסט פּאָקלען (דאָס איז געווען דער ריכטיקער נאָמען פון שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענעם שרייבער) געגרינדעט אין יאָר 1643, אין עלטער פון 20 יאָר די ערשטע טרופּע, צוזאַמען מיט די ברידער און שוועסטער בעזשאַר. די טרופּע האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף דער לינקער זייט סען. דאָס טעאַטער האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג און זיי זענען אַריבער אין קוואַרטאַל מאַרע און זיך אינסטאַלירט אויף דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך היינט דער נומ. 32 קעי דע סעלעסטאַן. דאָ האָט די טרופּע געשפּילט ביז דעם חודש אויגוסט 1645 און אויפגעהערט מיט זייערע ספּעקטאַקלען ווייל מאָליער איז געוואָרן אַרעסטירט פאַר... נישט באַצאָלטע חובות און איינגעזעצט אין דער אַמאָליקער טורמע שאַטלע.

פיר פערזאָן זענען עס געווען די וואָס האָבן אים פאַרקלאָגט און צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ פּרוי, אַ סוחרטע וואָס האָט געהייסן זשאַן לעווי.

ווער איז געווען די פּרוי זשאַן לעווי, וועמען דער יונגער מאָליער איז שולדיק געווען 291 פונט?

וועגן דעם שווייגט די געשיכטע.

*

די קליינע, שמאָלע און זייער אַלטע רי די מאָווע גאַרסאָן געדענקט נאָך דאָס דאַרע צען־יאָריקע מיידעלע, די שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענע ראַשעל, וועמענס עלטערן האָבן זיך דאָ ערגעץ אויפגעהאַלטן אין אַן אָרעם צימערל אויף אַ פערטן אָדער פינפטן שטאָק. די משפּחה פעליקס וואָס איז דאַן, אין יאָר 1832 שוין באַשטאַנען פון זיבן נפשות, איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון ליאָן. דאָס זענען געווען ראַשעלס ערשטע וואָכן פון שוואַרצער נויט אין פאַריז. (קלישע נומ. 68).

און אויב די רי די מאָווע גאַרסאָן האָט צו דערציילן וועגן ראַשעלס לעבן בעת אירע ערשטע וואָכן אין פאַריז, האָט דאָס הויז נומ. 9 אויפן פּלאַץ דע וואָזש צו דערציילן וועגן ראַשעלס לעצטע טעג פון איר לעבן אין דער שטאָט

קלישע נומער 67

דער „יידן־האָטעל". (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

קלישע נומער 68



רי מאָווע גאַרסאָן. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

אין וועלכער זי האָט ביז גאָר נישט לאַנג צוריק נאָך געקיניגט; ווען זי האָט אַ שווער קראַנקע, נאָענט שוין צום טויט, ליקווידירט איר רייכן האָטעל אין דער רי טרידאָן, האָט זי זיך דאָ אויפגעהאַלטן די לעצטע חדשים פון איר לעבן און פון דאַנען איז זי אָפּגעפאָרן אין דרום פון לאַנד, קיין קאַנעט, ווו זי איז קורץ דערנאָך געשטאָרבן.

מיר קענען זיך אַריינטראַכטן אין דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין האַרצן פון דער קינסטלערין בעת זי פלעגט אין אירע לעצטע פאַריזער טריבע ווינטערטעג פון נאָוועמבער 1857, האַרט פאַר איר פאַרלאָזן די שטאָט, אַרויס־קוקן פון אירע פענצטער (זי האָט באַוווינט דעם גאַנצן ערשטן שטאָק) און זען די אַזוי באַרימטע הייזער און האָטעלן פון דעם היסטאָריש רייכן פּלאַץ. זי האָט געוווסט אַז דאָס לעבן לעשט זיך אין איר אויס און אַז דאָס זענען אירע סאַמע לעצטע טעג פון זען פאַריז. (קלישע נומ. 69).

נישט צופעליק האָט ראַשעל, פאַרלאָזנדיק איר קליינעם, רייכן און ביז גאָר אויסגעפּוצטן האָטעל אין דער רי טרידאָן, זיך אַריבערגעקליבן אין דעם אַלטן שאָלן־האָטעל אויפן וואָגעזן־פּלאַץ. דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלטע אָבער גלייכצייטיק באַוווסטזיניקע האַנדלונג פון דער גרויסער קינסטלערין, וואָס האָט געוווסט אַז איר סוף איז נאָענט. איר שוישפּילערישער אינסטינקט פון אַ טראַ־גיקערין האָט איר אונטערגעזאָגט אַז דער דאָזיקער פּלאַץ, מיט זיין רייכער געשיכטע, שטילקייט און ערנסטקייט איז דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַר איר טויט; זי האָט אפילו מיט אַ (טראַגישן שמייכל זיך אויסגעדריקט, אַז זי דינגט עקסטרע די דאָזיקע וווינונג, ווייל דאָ, אויף דעם פּלאַץ „וועט זיין באַקוועם" פאַר אירע פריינד וואָס וועלן זיך פאַרזאַמלען אינעם טאָג פון איר לוויה...

נאָכן אָפּזיין אייניקע וואָכן אין קאַנעט (נעבן קאַן) שטאַרבט זי דאָרט דעם 3־טן יאַנואַר 1858. מען ברענגט איר קערפּער צוריק קיין פאַריז און פון דעם דאָזיקן הויז גייט טאַקע אָפּ, פרייטיק, דעם 8־טן יאַנואַר, איר לוויה צו וועלכער עס זענען זיך צונויפגעקומען די סאַמע באַרימטסטע פראַנצויזישע פּערזענלעכ־קייטן און טויזנטער מענטשן פון פּשוטן פאָלק.

*

אין דער רי די טעמפּל, דאָרט ווו עס געפינט זיך היינט צו טאָג דאָס הויז נומ. 61 (די טייל גאַס האָט אָנהייב 19־טן י"ה געהייסן רי סאַנטע אַוווע) האָט זיך אַ מאָל געפונען אַן אשכנזישע שול. אין יאָר 1805 איז דאָרט אַדורכ־געפירט געוואָרן אַ פייערלעכער באַנקעט לכבוד דער קרוינונג פון נאַפּאָלעאָן

קלישע נומער 69



ראַשעל־הויז אויפן פּלאַס דע וואָזש נומ. 9. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

דעם ערשטן. אינעם מאַלצייט האָבן זיך באַטייליקט צוויי הונדערט פּערזאָן. עס זענען געהאַלטן געוואָרן דרשות פול מיט לויב פאַרן קיסר.

*

איטלעכער אין פּאַריז, קאָן דעם אייזנבאַן־וואָקזאַל וואָס געפינט זיך אויפן באַסטיליע־פּלאַץ און וואָס איז דאָ אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1859 בעת מען האָט געלייגט די קליינע באַן־ליניע, וואָס פירט אין אַ ריי שטעטלעך אַרום וואַנסען. כדי צוטרעטן בויען דעם וואָקזאַל, האָט מען פונאַנדערגעוואָרפן אַ גרויס פיר שטאָקיק הויז וואָס איז געשטאַנען פון יאָר 1632 און וועמענס פאַסאַד האָט געהאַלטן 19 פענצטער. עס האָט זיך דאָ אויך געפונען אַ גרויסער און טיפער הויף מיט אַ סך בנינים וואָס זענען אין פּאַריז באַקאַנט געווען אַלס „דער יידן־הויף״.

קיין גענויערע ידיעות וועגן די דאָזיקע שוין פון לאַנג פאַרשוואונדענע הייזער האָבן מיר ליידער נישט געפונען, אָבער פון דעם נאָמען „יידן־הויף״ קאָנען מיר זיך משער זיין אַז דאָס איז געווען אַ צענטער וווּ עס האָבן זיך ביז דעם יאָר 1859 אויפגעהאַלטן אַ סך פּאַריזער יידן.

*

אין יאָר 1913 האָט אברהם רייזען אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע א״נ „דער נייער זשורנאַל״. דער נומ. 40 רי דע ריוואָלי איז אָנגעגעבן געוואָרן אַלס דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע. צי האָט אויך אברהם רייזען דאָרט געוווינט, איז אונדז נישט באַוווּסט.

*

אין דער קליינער רי זשאַראַנט נומ. 8 האָט אין יאָר 1914, בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַט זיין זיץ־אָרט דער קאָמיטעט פאַר יידישע פרייוויליקע. איבער 13 טויזנט אויסלענדער־יידן האָבן זיך דאָ פריי־וויליק אַנגאַזשירט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

1, 10, 11, 12, 36, 49, 61, 62, 68, 69, 71, 85, 94, 99, 109, 110, 113.

13.

קברים אונטער צלמים

בעת דער פרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה אין יאָר 1870 האָבן אַ סך יידן געקעמפט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי אַלס פרייוויליקע און זיך אויסגע־צייכנט מיט זייער איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש.

צווישן די דאָזיקע העלדן האָט זיך דאַן באַרימט געמאַכט דער יידישער קאָמענדאַנט לעאָן פראַנשעטי, געפאַלן פון אַ פרייסישער קויל און געקומען צו קבורה דעם 7־טן דעצעמבער 1870 אויף דעם פאַריזער בית עולם מאָנמאַרטר.

לעאָן פראַנשעטי איז גאַנץ וואַרשיינלעך געווען אַ ייד פון איטאַליענישן אָפשטאַם; ס׳איז באַקאַנט אַזאַ נאָמען פון אַן איטאַליעניש־יידישער משפחה: דאָס איז געווען אַ געוויסער באַראָן אַלבערטאָ פראַנשעטי, אַ קאָמפּאָזיטאָר און מחבר פון אייניקע אָפּערעס, אַ געבוירענער אין טורין צווישן די יאָרן 1860־1863 און וועמענס מוטער איז געווען אַ ראָטשילד.

אויפן פאַריזער קבר פון פראַנשעטי זעען מיר אַ הערב, אַן אָנדייטונג אויף אַן אַריסטאָקראַטישן אָפשטאַם. איז עס אפשר אין רעזולטאַט פון קרובהשאַפט מיטן איטאַליעניש־יידישן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט געטראָגן דעם באַראָן־טיטל?

דער קאָמענדאַנט לעאָן פראַנשעטי איז שוין אין יאָר 1859 געווען אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און זיך באַטייליקט אין דער בלוטיקער שלאַכט ביי סאָלפערינאָ. ער זאָל אפילו אויך האָבן געווען דער פאָנען־טרעגער פון רעגי־מענט. נאָך נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס מפלה ביי סעדאַן, בעתן דערנענטערן זיך פון דער פרייסישער אַרמיי צו פאַריז, האָט פראַנשעטי פון אייגענער פאַטריאָ־טישער איניציאַטיוו זיך פאַרנומען מיט ווערבירן יידישע פרייוויליקע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון פאַריז און טאַקע אויך געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון אַן אויסשפּירער־באַטאַליאָן, וועלכן ער גופא האָט געשאַפן און וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „לעז עקלערער דע לאַ סען”. צווישן די דורך אים ווערבירטע פריי־וויליקע טרעפן מיר די נעמען עדגאַר ראָדריגעז, זשיל קרעמיע, לוסיען וואָרמס, גיסטאַוו פולד א. אַנד.

דער באַטאַליאָן האָט זיך אויסגעהאַלטן פון פרייוויליקע יידישע באַשטייע־

רונגען. די פּאַריזער באַפעלקערונג פלעגט אויך רופן די יידישע פריוויליקע פון באַטאַליאָן „לעז עקלערער דע פראַנשעטי״ (פראַנשעטיס אויסשפּירער) און דער גענעראַל דיקראָ איז געווען אַזוי אַנטציקט פון דעם אופן ווי אַזוי דער יידישער אָפיציר האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיטן באַטאַליאָן אַז ער האָט וועגן אים געזאָגט: „פראַנשעטי איז אַ גענעראַל כאָטש ער טראָגט נישט די עפּאָלעטן״.

די העלדישקייט פון קאָמענדאַנט לעאָן פראַנשעטי איז גיך באַקאַנט געוואָרן צווישן דער פּאַריזער באַפעלקערונג (קלישע נומ. 70) ליידער איז זיין אַקטי־וויטעט ביי דער פּאַרטיידיקונג פון דער שטאָט שנעל אָפּגעהאַקט געוואָרן, וואָרעם בעת אַן אַטאַקע ביי שאַמפּיני קעגן די דייטשן ווערט ער געטראָפן דורך אייניקע קוילן און דערהרגעט אויפן אָרט.

ער איז דאַן אַלט געווען 37 יאָר.

בעת זיין לוויה, ביים אָפענעם קבר האָט גערעדט דער הויפּט־ראַבינער איזי־דאָר זאַגנדיק אין זיין הספד:

— דו ביסט אַ העלד, מיין ברודער! איך האָב מסדר קידושין געווען אונ־טער דיין חופּה און איך האָב איצט די טרויעריקע מיסיע דיך מקבר צו זיין, אָבער גאַנץ פראַנקרייך באַדעקט מיט בלומען דיין קבר. דו ביסט אַ גבור.

דאָס קבר פון יידישן העלד פראַנשעטי וואָס איז געפאַלן אין יאָר 1870 ביי דער פאַרטיידיקונג פון פּאַריז עקסיסטירט ביז היינט צו טאָג. עס געפינט זיך אין דער יידישער אָפּטיילונג פון בית עולם, אָבער פון דער הייך פון אוהל קוקט אויף אונדז אַראָפּ אַ... צלם!

פאַר וואָס אַ צלם?

לעאָן פראַנשעטי האָט געלאָזט נאָך זיך אַ משפּחה, קינדער... הונדערט יאָר זענען פאַרביי זינט ער איז געפאַלן הינטער פּאַריז. דאָס קבר איז איבערגעגעבן צו אייניקלעך און אוראייניקלעך. זיי האָבן געירשנט די קרקע אָבער גאָרנישט פון יידישקייט. ס׳זענען מסתמא געווען געמישטע חתונות, ביז צום פולשטענדיקן פאַרלירן די פאַרבינדונג מיט אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם העלד פראַנשעטי, דעם יידישן קעמפער וועלכער רוט איצט אונטער אַ צלם.

אויפן קליינעם פּאַריזער בית עולם פּאַסי זעען מיר דאָס קבר פון באַ־רימטן פראַנצויזישן קאָמעדיע־שרייבער פראַנסיס דע קרואַסע וואָס איז גע־שטאָרבן אין יאָר 1937. ער האָט געהערט צו די סאַמע דערפאָלגרייכסטע טעאַ־טער־מחברים וועמענס פּיעסן זענען געשפּילט געוואָרן און ווערן נאָך געשפּילט

קלישע נומער 70



קאָמענדאַנט לעאָן פראַנשעטי.

איבער גאָר דער וועלט. זיינע קאָמעדיעס זענען ביז גאָר אַמוזאַנטע, גייסטרייכע, פול מיט הומאָר, געשמאַק און עלעגאַנץ. אַ טייל פון זיינע טעאַטער־ווערק האָט ער אויך געשריבן בשותפות מיט אַנרי באַטיי און ראָבערט דע פלערס.

אָבער נישט אַלע ווייסן אַז דער באַרימטער מחבר פון אַזוי פיל געלונגענע טעאַטער־ווערק, וואָס טראָגט אַזאַ פיין קלינגענדיקן פראַנצויזישן נאָמען איז געווען אַ ייד, אַ געבוירענער אין בריסל און אַז זיין אמתער נאָמען איז פראַנץ ווינער.

אויך פראַנסיס דע קרואַסע, דער ייד פראַנץ ווינער ליגט אונטער אַ צלם.

ווי דער אמת, איז עס אַ קריסטלעך פאַמיליע־קבר פון גראַף דע שעוויניע און משפחה. פראַנסיס דע קרואַסע האָט ווייזט אויס זיך משדך געווען מיט דער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. (זינט 1963 געפינט זיך אין דעם זעלבן קבר אויך זיין פרוי, די מאַדאַם פראַנסיס דע קרואַסע). נישט זיין שרייבערישער נאָמען און נישט זיינע פיעסן פאַרראַטן מיט עפּעס זיין יידישן אָפּשטאַם. זיינע ווערק עטעמען מיט אמתן פראַנצויזישן סאַלאָן־גייסט. פראַנץ ווינער איז מיט לייב און לעבן אַריינגעגאַנגען אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און צו זיין ליטע־ראַרישן נאָמען וועלכער פיגורירט אויף דער מצבה, האָט מען אויך נישט פאַר־געסן אַריינצונעמען דעם יחוסדיקן „דע“... מיט איין וואָרט, אַן אמתער, ריין פראַנצויזישער נאָמען און אונטער אַ צלם דערצו.

איז ער געווען געשמדט?

אין אונדזערע ווייטערדיקע אַרבעטן וועט אונדז נאָך אויסקומען צו דער־ציילן וועגן דער גרויסער צאָל קברים פון משומדים, באַרימטע פערזענלעכקייטן וועלכע מיר טרעפן אָן אויף די פּאַריזער בית עולמס. וואָס שייך דעם שרייבער פראַנסיס דע קרואַסע, ווייסן מיר נישט צי ער געפינט זיך אין דעם קבר נאָר צוליב זיין שידוך מיט דער קריסטלעכער פאַמיליע, אָדער צי האָט ער זיך אויך געשמדט.

אויפן בית עולם מאָנטפּאַרנאַס געפינט זיך דאָס קבר פון גרויסן יידישן קינסטלער חיים סוטין, וואָס איז געשטאָרבן דעם 9־טן אויגוסט 1943.

אויך אויף זיין קבר זעען מיר אַ גרויסן שטיין־צלם.

וועגן צלם אויפן קבר פון חיים סוטין איז אַ סך געשריבן געוואָרן.

וועלן מיר דאָ דערציילן ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו.

אין רעזולטאַט פון זיינע שווערע פּאַריזער הונגער־יאָרן איז זיין געזונט אונטערגעגראָבן געוואָרן און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן באַרימט און

ס׳איז געווען געענדיקט מיט זיין מאַטעריעלער נויט, איז ער שוין געווען שווער קראַנק און געהאַט אויסצושטיין שווערע פיזישע ליידן. ס׳איז נאָכגעקומען די דייטש־נאַצישע אָקופּאַציע פון פראַנקרייך און חיים סוטין האָט צוזאַמען מיט אַלע ייִדן אין לאַנד געהאַט אויסצושטיין די אַלע געפאַרן, וועלכע האָבן אומ־מעגלעך געמאַכט דעם קינסטלער אָפּצוהיטן זיין שווער רואינירט געזונט. מיט נסים האָט ער אויסגעמיטן דאָס אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים וועלכע זענען אים געקומען זוכן אין זיין דעמאָלטיקער וווינונג אין דער ווילאַ סעראַ נומ. 18. ער האָט אויך נישט אויסגעמיטן דאָס טראָגן די געלע לאַטע.

אַ געוויסע צייט געפינט זיך חיים סוטין פאַרשטעקט אין אַ דאָרף און לסוף אויך אין אַ פערם אין דער פּראָווינץ טורען, אָבער דאָס דערנערן זיך ווערט פאַר אים, דעם שווער מאָגן־קראַנקן אַלץ קאָמפּליצירטער צוליב דער אוממעג־לעכקייט אָפּצוהיטן די נייטיקע דיעטע. זיין קראַנקייט נעמט אָן אַ גאַר שווערע פאָרעם. ער ליגט איניקע טעג אין אַ שפּיטאָל אין שינאָן. לסוף ברענגט מען אים קיין פּאַריז, אין דער קליניק נומ. 10 רי ליאָטעי וווּ ער ווערט אָפּערירט און אייניקע שעה שפּעטער, דעם 9־טן אויגוסט 1943, זעקס אַ זייגער פאַר טאָג, לעשט זיך אויס זיין לעבן.

ער איז דאַן אַלט געווען פופציק יאָר.

אין יענע טעג איז דאָס ייִדישע לעבן אין פּאַריז געווען אין אַ חורבן־צו־שטאַנד. ס׳איז נישט געווען קיין געדרוקט ייִדיש וואָרט, קיין ייִדישע געזעל־שאַפטלעכקייט. מאַסן ייִדן האָבן זיך געפונען אינטערנירט אין לאַגערן און די ייִדן וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין פּאַריז זענען געווען פאַרשטעקט און פאַרבאַהאַלטן.

דאָ מוז דערציילט ווערן, אַז חיים סוטין האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אַ נישט ייִדישער פרוי. די פאַמיליע האָט פאַרמאָגט אַ נאָך נישט באַנוצט קבר אויפן בית עולם מאָנטפּאַרנאַס און דעם 12־טן אויגוסט איז חיים סוטין גע־ברענגט געוואָרן צו קבורה אין דעם דאָזיקן קבר און אַ לאַנגע צייט האָט מען געלייענט אויפן קבר־שטיין דעם באַשיידענעם אויפשריפט „חיים סוטין 1894 — 1943".

אַ געוויסן טאָג איז געשטאָרבן די קריסטלעכע פרוי מיט וועלכער חיים סוטין איז ביי זיין לעבן געווען פאַרבונדן און מען האָט איר, פאַרשטייט זיך, באַערדיקט אין זעלבן קבר און דאַן האָט זיך אויפן מצבה־שטיין באַוויזן דער נאָמען פון דער געשטאָרבענער און דער גרויסער צלם.

דאָס געפינען זיך פון געשטאָרבענעם קינסטלער חיים סוטין אין אַ קבר

אונטער אַ צלם איז אַ רעזולטאַט פון די טראַגישע טעג ווען די נאַציס האָבן געווילדעוועט איבער יידיש לעבן אין פּאַריז.

צי וועט דער קינסטלער אַ טאָג באַפרייט ווערן פון צלם און קומען צו קבר ישראל?

אַזעלכע באַמיאונגען זענען געמאַכט געוואָרן, אָבער לײדער אָן רעזולטאַט.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

12, 29, 136, 140.

14.

סאַראַ בערנהאַרדט

צווישן די גרויסע נעמען פון קינסטלער, וועמענס רום האָט דערגרייכט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט און אַריינגעשפּאַנט אין דער געשיכטע פון טעאַטער, געפינט זיך אויך דער נאָמען פון דער אַקטריסע סאַראַ בערנהאַרדט. גאַנץ ספּעציעל איז די דערשיינונג פון דער פּערזענלעכקייט סאַראַ בערנהאַרדט אויף דעם קינסטלערישן פירמאַמענט פון גאָר גרויסן אינטערעס פאַר אונדז יידן, וואָרעם אויך מיר האָבן אַ חלק און אַ רעכט זיך צו גרייסן מיט אירע דערגרייכונגען. נישט סתם אין דער וועלט איז איר שם אַזוי געוואַלדיק פאַרשפּרייט צווישן יידן און דאָס דערמאָנען איר נאָמען, רופט ביי אונדז אַרויס פרייד און טרויער...

סאַראַ בערנהאַרדט האָט אַלס פופצן־יאָריק מיידל בייגעווינט צום ערשטן מאָל אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע. געשפּילט האָט מען „בריטאַניקוס" (פון ראַסין). זי איז געווען אַזוי איבערגענומען פון דער טראַגעדיע, אַז זי האָט כסדר געוויינט און געשטערט איטלעכן אַרום איר, דאָס הנאה־האָבן פון ספּעקטאַקל און אַז עס איז געקומען דער טאָג, ווען זי גופא, די אַכצן־יאָריקע סאַראַ איז אויפגעטרעטן צום ערשטן מאָל, אויך אין דעם זעלבן טעאַטער, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1862, איז זי קינסטלעריש אַרויסגעקומען אַזוי נעבעכדיק שוואַך, אַז מען האָט איר אָנוועזנהייט אויף דער בינע כמעט נישט אַרויסגעזען...

וועגן דעביוט אירן (אין מאַליערס „די געלערנטע פרויען") שרייבט סאַראַ בערנהאַרדט אין אירע מעמואַרן, פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע שורות:

„ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם אַרויפגעצויגן, האָב איך געפילט אַז כ'גיי חלשן. ס'איז פאַקטיש געווען דער פאָרהאַנג פון מיין לעבן וואָס האָט זיך אויפגעהויבן".

און דאָך, טראָץ סאַראַ בערנהאַרדטס איבערגעלעבטער שטימונג בעת איר דעביוט, האָט דער באַרימטער טעאַטער־קריטיקער פראַנסיסק סאַרסעי, דער גרויסער חסיד פון ראַשעלן, געשריבן וועגן סאַראַ בערנהאַרדטס דעביוט, פאָלגנדיקע ווערטער:

„זי האַלט זיך גוט און רעדט מיט אַ סך קלאָרקייט. דאָס איז אַלץ וואָס מען קאָן זאָגן אין איצטיקן מאָמענט...״

ווי מערקווערדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, מוז דאָ דערציילט ווערן, אַז סאַראַ בערנהאַרדט האָט געשפּילט לאַנג, לאַנג, יאָרן גאַנצע אָן דעם מינדעסטן דערפאָלג; מען האָט געזען אַז דאָס מיידל האָט אַ סך סצענישע פעאיקייטן און דאָך האָט זי כסדר אַנטוישט. אין די ערשטע יאָרן פון איר סצענישער קאַריערע, האָט דער קומענדיקער וועלט־שטערן כמעט גאָרנישט פאָרגעשטעלט מיט זיך אין טעאַטער. ביי יעדער נייער ראָלע האָט די יונגע סאַראַ געגלייבט, אַז „דאָס מאָל״ וועט זי אַדורכברעכן די מויער פון גלייכגילטיקייט צו איר שפּיל. די מויער איז אָבער כסדר געווען געשלאָסן און אין אַ געוויסן מאָמענט פון פאַרצווייפלונג, האָט זי אפילו פּרובירט באַגיין זעלבסטמאָרד, פון וואָס עס האָט איר אָפּגעראַטעוועט אַלעקסאַנדער דיומאַ — דער פאָטער, אַ הויז־פריינד פון איר משפחה.

לאַנגע יאָרן האָט סאַראַ בערנהאַרדט געפירט מלחמה פאַר אַנערקענונג, פאַר געווינען דאָס „שרעקלעכע״ פּובליקום, ביז זי האָט לסוף דערגרייכט דעם ציל. יאָרן האָט עס געדויערט, ביז דער קומענדיקער וועלט־שטערן האָט אין זיך גופא באַזיגט די שרעק פאַרן פּובליקום, אַ שרעק פון וועלכער זי האָט זיך, אגב, קיין מאָל נישט באַפרייט; יאָרן האָט געדויערט, ביז עס האָט זיך אַנטוויקלט איר אייגענע קינסטלעריש־טעאַטראַלע פּערזענלעכקייט און זי האָט פון טאָג צו טאָג, זיך אָנגעהויבן מער און מער אַרויסצורוקן אין די פאָדערשטע רייען פון דער בינע.

ערשט נאָך זעקס יאָר שפּילן טעאַטער, האָט זי (אין יאָר 1869) באַקומען די ערשטע אַפּלאָדיסמענטן. איר ערשטן גרויסן דערפאָלג האָט זי אָפּגעהאַלטן אין יאָר 1872 אין וויקטאָר הוגאָס „רי בלאַס״ און ערשט נאָך צוועלף יאָר אַרטיסטישער קאַריערע, האָט זי, אין יאָר 1874, אויפטרעטנדיק אין „פעדרע״ פון ראַסין, דערגרייכט איר ערשטן טריאומף!

אין היפּוך צו דער גרויסער ראַשעל, וואָס האָט אין קורצע וואָכן נאָך איר דעביוט, אָנגעהויבן טרייסלען מיט פּאַריז און צו אירע אַכצן יאָר, אָנגעהויבן „איינעמען״ די וועלט, האָט סאַראַ בערנהאַרדט זיך אַנטוויקלט און דערגרייכט רום ערשט ביי אירע דרייסיק יאָר.

די קינסטלערישע מדרגה אויף וועלכער סאַראַ בערנהאַרדט איז לסוף אַרויפגעשטיגן איז געווען געוואַלדיק גרויס; מען האָט פּשוט נישט געוווּסט וואָס פריער אין איר צו באַוווּנדערן. זי האָט פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקע קלאָרע, פּערפעקטע דיקציע; איר שטים האָט געכישופט און אויפגעטרייסלט; איר דראַמאַטישער כוח איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז מען פלעגט פון איבעראַשונג

פֿאַרלירן דאָס לשון און דער אָטעם פֿלעגט זיך אָפּשטעלן ביי די צושויער. די רייכקייט פֿון די דורך איר באַשאַפֿענע כאַראַקטערן האָט גאָר נישט געהאַט קיין גרענעץ. ווייניקע אָבער האָבן געוווּסט, וויפֿל כּוח און געזונט די קינסטלערין האָט געצאָלט פֿאַר די אָפּגעהאַלטענע טריאומפֿן; אָפֿט מאָל פֿלעגט זי, ביים פֿאַרלאָזן די בינע, חלשן, וויינען אָדער ספּאַזמירן פֿון עמאָציע. געוווּסן פֿאַלן אַז זי פֿלעגט פֿון סצענישער אויפֿטרייסלונג שפּייען מיט בלוט!

סאַראַ בערנהאַרדט האָט פֿאַרמאָגט אַ נשמה אין וועלכער עס האָט געפֿלאַמט אַ פֿייערל, וואָס האָט אויף דער סצענע זיך מאַניפֿעסטירט מיט אירע אויפֿטרייסלענדיקע קרעאַציעס און אין לעבן מיט אַזעלכע האַנדלונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן שטוינונג און סענסאַציע.

אַזוי למשל, האָט זי זייער ליב געהאַט חיות, פֿאַרמאָגט אייגענע פֿערד און מען פֿלעגט איר אָפֿט טרעפֿן רייטנדיק. זי פֿלעגט זיך קיין מאָל נישט לאָזן אין וועלכע ס'איז רייזע אָדער אַרטיסטישער טורנע, אַפֿילו נישט אין דער סאַמע ווייטסטער וועלט־טייל, אָן מיטצונעמען מיט זיך כאָטש צוויי פֿון אירע הינט. אין שטוב ביי זיך האָט זי אַ חוץ הינט, געהאַט קעץ, אַ פּאַפּוגיי, טשערעפּאַכעס, אַ מאַלפּע און אַ פּומאַ (אַ ווילדע חיה, פֿון דער פֿאַמיליע קעץ) און אַפֿילו געהאָדעוועט ביי זיך יונגע לייבן. צוליב אַ ראָלע אין וועלכער זי האָט געדאַרפֿט דערשיינען מיט אַ שלאַנג האָט זי זיך דווקא איינגעהאַנדלט אַ לעבעדיקע באָאַ און איז שיער נישט אומגעקומען פֿון דער בעסטיע. זי פֿלעגט גיין אויף געיעג און אַ ריי טראָפֿעען געהאַט אויסגעשטעלט ביי זיך אין דער וווינונג. אין איר דראַנג נאָך עמאָציעס און אויסטערלישע האַנדלונגען, האָט זי זיך אַ מאָל, אין לאָנדאָן, באַוויזן אין הייד־פּאַרק מיט אַ... בער, וועלכן זי האָט געפֿירט אויף אַ קייט. אַזוי למשל, האָט זי אַ מאָל, אומגעריכט אַפֿילו פֿאַר אירע נאָענטסטע, זיך אויפֿגעהויבן איבער פּאַריז אין אַ לופֿטבאַלאָן, וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזט ווייט הינטער דער שטאָט און שיער נישט געהאַט צוליב דעם אַ פּראָצעס, וואָרעם איר קאָנטראַקט מיט דער פֿראַנצויזישער קאָמעדיע, האָט איר נישט דערלויבט אונטערצונעמען וועלכע ס'איז רייזעס... אָן דער דערלויבעניש פֿון דער טעאַטער־דירעקציע.

ביי זיך אין שטוב, האָט זי געהאַט שטיין אַ... טרומנע, אין וועלכער זי פֿלעגט פֿון צייט צו צייט זיך לייגן שלאָפֿן „כּדי זיך צוגעוווינען" דערצו... גאַנצע פֿיר מאָל, איז זי אַוועק זען דאָס אויספֿירן טויט־אורטיילן: הענגען און גילאָטינירן. זי פֿלעגט צוריקקומען פֿון די ספּעקטאַקלען אָן אויפֿגעטרייסלטע און געווען אַ גרויסע קעגנערין פֿון טויט־אורטיילן.

געווען נאָך אַ סך סענסאַציעס מיט וועלכע עס פֿלעגט זיך אָפֿט טומלען און

די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און אָריגינעלסטע כאַראַקטעריסטיק וועגן דראַנג פון דער קינסטלערין צו עקסצענטרישע און אויסטערלישע האַנדלונגען איז אין יענע טעג געקומען פון שרייבער זשיל לעמעטר, וועלכער האָט זיך וועגן סאַראַ בערנהאַרדטס האַנדלונגען אויסגעדריקט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„אויב סאַראַ בערנהאַרדט וועט פּלוצעם ווערן אַ נאָנע, אָדער זי וועט זיך אַוועקלאָזן צום נאָרד־פּאָל, אָדער זיך גאָר לאָזן איינשפּריצן דעם מיקראָב פון משוגעת, מאַכן אַן אַטענטאַט אויף אַ קיסר, צי גאָר חתונה האָבן מיט אַ נעגרישן קעניג, וועט עס מיך גאָרנישט וווּנדערן...״

איר עמאָציאָנעלע נשמה האָט זיך ווייט נישט באַרויקט נישט אויף דער סצענע און נישט מיט די אַלע עקסצענטרישע האַנדלונגען און סענסאַציעס. אַ סך פון איר ענערגיע האָט זי אויך אָפּגעגעבן דער סקולפּטור־אַרבעט, וועלכע זי האָט זייער ליב געהאַט און פלעגט אָפּט וואַך זיין ביי דער אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און אפילו ביז פאַר טאָג. זי האָט זיך באַטייליקט אין אויס־שטעלונגען און איין מאָל אויך געמאַכט אַן אייגענע אויסשטעלונג פון אירע ווערק מיטן ציל זיי צו פאַרקויפן, וואָרעם זי האָט זיך געניטיקט אין געלט כדי זיך איינצוקויפן צוויי... יונגיטשקע לייבן וואָס זענען איר זייער געפעלן!

סאַראַ בערנהאַרדט האָט אויך געמאָלן און זיך פאַרנומען מיט שרייבעריי. זי איז אַ מחברטע פון דריי טעאַטער־פּיעסן און פון אַ גרויס בוך מעמואַרן.

ווי מיר זעען איז סאַראַ בערנהאַרדט געווען אַ ביז גאָר אָריגינעלע און קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. זי האָט אין לעבן געשפּילט פּונקט ווי אויף דער סצענע; האָט זי עפּעס דערציילט, האָט זי אויך געשפּילט; איר פאַנטאַזיע האָט איר דערפירט צו דערציילן איבערלעבונגען און זאַכן אַנדערש ווי זיי זיינען אין דער אמתן פאָרגעקומען נישט ווייל זי זאָל האָבן געהאַט אַ נייגונג צו זאָגן ליגנט, נאָר ווייל זי האָט כסדר געזוכט אָפּצוהאַלטן שוישפּילערישע טריאומפן, אין לעבן ווי אויף דער בינע! (קלישע נומ. 71).

זי איז געווען ביז גאָר איבערגלייביק, זיך זייער געשראָקן פאַר דער ציפער „13״ און אַ מאָל, געמאַכט אפילו אַ שווערן סקאַנדאַל אירס אַן אימפּרעסאַריאָ, פאַרן האָבן אָנגעגרייט פאַר איר אַ צימער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָר וואָס אָנגעוויזענעם נומער... אפילו דאָס אומגליק וואָס איז געשען מיט איר פוס, וועלכן זי האָט זיך צעקלאַפּט ביים פאַלן און וועלכן מען האָט מיט אַ צענדליגג יאָר שפּעטער, געמוזט אַמפּוטירן, זאָל אויך האָבן געשען (זי האָט אין דעם טיף געגלייבט), ווייל זי האָט, אומגעריכט, דערזען... אַ פּלאַנץ, פאַר וועלכער זי האָט זיך זייער געשראָקן און פון אומגעריכטער איבערראַשונג, געפאַלן. זי האָט

קלישע נומער 71

סאַראַ בערנהאַרדט. (צייכענונג פון בען).

פאַרמאָגט אַ געוואַלדיק אַנטוויקלט פאַרגעפיל, וואָס האָט איר ס׳רוב נישט אָפּגענאַרט!

טראָץ אירע גרויסע מאַטעריעלע פאַרדינסטן, האָט איר אָפט אויסגעפעלט געלט, וואָרעם זי איז געווען אַ שרעקלעכע אויסברענגערין און אירע אָפטע רייזעס אין אויסלאַנד און ספּעציעל אין אַמעריקע האָבן איר פינאַנציעל אַלע מאָל געראַטעוועט: זי פלעגט צוריק קומען מיט קאָלאָסאַלע געלטסומעס.

זי איז נישט געווען קיין שיינע פרוי. זי האָט טאַקע פאַרמאָגט אַ געוואַלדיק עקספּרעסיוו געזיכט, נאָר נישט פאַרמאָגט קיין ווייבלעכקייט, קיין ווייבלעכע ליניע. זי פלעגט אַלע מאָל טראָגן אָנגעהאָנגען אויף זיך דריי און אַ מאָל פיר פאַרשידנ־קאָליריקע פאַסקעס. פלעגט קיין מאָל נישט טראָגן אויף זיך קיין בריסטן־האַלטער און ווי דער אמת, זי האָט עס נישט געדאַרפט, וואָרעם זי איז געווען זייער, זייער דאַר...

אין שייכות מיט דער פריער געבערענגטער געשיכטע וועגן סאַראַ בערנ־האַרדט׳ס פליען איבער פּאַריז, איז נישט איבעריק עס זאָל דערציילט ווערן, אַז בעתן אַראָפּגיין פון לופטבאַלאָן, איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער רעגן. אימעצער האָט צוגעטראָגן דער קינסטלערין אַ רעגן־שירעם כדי איר צו באַשיצן פון פאַרנעצט ווערן.

— ס׳איז נישט נייטיק — האָט זי זיך געוויצלט — איך וועל נישט באַ־רעגנט; כ׳בין אַזוי דין, אַז כ׳גליטש מיך אַדורך צווישן די טראָפּנס און וועל נישט נאַס...

סאַראַ בערנהאַרדט איז מיט לייב און לעבן געווען צוגעבונדן צו איר פאָ־טערלאַנד און איז געווען באַקאַנט מיט איר פּאַטריאָטיזם. אין וועלכן לאַנד זי פלעגט נאָר קומען, זענען אירע אויפטרעטונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַני־פעסטאַציעס לטובת פראַנקרייך. באַזונדיק מערערע לענדער האָט אָבער די קינסטלערין אויסגעמיטן אין לאַנד, דייטשלאַנד. זי האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט פאַרגעסן און נישט מוחל זיין די דייטשן די מלחמה פון 1870, דאָס אומגליק פון דער דייטשער אינוואַזיע, דאָס אָפּרייסן עלזאַס־לאָטרינגען, די קאָנטריבוציע פון פינף מיליאַרד א. א. וו.

אַ געוויסן טאָג איז צו איר געקומען דער דייטש, הער שטורץ און איר פיר־געשלאָגן אַ טורנע איבער דייטשלאַנד. סאַראַ בערנהאַרדט האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט

— אייער פרייז, מאַדאַם, וועט זיין אונדזער פרייז — זאָגט צו איר דער דייטש — רופט אָן וועלכע סומע אירווילט און איר וועט זי באַקומען!

— גוט, מיין הער, כ׳וויל פינף מיליאַרד!...

ערשט אין יאָר 1902 איז סאַראַ בערנהאַרדט, קעגן איר ווילן, געפאָרן שפּילן אין דייטשלאַנד. דאָס איז געשען אין רעזולטאַט פון דער אינטערווענץ און ביטע פון דער פראַנצויזישער רעגירונג גופא, וואָס האָט מיט די גאַסטראָלן פאַרפאָלגט אַ באַשטימטן פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן ציל.

סאַראַ בערנהאַרדטס אַרטיסטישע קאַריערע האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע זעכציק יאָר, אַ זאַך, וואָס איז פון גאָר גרויסער זעלטנקייט אין דער געשיכטע פון טעאַטער. מערקווערדיק זענען אויך געווען די לעצטע אַכט יאָר פון איר לעבן, בעת וועלכע זי פלעגט אויפטרעטן פאַרן פּובליקום אין ספּעציעל צוגעפּאַסטע ראָלן, כדי נישט צו דאַרפן זיך באַוועגן איבער דער סצענע, וואָרעם מען האָט אין פעברואַר 1915 איר אַמפּוטירט דעם רעכטן פוס. אַזוי אַז אויך אויף דעם געביט, שטעלט סאַראַ בערנהאַרדט מיט זיך פאָר אַן אוניקום אין דער געשיכטע פון סצעניש־אַרטיסטישער אַקטיוויטעט.

די לעצטע פיר צענדליגג יאָר פון איר לעבן האָט סאַראַ בערנהאַרדט באַוווינט אַ פּרעכטיקן האָטעל אויפן בולוואַר פּערעיר נומ. 56, וואָס איז געוואָרן אַ צענטער אין וועלכן ס׳פלעגן קומען די באַרימטסטע מענטשן פון איר צייט. כ׳וועל דאָ אויסרעכענען נאָר אַ קליינע טייל פון די באַזוכער, וואָס פלעגן וועלן זיין אין דער געזעלשאַפט פון דער גרויסער קינסטלערין: אַלעקסאַנדער דיומאַ — דער זון, עמיל זאָלאַ, פּאַסטער, זשאַן רישפּאַן, ערנסט רענאַן, וויקטאָריען סאַרדו, וויקטאָר הוגאָ, שאַרל גונאָד, פערדינאַנד לעסעפּס, אָסקאַר ווײַלד, עדמאָנד ראָסטאַן, פּיער לאָטי, גאַבריעל ד׳אַנונציאָ, די גרעפין נאָאיי, זשאָזעף ריינאַך, אידאַ רובינשטיין, טריסטאַן בערנאַר, זשאַן שאַרקאָ, רענאַלדאָ האַן, סאַשאַ גיטרי און פיל אַנדערע באַרימטע מענטשן.

אין דעם דאָזיקן האָטעל איז די קינסטלערין אויך געשטאָרבן דעם 25־טן מערץ 1923 אין עלטער פון 79 יאָר, פון אַ נירן־קראַנקייט. 1)

אין יאָר 1898 האָט די קינסטלערין אָפּגעדונגען איינס פון די צוויי טעאַטערן אויפן פּלאַץ שאַטלע. זי האָט אָנגערופן דאָס טעאַטער מיט איר נאָמען און דאָ אַנטוויקלט אַ געוואַלדיקע אַקטיוויטעט, זייענדיק דאָ שעה׳ען לאַנג. גרייטנדיק נייע פּרעמיערעס פלעגט סאַראַ בערנהאַרדט פיל מאָל דאָ פאַרבלייבן ביז פאַר טאָג, צווינגענדיק די אַקטיאָרן צו לאַנגע רעפּעטיציעס. זי פלעגט אויך רעפּעטירן איינע אַליין אויף דער סצענע פון ליידיקן טעאַטער. נישט סתם אין דער וועלט, האָט זי געשריבן אין אירע מעמואַרן:

1) דאָס הויז עקסיסטירט שוין נישט מער.

„די סצענע איז אַ קאַמפּס־פעלד, ווו דער אַרטיסט מוז זיך יעדעס מאָל באַנייען און מוז טריאומפירן".
און:

„אונדזער אמת לעבן איז דאָס אייביקע קלאַפּן פונעם האַרץ, דאָס כסדרדיקע אַרבעטן איבער זיך, דאָס באַדויערן נישט צו קאָנען קיין מאָל זיין פּערפעקט און דאָס שטרעבן צו פּערפעקציע".

אויף דער סצענע פון טעאַטער „סאַראַ בערנהאַרדט" האָט זי אויך געשאַפן איינע פון אירע סאַמע גרעסטע קרעאַציעס, „דאָס אָדלערל" פון עדמאָנד ראָסטאַן.

נאָך איר טויט האָט די שטאָט פּאַריז געלאָזט דעם נאָמען „סאַראַ בערנ־האַרדט" אויף דעם טעאַטער אין וועלכן זי האָט געשפּילט לאַנגע יאָרן און גע־שאַפן גרויסע ראָלעס. אַ גערטנדל אינעם צוואַנציקסטן אַראָנדיסמענט איז אָנגע־רופן געוואָרן אויפן נאָמען פון דער קינסטלערין און אויף דעם אימפּאָזאַנטן פּאַריזער פּלאַץ מאַלזערב, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דעם הויז אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון דער קינסטלערין, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אירס אַ מאָנומענט (פון סקולפּטאָר סיקאַר) וואָס שטעלט פאָר סאַראַ בערנהאַרדט אין דער ראָלע פון „פעדרע", די ראָלע אין וועלכער זי האָט אָפּגע־האַלטן איר ערשטן, גרויסן טריאומף. (קלישע נומ. 72).

וועלן מיר איצט אָנרירן די סאַמע אָנגעווייטיקסטע זייט אינעם פּראָבלעם סאַראַ בערנהאַרדט; איר יידישקייט, ריכטיקער איר יידישן אָפּשטאַם. וואָרעם איז דען פאַראַן ערגעץ ווו אַ ייד וואָס זאָל נישט וויסן, אַז די גרעסטע בינע־קינסטלערין פון סוף פון פאַרגאַנגענעם און פון אָנהייב היינטיקן י"ה שטאַמט פון יידן? נישט אַלע ווייסן אָבער אַז די קינסטלערין איז געווען געטויפט.

ווער איז סאַראַ בערנהאַרדט? ווי ווייט איז זי געבונדן מיטן יידנטום און ווי אַזוי איז עס געקומען צום אָפּרייסן זיך פון אים?

אויף איר קבר וואָס געפינט זיך אויפן באַרימטן פּאַריזער בית עולם פּער־לאַ־שעז, זעען מיר אַ גרויסן שטיינערנעם צלם!

איר מוטער איז געווען די יידישע פרוי יודיט (יולי) וואַן האַרד און איר פאָטער, אַ קריסט, וועמענס נאָמען איז נישט באַקאַנט. ער זאָל האָבן געווען אַ פראַנצויז פון האַוור און געהייסן מאָרעל.

ערשט אין יאָר 1915, ווען סאַראַ בערנהאַרדט איז שוין אַלט געווען 71 יאָר, האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אירס אַ... („פּריש געבוירענע") מעטריקע און דאָרט פיגורירט דער פאָטער אַלס עדואַרד בערנהאַרדט.

ס'איז אפילו נישט זיכער צי סאַראַ בערנהאַרדט האָט ווען ס'איז געקענט

קלישע נומער 72



סאַראַ בערנהאַרדט־מאָנומענט. (פאָטאָ : יח. קאָרנהענדלער).

איר פאָטער, וואָס האָט זיך, אגב, מיט איר אינטערעסירט און וואָס איז געשטאָרבן ערגעץ אין איטאַליע, ווען זי איז אין גאַנצן אַלט געווען 9 — 10 יאָר.

אויב מען זאָל גלייבן דאָס וואָס זי דערציילט אין אירע מעמואַרן, ווו נישט אַלץ איז הונדערט פּראָצענט אמת, זאָל זי איינציקע מאָל האָבן געזען איר פאָטער און יעדעס מאָל בלויז אויף קורצע מינוטן. זי דריקט זיך אפילו אויס, אַז ער איז געווען „שיין ווי אַ גאָט", אָבער לויט איינציקע ביאָגראַפן אירע, האָט זי איר פאָטער קיין מאָל נישט געזען, נישט געקענט און דאָס שרייבן אין אירע מעמואַרן וועגן האָבן אים געזען איז געווען הוילע פאַנטאַזיע און באַשטימט פאַר „דער וועלט"...

עס וואָלט פאַרנומען אַ סך פּלאַץ אויף פּרובירן דערציילן די פאַרשידענע ווערסיעס וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום דעם פּרוּוו אויפצוקלערן דעם אָפּשטאַם פון דער אַקטריסע.

ווער זענען פּאָרט געווען אירע עלטערן? ווער איז געווען דער אומבאַקאַנטער פאָטער וועלכן מען האָט געזוכט פאַרצושטעלן אַלס עדואַרד בערנהאַרדט און וועגן וועלכן מען ווייסט אַבסאָלוט גאָרנישט און מען צווייפלט צי אַזאַ נאָמען האָט בכלל עקסיסטירט? ווער איז עס געווען איר מוטער יודיט-יולי וואַן האַרד וואָס זאָל זיין אַ געבוירענע אין בערלין און וואָס איר משפחה זאָל האָבן געלעבט אין האָלאַנד? אויך אין דער ריכטיקייט פון איר פאַמיליענאָמען וואַן האַרד און געבורט-אָרט זענען פאַראַן אַ סך ספקות. ווער זענען עס געווען די זיידעס, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַזאַ פענאָמענאַלע קינסטלערין?

ס'איז אפילו ווייט אויך נישט זיכער, צי סאַראַ בערנהאַרדט איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין דער רי דע ל'עקאָל דע מעדיסין נומ. 5 ווו מיר זעען אויף דער מויער אַן אויפשריפט, וואָס דערמאָנט די דורכגייער, אַז אין דעם הויז, איז די קינסטלערין געקומען אויף דער וועלט דעם 23-טן יאַנואַר 1844.

דאָס אַלץ איז פאַרהוילן הינטער אַ געדיכטן שווערן שלייער און טראָץ די פּרוּוון אויפצוקלערן איז עס סוף כל סוף פאַרבליבן אַ מיסטעריע, אַ סוד!

פאַר וואָס אַ סוד?

ווייל די מוטער פון דער קינסטלערין, יודיט-יולי וואַן האַרד, האָט געהאַט אַ סך סיבות צו פאַרבאַהאַלטן איינצלהייטן וועגן זיך. דעם דאָזיקן אינטערעס צו פאַרווישן איר פאַרגאַנגענהייט האָט אויך געטיילט סאַראַ בערנהאַרדט, איר איינציקער זון מאָריס און אירע אייניקלעך. מען האָט נישט אויפגעהערט צו פּלאָנטערן און פאַרטונקלען אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות דערמיט און אין רעזולטאַט

פון דער גאַנץ באַוווסטזיניקער כוונה, איז עס לסוף געלונגען אוממעגלעך צו מאַכן עפּעס וואָס צו וויסן אויף זיכער.

סאַראַ בערנהאַרדטס מוטער, יודיט־יולי וואַן האַרד, זאָל האָבן געווען די טאָכטער פון יידישן אויגן־דאָקטאָר מאָריס בערנהאַרדט, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער פרוי פון האָלאַנד. די פאַמיליע האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין בערלין, געהאַט צוויי טעכטער (יודיט און ראָזין) לסוף פאַרלאָזט דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין האָלאַנד.

לויט די רייד פון סאַראַ בערנהאַרדט, איז איר מוטער (וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אַ געבוירענע אין בערלין) „געווען אַ לייכטזיניקע פרוי פון האַרלעם" (!) וואָס פלעגט אָפט פאָרן קיין האָלאַנד „אין איר היימלאַנד" (!). אַ קורצע צייט, האָט סאַראַ בערנהאַרדט געהאַט ביי זיך אין שטוב אירס אַ באָבע וואָס איז געווען בלינד. די קינסטלערין האָט פאַר איר לסוף געשאַפן אַן אָרט אין אַ זקנים־הויז. דערציילנדיק וועגן דעם אין אירע מעמואַרן, גיט סאַראַ בערנהאַרדט צו:

„מיין באָבע איז געווען אַ יידישקע און האָט זייער שטרענג און געטריי אָפּגעהיט די דינים פון איר רעליגיע."

אויב ס'איז פאַראַן אַן ערנסטער צווייפל אינעם אמת פון אַלע אָנגעגעבענע איינצלהייטן וועגן אָפּשטאַם פון סאַראַ בערנהאַרדט און איר מוטער, האָבן מיר אָבער נישט קיין שום סיבה צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון סאַראַ בערנהאַרדטס דערציילן וועגן דער יידישקייט פון איר באָבען.

די מוטער האָט טראָץ אירע פרוון פטור צו ווערן פון יידישקייט דאָך מיטגעבערענגט מיט זיך איר יידישן פאַרנאָמען יודיט און צו די צוויי, נישט יידישע פאַרנעמען פון איר, שפּעטער באַרימט געוואָרענער טאָכטער, האָט זי אָבער אויך צוגעגעבן אַ יידישן נאָמען שרה; דאָס איז אפשר געווען אַ שטיקל שוואַכקייט, מיטגעבערענגט נאָך פון איר יידישער היים.

ס'איז אָבער אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז פאַרנדיק אָפט צו איר משפחה אין האַרלעם, ווי מיר לייענען עס אין די מעמואַרן פון סאַראַ בערנהאַרדט, האָט די מוטער „געמוזט" האָבן אויך אַ יידישן נאָמען פאַר איר קינד און אַ דאַנק דעם, האָט זי איר טאָכטער אָנגערופן מיטן נאָמען שרה.

און אַז די יונגע סאַראַ איז צו אירע פופצן יאָר אַוועק אין דער קאָנסערוואַטאָריע, כדי זיך דאָרט צו לערנען די דראַמאַטישע קונסט איז איר יידישער פאַרנאָמען זיכער נישט געווען קיין חסרון: פאַר איטלעכן איז געווען פריש דער יידישער נאָמען פון דער נאָר וואָס געשטאָרבענער גרויסער ראַשעל.

יודיט וואַן האַרד האָט צוזאַמען מיט איר יינגערער שוועסטער ראָזין זייער

יונג פאַרלאָזט דאָס הויז פון אירע עלטערן. די געשיכטע שוויגט מכוח דעם לעבן וואָסביידע מיידלעך האָבן געפירט און די מאָגערע ידיעות וועלכע מיר האָבן פאַרט וועגן זיי, רעדן זייער שווער קעגן דעם אופן פון זייער פירונג, ביז זיי האָבן זיך ענדלעך אַדורכגעשלאָגן און געוואָרן „לייט"...

סאַראַ איז נישט געווען דאָס איינציקע קינד ביי איר מוטער; זי האָט געהאַט דריי טעכטער און איטלעכעס קינד פון אַן אַנדערן טאַטן. ס'איז ווייט נישט זיכער צי יעדעס קינד האָט געוווסט ווער עס איז זיין פאָטער.. יודיט וואַן האַרד איז געווען אַ שיינע פרוי, וואָס האָט זייער אָפט געטוישט אירע פראָטעקטאָרן און זיי געקליבן צווישן רייכע און איינפלוסרייכע מענער.

אַזוי לאַנג ווי די קינדער זענען געווען יונג, איז איר לעבן געווען פשוט, אָבער מיט זייער אונטערוואַקסן איז דער ענין פון איר אופן לעבן און פאַרגאַנגענהייט, געוואָרן קאָמפּליצירט און אַז סאַראַ בערנהאַרדט האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן אויף דער בינע, ווערן באַקאַנט און לסוף באַרימט, האָט מען געמוזט וואָס מער אויסבאַהאַלטן פון דער מאַמעס פאַרגאַנגענהייט, דורך דערציילן פאַרשידענע נישט געשטויגענע זאַכן און דער אמת איז געוואָרן אייך גרויסער סוד.

סאַראַ בערנהאַרדטס קריסטלעכער פאָטער, וואָס האָט זיך פון דער ווייטנס דאָך אינטערעסירט מיט זיין קינד, האָט דעפּאָזירט פאַר איר אַ גרעסערע געלט־סומע ביי אַ נאָטאַר און דאָס געלט באַוואָרנט מיט דער פאָדערונג, דאָס קינד זאָל ווערן געשמדט, וואָס איז טאַקע געשען, ווען זי איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר. ביי דער „געלעגנהייט", האָט שוין די מוטער אָפּגעשמדט אירע צוויי יינגערע קינדער און אויך זיך אַליין.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן סאַראַ בערנהאַרדטס נישט יידישער לעבנס־וועג. אַליין פון אַן אומבאַקאַנטן נישט יידישן טאַטן, אָפּגעשמדט זייער יונג, איז זי אַריינגעאַנגען אין איר רייף לעבן אַלס קריסטין פון יידישן אָפּשטאַם און איר יידישער נאָמען סאַראַ האָט, ספּעציעל אין דער יידישער וועלט, אויפגעהאַלטן דעם גלויבן אַז די גרויסע קינסטלערין איז אַ יידישע טאָכטער און אַלע אירע טריאומפן האָבן געפּרייט דאָס יידישע האַרץ און עס אָנגעפילט מיט שטאָלץ.

טראָץ איר שמד, האָט זי פון צייט צו צייט דאָך געהאַט אויסצושטיין צרות צוליב איר יידישן אָפּשטאַם און ווייל איר מוטער זאָל האָבן געווען אַ געבוירענע אין בערלין האָט מען איר נאָך דער פאַרשפּילטער מלחמה אין 1870 פירגעוואָרפן איר יידישן און... דייטשן אָפּשטאַם. סאַראַ בערנהאַרדט האָט פּראָטעסטירט, שרייבנדיק:

„יידישער אָפּשטאַם? זיכער! דייטשער? קיין מאָל נישט!"

אַז מען האָט נאָך דער פאַרענדיקטער מלחמה מיט די פּרייסן, זיך געקליבן אין 1872 צו באַנייען דאָס שפּילן אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, האָט סאַראַ בערנהאַרדט באַקומען פאָלגנדיקן אַנאָנימען בריוו:

„נעבעכדיקער סקעלעט (צוליב איר דאַרקייט...) דו וועסט גוט טאָן, אויב דו וועסט אויף דער דערעפענונגס־צערעמאָניע נישט ווייזן דיין שרעקלעכע יידישע נאָז".

זאָל זשע דאָ דערציילט ווערן אַז סיי די מוטער יודיט, סיי סאַראַ האָבן פאַרמאָגט באַשטימטע געזיכטס־שטריכן, וואָס האָבן דערציילט וועגן זייער סעמיטישקייט און אין פיל קאַריקאַטורן וואָס פלעגן זיך פון צייט צו צייט באַווייזן אויף דער קינסטלערין, האָט מען איר סעמיטישקייט אָפט אונטערגעשטראָכן.

אין די יאָרן 1881 — 1882 איז סאַראַ בערנהאַרדט געפאָרן אויף אַ טורנע אין רוסלאַנד; אירע ערשטע אויפטרעטונגען האָט זי געהאַט אין אָדעס און אין קיעוו. צווישן עולם האָט מען גערעדט וועגן איר יידישן אָפּשטאַם און אין טעאַטער־זאַל האָט געהערשט אַ פיינדלעכע שטימונג צו דער קינסטלערין, צוליב וואָס זי האָט פאַרקירצט די צאָל פאָרשטעלונגען און זיך „געראַטעוועט", אָפּפאָרנדיק גיך קיין מאָסקווע.

אין די טעג פון דרייפוס־פּראָצעס, האָט סאַראַ בערנהאַרדט געהערט צום דרייפוס־לאַגער און איר זון מאָריס האָט געהערט צו די אַנטי־דרייפוסאַרן.

ס'איז נישט איבעריק אויך צו דערמאָנען אַז אין די יאָרן 1940 — 1944, ווען די נאַציס האָבן געבאַלעבאַטעוועט איבער פּאַריז, האָבן זיי נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיט דער עקסיסטענץ פון אַ טעאַטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „סאַראַ בערנהאַרדט" און זיי האָבן דעם נאָמען אָפּגעשאָפט; ערשט נאָכן פאַרטרייבן די נאַציס פון פּאַריז, האָט דאָס טעאַטער צוריק באַקומען זיין פריערדיקן נאָמען. 1)

ווי מיר זעען איז נישט נאָר שווער צו זיין אַ ייד, נאָר עס איז אויך נישט לייכט צו שטאַמען פון יידן!

סאַראַ בערנהאַרדט קאָן נישט און דאַרף אויך נישט באַטראַכט ווערן ווי יעדער אַנדערער משומד, וואָס איז פרייוויליק אַוועק פון יידנטום. ווי מיר האָבן עס שוין געזען פריער, איז איר פאָטער געווען אַ קריסט וואָס האָט געפאָדערט איר שמד און ביז צו דער שמד־צערעמאָניע, איז זי שוין געהאַלטן געוואָרן

1) זינט 1968 איז דער נאָמען „סאַראַ בערנהאַרדט" פאַרביטן געוואָרן אויף „שטאָט־טעאַטער".

צוויי יאָר אין אַ מאָנאַסטיר ווו איר עמאָציאָנעלע נשמה האָט זיך צוגעבונדן צום קריסטנטום. פון איר מוטער האָט זי באַקומען בלויז איר יידישן נאָמען.

צו אונדזער גרויס ווייטיק, איז דער פאַל סאַראַ בערנהאַרדט ווייט נישט פאַראיינצלט אין יידישן לעבן, וואָס איז אַזוי פיל יאָרהונדערטער געווען אויסגעשטעלט אויף מוראדיקע שטורעמס. זיי האָבן פון אונדז כסדר אָפּגעריסן וווּנדערבאַרע קינדער און דערונטער אויך די גרויסע סאַראַ בערנהאַרדט, איינע פון די סאַמע גרעסטע שטערן אין דער געשיכטע פון טעאַטער. מיר מעגן זיין שטאָלץ פון האָבן אַ חלק אין אַזאַ קינסטלערישן וווּנדער.

ביבליאָגראַפיע
זע נומער:
6, 14, 15, 16, 38, 48, 56, 59, 96, 102, 125.

15.

שלום עליכם אין פּאַריז

צו די באַרימטע יידן וואָס האָבן באַזוכט פּאַריז און זיך דאָ אויפגעהאַלטן אַ געוויסע צייט, האָט אויך געהערט שלום עליכם, ווען דער גורל האָט דאָ אַהער געברענגט אייניקע מאָל.

צום ערשטן מאָל איז דער שרייבער געקומען קיין פּאַריז סוף 1890.

ער איז דאַן אַלט געווען דרייסיק יאָר.

אין לעקסיקאָן פון זלמן רייזען ווערט אָנגעגעבן, אַז שלום עליכם איז געקומען קיין פּאַריז אין חודש אָקטאָבער. פּאַקטיש איז ער אָבער געקומען מיט אַ חודש פריער; מיר זעען עס פון שלום עליכמס אַן אייגנהענטיקן בריוו, געשריבן אין חודש סעפּטעמבער 1890 אין פּאַריז, צום דעמאָלט זייער באַרימטן הויפּט־רב פון פראַנקרייך צדוק כהן, בעטנדיק ביי אים אַ זעאונג.

טראָץ דעם וואָס שלום עליכם איז דאַן אַלט געווען נאָר דרייסיק יאָר, האָט ער זיך שוין געהאַט געשאַפן אַ נאָמען אין דער יידישער שרייבערישער וועלט. ער איז שוין דאַן געווען דער מחבר פון פיל פּאָפּולער געוואָרענע ווערק, ווי „דאָס מעסערל״, „סענדער בלאַנק״ א. אַנד. ער איז שוין דאַן אויך באַקאַנט געווען אַלס מעצענאַט און אַרויסגעבער פון זיין „יודישע פאָלקסביבליאָטעק״.

אַ יונגער מענטש מיט אַ שטאַרקן שרייבערישן טאַלאַנט, איז ער אָבער נישט געווען קיין פּעאיקער סוחר און אין יאָר 1890 האָט ער פאַרלוירן זיין גרויסן קאַפּיטאַל; ער האָט באַנקראָטירט און זיך געמוזט ראַטעווען פון זיינע בעלי־חובות דורך אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך אין אויסלאַנד. ער האָט דאַן געוואַנדערט איבער פאַרשידענע שטעט און אויף דעם וואַנדער־וועג איז ער אויך געקומען צום ערשטן מאָל קיין פּאַריז.

אַרומדרייענדיק זיך אַן איינזאַמער איבער דער גרויסער שטאָט, אָפּגעריסן פון זיין היים און סביבה, האָט אָבער שלום עליכם געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו זען און באַקענען דעם דעמאָלטיקן הויפּט־ראַבינער פון פראַנקרייך צדוק כהן, וואָס איז געווען אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט, באַרימט אין דער גאָרער יידישער וועלט אַלס למדן, היסטאָריקער און כלל־טוער. שלום עליכם שרייבט

אים דאָן אַ בריוו און בעט ביי אים אַ זעאונג. דעם בריוו האָט ער געשריבן אין העברעאיש אין פערזן און גראַם...

אָט וואָס ער האָט אים געשריבן:

„ברוך אתה לאל עליון, אדוני הרב דצרפת ה׳צדוק כהן נ״י!
איש יהודי מארץ רוסייא
זר וגלמוד בעיר נכריא
חפץ, אדוני, לבוא אליך —
לבקרך, לברכך ולקדם את פניך,
מבלי בקש מידך חסד וחומלה,
לא כסף, לא זהב, לא לחם ושמלה:
אפס כי שמך שמוע שמעתי,
לכן את כל לבי נתתי —
ביראת הכבוד לגשת אליך
ולשבוע בהקיץ תמונתך
אני עבדך בן אמתך סאלאמאן ראבינאוויץ,
שלום עליכם.

פּ.ס. אבקש את אדוני לכבודני בתשובתו, באיזה יום ושעה אכל לעמוד לפניו;"

די יידישע איבערזעצונג פון בריוו איז פאָלגנדיקע:

„געבענטשט זאָלסטו זיין פון גאָט דעם אויבערשטן, מיין האַר, דער רב פון פראַנקרייך, ה׳צדוק כהן, נ״י!
אַ יידישער מענטש פון רוסלאַנד דעם לאַנד,
פרעמד און איינזאַם אין אַ פרעמדער שטאָט,
באַגערט, מיין האַר, אַריינקומען צו דיר,
דיך באַזוכן, בענטשן און באַגריסן
נישט צו בעטן גענאַד און רחמנות פון דיר,
נישט זילבער, נישט גאָלד, נישט ברויט און קיין קלייד;
נייערט דיין נאָמען האָב איך הערן געטאָן,
דעריבער האָב איך מיך מיישב געווען —
מיט יראת הכבוד צו גיין צו דיר
און זעטיקן זיך מיט דיין בילד אויף דער וואָר
איך דיין קנעכט, דער זון פון דיין דינסט,
סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש, שלום עליכם.

פּ. ס. איך בעט מיין האַר דעם רב צו באַערן מיך מיט זיין ענטפער, אין

וועלכן טאָג און אין וועלכער שעה, וועל איך מיך קענען שטעלן פֿאַר אים.״

הרב צדוק כהן האָט פֿאַרבעטן צו זיך שלום עליכמען, ענטפֿערנדיק אים אויך מיט אַ העברעאיש בריוול, וועלכעס דער שרייבער האָט אויפֿגעהיט אין זיין אַרכיוו און ווו מיר לייענען:

„אדוני.

הדברים היוצאים מעטך נעימים כדבש לחכי. כבד תכבדני בבואך לראות את פני ביום הראשון הבא בין עשירות לחצות, באשר אקוה להיות בבית לעת כזאת.

שלום וברכה לאדוני.

צדוק כהן.״ 1)

דאָ איז וויכטיק צו ציען די אויפֿמערקזאַמקייט אויף דעם וואָס לסוף פֿון שלום עליכמס בריוו צו צדוק כהן, האָט דער שרייבער, בעטנדיק אַן ענטפֿער, אָנגעגעבן זיין אַדרעס און מיר דערוויסן זיך אַזוי אַרום, אַז שלום עליכם איז דאַן איינגעשטאַנען אין פּאַריזער „גראַנד האָטעל״, אין צימער נומ. 163.

דער „גראַנד האָטעל״ וואָס געפֿינט זיך אויף דעם בולוואַר דע קאַפּוסין האָט שוין דאַן עקסיסטירט. אויפֿגעבויט צווישן די יאָרן 1875 — 1880 האָט ער דאַן געשמט ווי איינער פֿון די פֿיינע פּאַריזער האָטעלן. צוליבן מאָדערניזירן דעם האָטעל און דאָס אַריינפֿירן אין אים וואָס מער קאָנפֿאָרט, זענען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אַ ריי נומערן און צווישן זיי איז אויך פֿאַרשוווּנדן דער נומ. 163. אַלע אונדזערע פּרוּוון אויפֿצוקלערן וועלכעס צימער האָט אין יאָר 1890 געטראָגן דעם נומ. 163 זענען געבליבן אומזיסט.

אין גיכן האָט שלום עליכמס שוויגער רחל לאיעוו באַצאָלט זיינע חובות און דער שרייבער האָט פֿאַרלאָזט פּאַריז, אומקערנדיק זיך אַ היים צו זיין פֿאַמיליע, צו זיינע ווייטערדיקע סוחרישע דורכפֿאַלן און שרייבערישע דערפֿאָלגן. (קלישע נומ. 73).

פֿופֿצן יאָר שפּעטער, אין יאָר 1906 קומט שלום עליכם ווידער אַ מאָל קיין פּאַריז.

דאָס איז געווען נאָך דער דערשטיקטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין רעזול־טאַט פֿון די רדיפֿות און פּאָגראָמען אויף יידן. אויך שלום עליכם גופֿא האָט איבער־

1) „מיין הער, די ווערטער וואָס קומען אַרויס פֿון אייער פֿעדער זענען אָנגענעם פֿאַר מיין גומען ווי האָניק. איר וועט מיר אָנטאָן אַ כבוד קומענדיק מיך זען דעם נאָענטסטן זונטיק, צווישן צען און צוועלף אַ זייגער אָוונט. איך האָף דאַן צו זיין אין שטוב. שלום וברכה אייך. צדוק כהן.״ (אין יידיש איבערגעזעצט דורך גרשון עפּשטיין ז״ל).

קלישע נומער 73

שלום עליכם. (צייכענונג פון בען).

געלעבט אַזאַ פּאָגראָם אין קיעוו אין אָקטאָבער 1905 און ניצול געוואָרן על פּי נס. אַ דערשלאָגענער פאַרלאָזט ער דאָס לאַנד צוזאַמען מיט זיין גאַנץ הויז־געזינד און וואַנדערט איבער אייראָפּע. ער האָט געהאַט אויפטרעטן אין גאַליציע, אין רומעניע, אין וויך. ער האָט באַזוכט די שווייץ, ענגלאַנד, בעלגיע און פון דאָרט איז ער געקומען קיין פּאַריז און דאָ צוויי מאָל אויפגעטרעטן מיט דערפאָלג, וועלכן דער שרייבער האָט אין זיינס אַ בריוו באַצייכנט אַלס „גלענצנד״.

אַ ביסל מער איינצלהייטן זענען פאַראַן וועגן שלום עליכמס לעצטן באַזוך אין פּאַריז און זיין אויפטרעטן פאַרן פּאַריזער יידישן עולם, וואָס איז פּאָרגע־קומען מאָנטיק, דעם 29־טן דעצעמבער 1913, אינעם זאַל „פּאַלע דע פעט״, אין דער אַלטער רי סען מאַרטען נומ. 199. (דאָס הויז עקסיסטירט כסדר, אָבער דער זאַל נישט מער).

וועגן דעם פּאָרגעקומענעם אָוונט דערוויסן מיר זיך פון אַן אַנאָנס וואָס איז געווען געדרוקט אין פּאַריזער „דער נייער זשורנאַל״ נומ. 10 (אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט דורך אברהם רייזען). אין דער נאָטיץ אינעם זעלבן נומער וואָס האָט גערופן די פּאַריזער יידן צו קומען אויפן אָוונט, לייענען מיר די שורות געשריבענע דורכן רעדאַקטאָר גופא:

„עס קלינגט ווירקלעך יום־טובדיק און פריילעך און מיר זענען זיכער אַז קיינער וועט נישט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט צו געניסן אַ פּאָר שטונדן פון טאָפּלטע פרייד; דען צו לעזן שלום עליכמען איז אַ פרייד, בפרט אים אַליין צו הערן פּאָרלעזן!

א. ר.״

פונעם אַנאָנס דערוויסן מיר זיך אויך, אַז דעם אָוונט האָט איינגעאָרדנט די פּאַריזער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע.

דעם פּאָרזיץ האָט געפירט דער דאַן נאָך יונגער פּועלי־ציון־טוער מאַרק יאַרבלום, פון וועמען מיר האָבן זיך דערוווסט פּאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע גע־שיכטע, וואָס וואַרפט אַ גאַנץ ספּעציעלע ליכט אויף דעם אופן ווי אַזוי שלום עליכם האָט זיך געגרייט צו זיינע אַרויסטרעטונגען:

דער שרייבער איז געקומען קיין פּאַריז אַ טאָג ערב דעם אָרגאַניזירטן אָוונט און אויף צו מאָרגנס איז ער אין דער באַגלייטונג פון יונגן מאַרק יאַרבלום אַוועק זען און זיך באַקענען מיטן זאַל וווּ ער וועט אין אָוונט דאַרפן אויפטרעטן. שלום עליכמען איז דער זאַל זייער נישט געפעלן געוואָרן. ס'איז שוין אָבער נישט געווען קיין מעגלעכקייט די זאַך צו ענדערן. דער שרייבער האָט זיך דאַן געוואָנדן צו זיין באַגלייטער:

— איר ליבער פריינד בלייבט שטיין ביי דער טיר, ד״ה אויף דעם סאַמע ווייטסטן אָרט פון דער בינע. איך וועל דאָרט אַרויף און לייענען אַ מינוט־צוויי און איר וועט מיר זאָגן צי איר האָט כאָטש גוט געהערט.

שלום עליכם איז אַרויף אויף דער בינע. עפּעס אָנגעהויבן לייענען פון אַ ביכל אַרויס און מאַרק יאַרבלום האָט טאַקע גאָרנישט געהערט, אַבסאָלוט גאָרנישט.

אַראָפּקומענדיק פון דער בינע, האָט דער שרייבער געפרעגט:

— נו, איר האָט געהערט וואָס כ׳האָב געלייענט?

מאַרק יאַרבלום וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן דעם אָוונט, האָט זיך געפילט שולדיק פאַרן האָבן רעזערווירט דעם זייער נישט פּאַסיקן זאַל, האָט נישט געהאַט קיין מוט זיך מודה צו זיין ווי וויט שלעכט ער האָט געהערט, האָט ער פאַרזיכערט דעם שרייבער אַז יאָ, אַז ער האָט אים זייער גוט געהערט. אָבער שלום עליכמען איז שווער געווען צו נאַרן; ער האָט גלייך דערקענט אויפן פּנים פון יונגן מ. יאַרבלום, אַז ער זאָגט אים נישט דעם אמת און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט זשע מיר טאַקע וואָס איר האָט געהערט, וואָס האָב איך געלייענט?

מ. יאַרבלום איז געווען געצוווּנגען זיך מודה צו זיין אַז ער האָט טאַקע גאָרנישט נישט געהערט. שלום עליכם איז געווען זייער אויפגעבראַכט פאַרן פּרובירן פאַרבאַהאַלטן פאַר אים אַזאַ וויכטיקע זאַך און גאָר ספּעציעל איז ער אויף אים געווען ברוגז פאַרן נישט זאָגן קיין אמת.

ווי עס האָבן אונדז איבערגעגעבן אייניקע עלטערע פּאַריזער תושבים וואָס האָבן בייגעוווינט דעם אָוונט 1) האָט שלום עליכם דאַן פאָרגעלייענט פאַרן עולם „אַ זעקס און זעכציק", „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט" און „דריטע קלאַס". דערביי איז פאָרגעקומען פאָלגנדיקע געשיכטע:

דער זאַל פון „פאַלע דע פעט" וואָס האָט אַריינגענומען ביי דריי הונדערט פּערזאָן איז געווען איבערפולט און צוליב דער ענגשאַפט און טאַקע אויך צוליבן שלעכטן הערן האָט זיך נישט געקאָנט איינשטעלן די נויטיקע שטילקייט און מען האָט מערערע מאָל גערופן צום שרייבער „העכער, לייענט העכער"... דאַן האָט שלום עליכם איבערגעריסן דאָס לייענען; ער איז אַראָפּ פון דער סצענע אַריין אין מיטן זאַל און דאָ האָט ער זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול אויס־רופנדיק:

1) די פריינט אברהם מרדכי קיפּען און יצחק קוליש ע״ה.

— איצט וועט שוין איטלעכער הערן!

און אַזוי אויף אַ שטול שטייענדיק, אין סאַמע צענטער פון זאַל האָט ער ווייטער געלייענט.

פּאָרזיצער פון דאָזיקן אָוונט איז טאַקע געווען מאַרק יאַרבלום, וועגן וועמען שלום עליכם האָט אויף צו מאָרגנס, אין אַ קאַרטל צו זיינס אַ טאָכטער געשריבן: „דער פּאָרזיצער איז געווען אַנאַטאָל פראַנס, דער באַוווסטער פּועלי־ציוניסט״

אַ וואָך שפּעטער, דעם 4־טן יאַנואַר 1914 האָט שלום עליכם געהאַט אין פּאַריז אַ צווייטן אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַל רי דע לאַנקרי נומ. 10. וועגן דעם אָוונט איז אויפגעהיט געוואָרן אַ פאָטאָגראַפיע אויף וועלכער מיר זעען שלום עליכמען בעת׳ן לייענען פון זיינע ווערק.

דאָס קומען פון שלום עליכמען קיין פּאַריז אין דעצעמבער 1913 און דאָס אויפטרעטן דאָ פאַר די פּאַריזער יידן איז געווען זיין לעצטער באַזוך אין דער שטאָט.

ביבליאָגראַפיע
זע נומער:
131, 134, 143, 144.

16.

29 מאַרטירער

נאָכן אַרויסטרייבן די נאַציס פון פּאַריז האָט מען אויף די מויערן פון אַ סך הייזער אויפגעהאָנגען שטיין־טאָוולען, וואָס דערציילן וועגן זייערע איינוווינער, געפאַלענע און אומגעקומענע אין קאַמף קעגן דעם דייטשן אָקופּאַנט.

אויף שטיין־טאָוולען וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף מערערע פּאַריזער הייזער, געפינען מיר אויך נעמען פון יידן, אומגעבראַכטע דורך די דייטשן און זייערע צוהעלפער, ווייל זיי האָבן זיך באַטייליקט אין ווידערשטאַנד און געקעמפט קעגן דער נאַצישער הערשאַפט, ווער מיט שטילע אונטערגראָבונגס־וועגן און ווער מיט געווער אין האַנט.

האָבן מיר אויף די מויערן פון פּאַריזער הייזער אויסגעפונען טאָוולען וואָס דערציילן וועגן 29 יידן־העלדן. זיי האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס אין קאַמף מיט די נאַציס. צי איז דאָס אָבער די פולע רשימה פון פּאַריזער יידן, אומגעקומענע אין קאַמף? זיכער אַז נישט!

זיי זענען אָן ספק געווען אַ סך מער, אָבער נישט וועגן אַלע יידישע העלדן דערציילן די אויפשריפטן. פאַר וואָס עס איז אַזוי איז שווער צו ענטפערן. עס זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי סיבות פאַר וואָס נאָר 29 פון זיי זענען צו אונדז דערגאַנגען. כדי עס זאָלן פאַראייביקט ווערן די נעמען פון די אומגעקומענע אין קאַמף האָבן זיך געדאַרפט געפינען מענטשן אָדער אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן וועגן די קדושים דערמאָנען, אָנווייזן אָבער אין אַ סך פאַלן איז נישט געווען ווער עס זאָל עס טאָן. אַ סך יידן האָבן אפילו נישט געוווסט, אַז עס גייט אָן אַזאַ אַקציע. דערצו נאָך, האָט ביים אויפהענגען פון די שטיין־טאָוולען געהערשט אַ געוויסע אומאָרדענונג. ס׳זענען אפילו נישט פאַראַן קיין קאָמפּלעטע ליסטעס פון די אויפגעהאָנגענע שטיין־טאָוולען און מיר זענען זיכער אַז אויף די פּאַריזער מויערן זענען פאַראַן נאָך אויפשריפטן, וואָס גיבן אָן נעמען פון אומגעקומענע יידישע העלדן. מיר גיבן אָבער אָן נאָר די צאָל וועלכע מיר האָבן פּערזענלעך אויסגעפונען און פאַרשריבן.

ווער זענען געווען די גיבורים? פון וואָס פאַר אַ יידישע היימען? ווי

אַזוי האָבן זיי געקעמפט? ווי אַזוי זיך אויסגעצייכנט? ווי אַזוי אומגעקומען? ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען האָבן זיי פאַרלוירן זייערע לעבנס?

אין די מערהייט פאַלן איז נישטאָ קיין ענטפער; די שטיין־טאָוולען זענען קליין, די ידיעות קורץ און ווייניק זאָגנדיק.

נאָר וועגן אַ טייל פון די קדושים זענען מיר בכוח אָנצוגעבן אייניקע ידיעות. וועגן די איבעריקע אומגעקומענע, ווייסן מיר נאָר די קאַרגע ווערטער וועלכע מיר געפינען אויף די שטיין־טאָוולען און מיר וועלן שוין אפשר גאָרנישט וויסן וועגן די העלדן. עס איז צו באַדויערן וואָס די פּאַריזער יידישע געזעלשאַפטלעכ־קייט האָט פאַרנאַכלעסיקט אַזאַ קאַפּיטל פון יידישן העראָאיזם און יידישער גע־שיכטע פון פּאַריז.

די נעמען פון די קדושים און אַלץ וואָס עס קאָן דאָ דערציילט ווערן וועגן זייער לעבן, וועלן מיר איבערגעבן לויט די פּאַריזער אַראָנדיסמענטן:

ערשטער אַראָנדיסמענט:

אויפן הויז 43, rue de Rivoli לייענען מיר:

1 — „מאַרסעל לינדער

דערהרגעט דורך די דייטשן דעם 19־טן אויגוסט 1944".

צווייטער אַראָדיסמענט:

אויפן הויז 137, rue d'Aboukir לייענען מיר:

2 — „דוד פעפער

געבוירן אין 1907. דעפּאָרטירט און דערהרגעט דורך די דייטשן אין יאָר 1942".

דריטער אַראָדיסמענט:

אויפן הויז 130, rue Vieille-du-Temple לייענען מיר:

„דאָ האָט געוווינט

3 — מאָריס באַסיס

געהילף־שעף פון די פ.ט.פ.פ. (פריי־שיסער, פראַנצויזישע פאַר־טיזאַנער) געבוירן דעם 7־טן יוני 1924. דערהרגעט דורכן שונא דעם 4־טן יוני 1944. אַלט געווען צוואַנציק יאָר. געשטאָרבן פאַר פראַנקרייך".

וועגן דעם אומגעקומענעם מאָריס באַסיס דאַרף דאָ איבערגעגעבן ווערן, אַז ער איז געבוירן אין פּאַריז און אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן אַלס מאַקיזאַר.

אויף דעם הויז 39, rue Chapon לייענען מיר:

„דאָס האָט געוווינט

4 — פּאָלעט בוכמאַן.

אַ יונגע העלדין. געשטאָרבן פאַר פראַנקרייך״.

אויפן הויז 45, rue de Turenne לייענען מיר:

„דאָ האָט געוווינט

5 — שמואל טישעלמאַן

גערופן „טיטי״. געבוירן דעם 1־טן יאַנואַר 1921. דערשאָסן דורך די דייטשן דעם 19־טן אויגוסט 1941״.

טישעלמאַן איז געבוירן אין פּולאַווי (פּוילן). אָנהייב אויגוסט 1941, האָט ער זיך באַטייליקט אין אַן אַנטי־נאַצישער מאַניפעסטאַציע ביים פּאָרט סען מאַרטען. די דייטשן האָבן געשאָסן אויף דער מאַסע. שמואל טישעלמאַן ווערט פאַרוווּנדעט און אַרעסטירט און גלייך דערנאָך דערשאָסן. ער האָט געהערט צו די סאַמע ערשטע קרבנות פון ווידערשטאַנד אין פּאַריז.

אויפן הויז 17, rue Réaumur לייענען מיר די אויפשריפט:

„דאָ האָט געוווינט

6 — דוד ליבערמאַן

געבוירן דעם 1־טן פעברואַר 1922. דערשאָסן דורך די דייטשן דעם 16־טן סעפּטעמבער 1941. געשטאָרבן פאַר פראַנקרייך״

דוד ליבערמאַן האָט זיך באַטייליקט אין אַן אַנטי־נאַצישער דעמאָנסטראַציע אויפן באַסטיל־פּלאַץ. עס קומט פאַר אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, בעת וועלכער ער שטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד. ער ווערט דערביי אַרעסטירט און דערשאָסן דורך די דייטשן. זיין קבר געפינט זיך אויפן בית עולם אין איוורי.

אויפן הויז 6, rue de Normandie לייענען מיר אויף אַ בראָנדז־שילדל פּאָלגנדיקע שורות:

„דאָ האָט געוווינט

7 — רענעע לעווי.

אַגרעזשע ביים אוניווערסיטעט. געבוירן דעם 25־טן סעפּטעמבער 1908. אַרעסטירט דעם 25־טן נאָוועמבער 1941. דעפּאָרטירט. געקעפּט מיט אַ האַק אין קעלן, דעם 31־טן אויגוסט 1943, אונטער לויטענאַנט. קאַוואַליר פון ערן־לעגיאָן. קריגס־קרייץ. ווידערשטאַנד־מעדאַל״.

נאָך דער מלחמה זענען די עצמות פון דער העלדין געבּרענגט געוואָרן קיין פּאַריז און מקבר געוואָרן אין דער גרופּע פון 15 מאַרטירער פון ווידערשטאַנד, אויפן וואַלעריאַן־באַרג, אין דער „ווידערשטאַנד־קריפּטע".

דאָ דאַרף דערציילט ווערן, אַז גלייך נאָכן אויפהענגען די אויפשריפט וועגן דער גרויסער יידישער העלדין, האָט אַן אַנטיסעמיטישע האַנט צעבּראָכן דעם שטיין־טאָוול. די איצטיקע אויפשריפט איז, ווי שוין דערמאָנט, געמאַכט פון בּראָנדז, כדי עס זאָל זיך נישט איבּערחזרן דער פאַל פון צעשמעטערן די אויפשריפט.

8, rue au Maire לייענען מיר די אויפשריפט:

„דאָ האָט געוווינט

א — ריימאָנד ראַיאַל.

אומגעקומען אין דעפּאָרטאַציע. געשטאָרבּן פאַר פראַנקרייך".

טראָץ דעם אמת־פראַנצויזישן נאָמען, ווייסן מיר אַז די אומגעקומענע איז געווען אַ יידיש קינד. ס'דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין פּוילן זענען געווען יידישע פאַמיליעס וועלכע האָבּן געטראָגן דעם נאָמען ראַיאַל.

(דער שרייבּער פון די שורות קען פּערזענלעך אייניקע פּוילישע יידן וואָס הייסן ראַיאַל און וואָס האָבּן נאָך דער מלחמה 1914 — 1918 זיך בּאַזעצט אין פּאַריז.)

7, rue Villehardouin לייענען מיר די אויפשריפט:

„דער לעיטענאַנט פון די פ.ט.פ.פ. (פריי־שיסער, פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער)

9 — פערדינאַנד קליימיץ (פּאָל מאַרשאַן)

געבּוירן אין פּאַריז דעם 28־טן אָקטאָבּער 1923. דערהרגעט אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט".

ער איז געווען אַ זון פון אַ פּאַריזער יידישן דאַמען־שניידער און פאַלקס־מענטש. דער שרייבּער פון די שורות האָט געקענט דעם אומגעקומענעם נאָך אַלס גאַר יונג קינד

פערטער אַראָנדיסמענט:

19, rue Rambuteau לייענען מיר:

10 — „מאָריס גראַהאַר

סערזשאַנט פון פ.ט.פ.פ. (פריי־שיסער, פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער) 17 יאָר אַלט, דערהרגעט דורך די דייטשן".

געבוירן אין פּאַריז דעם 13־טן דעצעמבער 1925. ער פאַרשפּרייט אומ־לעגאַלע אויפרופן און צייטונגען און ווערט דערביי אַרעסטירט אין חודש מאַי 1943. צוליב זיין יונגקייט ווערט ער דעפּאָרטירט קיין אָשוויענטשים ווו ער קומט אום אין עלטער פון 17 יאָר.

26, rue des Rosiers לייענען מיר:

11 — „איוועט פעיע

ציטירט אין באַפעל פון ווידערשטאַנד. דערהרגעט דורך די נאַציס אין אָשוויענטשים אין עלטער פון 22 יאָר".

אויך דער נאָמען איוועט פעיע קלינגט נישט יידיש און איז זיכער געווען, ווי דער שוין דערמאָנטער „טיטי" אָדער „פּאָל מאַרשאַן", נאָר אַ פּסעוודאָנים. ס'איז צו באַדויערן וואָס עס איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן דער יידישער נאָמען פון דער אומגעקומענער. אָבער אַז דאָ האַנדלט זיך ווירקלעך וועגן אַ יידיש קינד, באַשטעטיקט די אויפשריפט וועלכע מיר זעען אין אַ זייט פון שטיין, ווו מיר לייענען מיט זייער קליינע אותיות, אַז דער טאָוול איז אויסגעפּערטיקט געוואָרן אין דער פּאַריזער אונטערנעמונג „לעווי־ריווע", וואָס באַשעפטיקט זיך דער עיקר מיט יידישע לוויה־ענינים און ווו מען האָט אונדז אויך פאַרזיכערט, אַז די אומגעקומענע איוועט פעיע איז געווען אַ יידיש מיידל. לײדער פאַרמאָגט נישט מער די לוויה־אונטערנעמונג קיין שום שפּור פון דער אויסגעפירטער באַשטעלונג און דער יידישער נאָמען פון דער מאַרטירערין איז אונדז פאַר־בליבן אומבאַקאַנט.

דאָס נישט אָנגעבן דעם יידישן נאָמען פון דער העלדין, קאָן אויך זיין אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס די גאַנצע משפּחה אירע איז אומגעקומען אין דעפּאָר־טאַציע. אַזעלכע פאַלן זענען געווען זייער פיל און ס'איז נישט געווען מער קיין קרוב אויף צו באַטייליקן זיך אינעם גרייטן די אויפשריפט וועלכע מיר זעען היינט צו טאָג.

34, rue des Rosiers לייענען מיר:

„דאָ האָט געוווינט

12 — לואי שאַפּיראָ

געבוירן אין פּאַריז אין יאָר 1913. קאָמענדאַנט פון די פ.ט.פ.פ. (פריי־שיסער פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער) דערשאָסן דורך די דייטשן אין פּאַרט מאָן וואַלעריאַן, דעם 30־טן אַפּריל 1944".

לואי שאַפּיראָ ווערט בעתן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939 מאָביליזירט אין דער אַרמיי, ער פאַלט אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. נאָך אייניקע

פּרוון, געלינגט אים סוף כל סוף צו אַנטלויפן. ער קומט צוריק קיין פראַנקרייך און שליסט זיך אָן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, ווו ער איז טעטיק אונטערן פּסעוודאָנים „פּעראַן". מיט געווער אין דער האַנט באַפאַלט ער קאַזאַרמעס, מיליטער־אָפּטיילונגען און פּאָליציי־פּאָסטנס. די געסטאַפּאָ באַשטימט אפילו אַ פּרייז פאַר זיין קאָפּ. דעם 11־טן יאַנואַר 1944, בעת אַן אַקציע, פאַלט ער אַדורך און ווערט אַרעסטירט. אַ דייטש מיליטער־געריכט פאַראורטיילט אים צום טויט און ער ווערט דערשאָסן. פאַראַן אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע בריוו זיינע, וועלכע ער האָט פאַרן טויט אַרויסגעשיקט פון דער טורמע.

טראָץ דעם וואָס אויפן שטיין־טאָוול איז אָנגעגעבן אַז לואי שאַפּיראָ איז געבוירן אין יאָר 1913, זאָל ער זיין אַ געבוירענער אין יאָר 1902.

צענטער אַראָנדיסמענט:

לייענען מיר: 33, rue du Faubourg-Saint-Martin

„דאָ האָט געוווינט

13 — ראָזשע אייזענמאַן

פ.פ.ט.פ. (פריי־שיסער, פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער) דערהרגעט אין קאַמף אין עלטער פון 22 יאָר, כדי פראַנקרייך זאָל לעבן".

לייענען מיר: 74, rue du Faubourg-Saint-Denis

„אין דעם הויז האָט געוווינט

14 — בערנאַרד גרינבוים

אַ זעלנער נישט אין אוניפאָרם פון די פ.פ.ט.פ. (פריי־שיסער, פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער) דערשאָסן דורך די דייטשן דעם 30־טן אַפּריל 1942 אין עלטער פון צוואַנציק יאָר, כדי פראַנקרייך זאָל לעבן".

בערנאַרד גרינבוים איז געבוירן אין פּאַריז דעם 13־טן דעצעמבער 1921 ביי עלטערן, פּוילישע יידן. אָנגעשלאָסן אין ווידערשטאַנד, ווערט ער אַרעסטירט ביים טיילן אויפרופן און פאַרמשפּט אויף דריי חדשים טורמע. נאָכן אָפּקומען די שטראָף, ווערט ער אָבער נישט באַפרייט און צוזאַמען מיט נאָך פינף חברים, ווערט ער דערשאָסן אַלס רעפּרעסיע צוליב פאַרגעקומענע אַטענטאַטן. פאַרן טויט האָט ער אַרויסגעשריבן זעלטן רואיקע בריוו צו די עלטערן.

לייענען מיר: 83, rue du Faubourg-Saint-Denis

„אין דעם הויז האָט געלעבט

15 — מאָריס פעלד

„אַ זעלנער נישט אין אוניפאָרם פון די פ.ט.פ.פ. (פריי־שיסער. פראַנצויזישע פאַרטיזאַנער) דערהרגעט דורך די דייטשן דעם 22־טן אויגוסט 1942 אין עלטער פון 17 יאָר, כדי פראַנקרייך זאָל לעבן".

דער יונגער מאָריס פעלד באַטייליקט זיך העלדיש אין אַ ריי אַקציעס מיט געווער אין דער האַנט און צייכנט זיך זייער אויס. בעת דער לעצטער אַקציע ווערט ער פאַרוואונדעט אין אַ פוס. ער ווערט אַרעסטירט און דערשאָסן. פאַרן טויט, שרייבט ער פון טורמע אַ זייער מוטיקן בריוו.

40, rue des Marais לייענען מיר:

„דאָ איז געפאַלן דעם 19־טן אויגוסט 1944, ביים באַפרייען פאַריז, איינער פון די פ.פ.י. (פראַנצויזישע אינערלעכע כוחות)

16 — זשאָרזש פעלדמאַן

אין עלטער פון 19 יאָר".

108, rue Oberkampf לייענען מיר פאָלגנדיקע אויפשריפט:

17 — „מאזשיגלאד זשאַק

דערשאָסן דורך די דייטשן דעם 24־טן יולי 1942".

די עלטערן פונעם קדוש און גאָר ספּעציעל דער פאָטער איז געווען אַ האַר־ציקער פאָלקס־ייד און געהערט צו די אַקטיווע מיטגלידער פון די פאַריזער פועלי־ציון — „אַרבעטער־היים"־קרייזן און געווען צווישן די סאַמע ערשטע אינטערנירטע אין דראַנסי פון וואַנען עס איז אים געלונגען זיך אַרויסצוקריגן, שפּילנדיק די ראָלע פון אַ משוגענעם, דערנאָך האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און געווען אויסגעצייכנט.

8, place de la République לייענען מיר:

„אין דעם הויז איז

18 — ראָבערט קאַלמאַן

דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן דעם 25־טן אויגוסט 1944 אינעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פאַריז".

דרייצנטער אַראָנדיסמענט:

אויף דער מויער פון דער טורמע אין דער rue de la Santé איז פאַראַן אַ שטיין־טאָוול מיט אַ רשימה פון 18 דאָרט אומגעקומענע ווידערשטאַנדלער און צווישן זיי, געפינען מיר אויך דעם נאָמען

19 — טרזשעבוצקי

אומגעקומען דעם 28־טן אויגוסט 1941, אויפן באַפעל פון דער רעגירונג וואָס האָט געדינט דעם שונא".

דער אומגעקומענער האָט געהייסן אברהם און איז געווען אַ געבוירענער אין מינסק־מאַזאָוויעצק, פון פאַך אַ היטלמאַכער. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1941 ביים טיילן בלעטלעך און געוואָרן גילאָטינירט. 1)

פערצנטער אַראָנדיסמענט:

1, rue Monticelli לייענען מיר די אויפשריפט וואָס דערציילט אַז:

„דאָ האָט געוווינט

20 — פראַנס סערזשאַן־בלאָק

אַ העלדין פון ווידערשטאַנד. דערשאָסן דורך די דייטשן דעם 13־טן מאַי 1943 אין האַמבורג".

אַכצנטער אַראָנדיסמענט:

אויף דער מויער פון אַ גרופּע הייזער, וואָס נעמען אַרום די נומערן 112-124, boulevard Ney דערציילט אַן אויפשריפט וועגן אַכט אומגעקומענע ווידערשטאַנדלער, צווישן זיי געפינען מיר די נעמען פון פיר יידישע קדושים, דאָס זענען:

21 — „גרינבוים זשאַק

22 — פרידמאַן בערנאַרד

23 — קערשנשטיין מישעל

24 — קערשנשטיין זשאַק

אומגעקומענע פאַר דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך. זאָל זייער קרבן קיין מאָל נישט פאַרווישט ווערן פון אונדזער זכרון".

זשאַק גרינבוים איז געבוירן דעם 24־טן אָקטאָבער 1920. ער האָט געהערט צו די 48 אומגעבראַכטע יידן וואָס זענען אומגעקומען אויפן וואַלעריאַן־באַרג,

1) אינעם בוך פון דוד דיאַמאַנט (זע ביבליאָגראַפיע), ווערט אָנגעגעבן, אַז אברהם טרזשעבוצקי איז גילאָטינירט געוואָרן אין דער טורמע סאַנטע דעם 24־טן אויגוסט ד"ה מיט פיר טעג פריער, ווי עס דערציילט עס די אויפשריפט אויף דער מויער פון דער טורמע.

דערשאָסן דורך די נאַציס אין דער נאַכט פון 14־טן אויפן 15־טן דעצעמבער 1941. פאַרן טויט האָט ער אַרויסגעשיקט זייער אַ מוטיקן בריוו צו די עלטערן און זיינע צוויי שוועסטער.

וועגן בערנאַרד פרידמאַן דאַרף דערציילט ווערן, אַז ער איז געבוירן אין וואַרשע דעם 31־טן דעצעמבער 1886 און איז געווען אַ פאָטער פון עלף קינדער. אַנגעשלאָסן אין ווידערשטאַנד, האָט ער אַדורכגעפירט זייער געפערלעכע מיסיעס. ער ווערט אַרעסטירט דעם 8־טן אויגוסט 1941 און קומט אום אויפן וואַלעריאַן־באַרג צווישן די 48 אומגעברענגטע מאַרטירער אין דער עלטער פון 55 יאָר, אַרויסשיקנדיק פאַרן טויט אַ קורצן און רירנדיקן בריוו צו זיין פרוי און קינדער.

וועגן די צוויי אומגעקומענע מישעל און זשאַק קערשנשטיין, האָבן מיר לייּדער נישט געפונען קיין שום ידיעות.

זענען עס געווען ברידער? קרובים, וואָס האָבן געטראָגן דעם זעלבן נאָמען?

ניינצנטער אַראָנדיסמענט:

21, rue de Meaux לייענען מיר:

„דאָ האָט געוווינט

25 — פאַני לאַדסקי

געבוירן דעם 31־טן אויגוסט 1914. דעפאָרטירט קיין מיידאַנעק (פוילן). אונטער־לייטענאַנט פון די פ.פ.י. (אינערלעכע פראַנצויזישע קרעפטן). קריגס־קרייץ. געשטאָרבן פאַר פראַנקרייך״.

114, rue de Flandre לייענען מיר:

26 — „ריימאָנד מאָק

42 יאָר אַלט. דערשאָסן דורך די נאַציס דעם 1־טן אַפּריל 1944. געשטאָרבן פאַר פראַנקרייך״.

צוואַנציקסטער אַראָנדיסמענט:

21, rue de Tourtille לייענען מיר:

„דאָ האָט געלעבט

27 — אַנרי בעקערמאַן

אַ העלד פון ווידערשטאַנד. דערשאָסן בעת דער אָקופּאַציע, דעם 16־טן סעפּטעמבער 1941 אין עלטער פון 21 יאָר, פאַר זיין אַקטיוויטעט לטובת פראַנקרייך״.

אַנרי בעקערמאַן איז געבוירן אין פּאַריז אין יאָר 1920. אין יולי 1941 ווערט ער אַרעסטירט ביים טיילן אויפרופן און קורץ דערנאָך אומגעברענגט.

דאָ איז וויכטיק צו דערציילן, אַז דער שטיין־טאָוול וועלכן מען האָט דאָ

אויפגעהאַנגען איז פּונקט ווי דער ערשטער שטיין־טאָוול פון דער לערערין רענע לעווי צעשמעטערט געוואָרן דורך אַן אַנטיסעמיטישער האַנט. אייניקע יאָר שפּעטער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן די אויפשריפט וועלכע מיר זעען אויפן הויז וווּ דער קדוש האָט געוווינט.

46, rue Pixérécourt לייענען מיר:

28 — „זשאַן זשאַק ראָטשטיין

פאַרבינדונגס־אַגענט פון שטאַב פון דער פ.פ.י. געשטאָרבן פאַר פראַנקרייך דעם 9־טן סעפּטעמבער 1944. מיליטער־מעדאַל. קריגס־קרייץ״.

43, avenue Gambetta לייענען מיר:

„דאָ האָט געוווינט

29 — ראַלניקאַס

דערשאָסן דורך די נאַציס דעם 22־טן אָקטאָבער 1941 אין קאַמ־פּיען. געשטאָרבן פאַר פראַנקרייך״.

דער קדוש איז געווען אַ פּאָליטישער טוער און פון דער פּראָפעסיע אַן אַד־וואָקאַט.

מיטן אָנגעבן די רשימה פון די 29 קדושים וועלכע מיר האָבן צונויפגעזאַמלט זוכנדיק לאַנגע יאָרן איבער די פּאַריזער גאַסן און מיט די גאַר מאָגערע ידיעות וועלכע מיר קאָנען אָנגעבן נאָר וועגן אַ טייל פון זיי, פאַרענדיקן מיר די דאָזיקע אַרבעט. מיר זענען אָבער זיכער אַז אויף די פּאַריזער מויערן, הענגען נאָך ערגעץ ווו, אויפשריפטן וועגן אומגעקומענע יידישע קעמפער. אוודאי זענען ביי אונדז פאַרנאַטירט נאָך אַ געוויסע צאָל נעמען פון אַזעלכע העלדן, אָבער מיר האָבן זיי נישט אויסגערעכנט, ווייל מיר האָבן נישט די פולשטענדיקע זיכערקייט צי דאָס זענען טאַקע נעמען פון יידן.

אין דער געברענגטער רשימה יידישע קעמפער זענען פאַראַן אַ טייל, וועמענס עלטער איז אונדז אומבאַוווּסט, אָבער דער רוב פון זיי זענען געווען אין עלטער צווישן 22 און 17 יאָר. לאָמיר בייגן די קעפּ פאַר די פאַרשניטענע לעבנס, יידישע בחורים און יידישע טעכטער וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען און אומגעקומען אין קאַמף קעגן די נאַציס.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

33, 133.

17.

הייזער דערציילן

פּאַריז איז רייך אין הייזער, וועלכע דערציילן וועגן באַרימטע יידן, וואָס האָבן אין זיי געלעבט, געחלומט, געווען אַקטיוו, געבוירן און געשטאָרבן.

וועגן אַ געוויסער צאָל אַזעלכע ערטער זאָל דאָ דערציילט ווערן:

ערשטער אַראָנדיסמענט:

38, Galerie Véro-Dodat

דאָ, אויפן דריטן עטאַזש, האָט אין יאָר 1838 געוווינט, די זיבעצן־יאָריקע טראַגיקערין ראַשעל.

זי האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו שפּילן אין דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע" און ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער טעאַטער־וועלט. ווען זי האָט אין יאָר 1842 פאַרלאָזט די וווינונג איז זי שוין געווען וועלט־באַרימט.

דאָ, אין דער וווינונג (וועמענס פענצטער גייען אַרויס אויף דער רי בולואַ נומ. 2,) איז פאָרגעקומען די באַרימטע סצענע וועלכע עס האָט מיטגעמאַכט און דערנאָך באַשריבן דער דיכטער אַלפרעד דע מיסע א"נ „אַ מאָלצייט ביי ראַשעל".

צווייטער אַראָנדיסמענט:

151, rue Saint-Denis

אין דעם הויז איז אין יאָר 1872 געבוירן געוואָרן דער פראַנצויזיש־יידישער שרייבער און פּאָליטיקער לעאָן בלום.

23, boulevard Bonne-Nouvelle

דאָ האָט זיך געפונען דער פאַרלאַג „לאַ נוועל רעווי אַנטערנאַסיאָנאַל" וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע אויסגאַבע אין פראַנצויזיש פון ד"ר טעאָדאָר הערצלס בוך „די יידישע מדינה".

2, rue Vivienne

האָט געהאַט זיין ביכער־פאַרלאַג מישעל לעווי, דער גרינדער פון פראַנ־צויזיש־יידישן פאַרלאַג „קאַלמאַן לעווי". מישעל לעווי איז געווען אַ נאָענטער חבר פון דער אַקטריסע ראַשעל.

97, rue de Richelieu

דאָ האָט אין יאָר 1835 געוווינט און געשאַפן דער קאָמפּאָזיטאָר מעיערבער. דאָ האָט ער געענדיקט זיין אָפּערע „ראָבערט דער טייוול" און דאָ האָט ער אויך אָנגעהויבן אַרבעטן איבער זיין אָפּערע „די הוגענאָטן".

דריטער אַראָנדיסמענט:

14, rue Béranger

ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט דאָ געוווינט דער יידישער דיאַ־מענטן־הענדלער באָעהמער, ביי וועמען מען האָט אין יאָר 1785 געקויפט, מכלו־מרשט פאַר דער קעניגין מאַריע־אַנטואַנעטע אַ בריליאַנטן־קאָליע; אַן ענין וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן פּאָליטישן סקאַנדאַל, וואָס האָט צוגעהאָלפן דיסקרעדיטירן דעם פראַנצויזישן מאָנאַרכיסטישן רעזשים. דער סקאַנדאַל איז באַרימט א"נ „קאָליע דע לאַ רען".

2 *bis*, rue Commines

אין דעם האָטעל האָט אין יאָר 1939 געוווינט דער דיכטער איציק מאַנגער.

ער פאַרלאָזט אים צען־צוועלף טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, אַרי־בערגייענדיק אין אַ פּריוואַטער וווינונג אין דער רי דע לאַ מאַר, (20־טער אַראָנ־דיסמענט).

פערטער אַראָנדיסמענט:

1, quai aux Fleurs

דאָ האָט לאַנגע יאָרן געלעבט און געשאַפן דער גרויסער דיכטער עדמאָנד פלעג, וואָס איז אויך דאָ געשטאָרבן אין יאָר 1963.

13, quai d'Anjou

אין דעם הויז האָט דער מאָלער מאַרק שאַגאַל זיין פּאַריזער וווינונג.

11, rue Saint-Louis-en-l'Ile

האָט געלעבט און געהאַט זיין ליטעראַרישן סאַלאָן דער שרייבער מאַרסעל שוואָב. אַן ערודיט און פיינער פּסיכאָלאָג.

ער איז דאָ אויך געשטאָרבן אין יאָר 1905 אין עלטער פון 38 יאָר.

זעקסטער אַראָנדיסמענט:

93, rue de Vaugirard

דאָ האָט ביז צום חודש יוני 1940 געלעבט דער סקולפּטאָר נחום אַראָנזאָן. ער האָט פאַרלאָזט די וווינונג אין די טעג ווען די נאַצישע אַרמייען האָבן זיך דערנענטערט צו פּאַריז.

30, rue de Vaugirard

האָט אַ צייט געלעבט דער שרייבער און באַרימטער טעאַטער־קריטיקער זשיל זשאַנאַן. מען פלעגט אים רופן דער „פרינץ פון דער קריטיק״. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער אויפגייענדיקער ראַשעל.

8, rue Tournon

אויך אין דעם הויז האָט זשיל זשאַנאַן געוווינט אַ געוויסע צייט.

104, boulevard Saint-Germain

דאָ האָט געלעבט ד״ר אַרנאָלד נעטטער. איינער פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע מעדיצינישע אויטאָריטעטן, מיטגליד פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע. ער איז געווען אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכער עסקן און געווען דער פּרעזידענט פון „אַליאַנס איזראַעליט״, געשטאָרבן אין פּאַריז אין יאָר 1935.

27, quai des Grands-Augustins

אין דעם בנין האָט דער פּאָרטוגעזישער ייד יעקב ראָדריגעז פּערעירא געגרינדעט אין יאָר 1747 די סאַמע ערשטע שול פאַר טויב־שטומע. די איניציאַטיוו איז געשטיצט געוואָרן דורך דער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפט. די שול האָט אויך באַקומען אַ יערלעכע סובסידיע פון קעניג.

דער באַרימטער יידישער רייזנדער פון 18־טן י״ה חיים־יוסף־דוד אזולאי דערציילט אין זיין טאָג־בוך וועגן זיינע טרעפונגען מיטן סעניאָר יעקב ראָדריגעז פּערעירא, בעת זיין קומען קיין פּאַריז.

23, 25, 27, rue de l'Hirondelle

אין די דאָזיקע הייזער האָט דער ייד סאָלאָמאָן פּערפּיניאַן געגרינדעט דעם 20־טן אָקטאָבער 1767 די ערשטע אומזיסטע שול פאַר צייכענען. זי האָט אַריינגענומען אין זיך 1500 שילער.

73, rue Notre-Dame-des-Champs

טיף אין הויף האָט געוווינט און געהאַט זיין לעצטע אַטעליע דער מאָלער מאַנע קאַץ.

23, quai Voltaire

אין דעם הויז, האָט אין פאַרגאַנגענעם י״ה געלעבט די טראַגיקערין ראַשעל. דאָס זענען געווען די טעג פון איר פאַרבינדונג מיט נאַפּאָלעאָנס זון דעם גראַף וואַלעווסקי. (קלישע נומ. 74).

קלישע נומער 74



(Bibl. Nationale)

ראַשעל. (איילבילד פון ש. מיללער).

זיבעטער אַראָנדיסמענט:

78, rue de Lille

אין דעם האָטעל געפינט זיך זינט דעם 18־טן י״ה די דייטשע אַמבאַסאַדע.

דאָ האָט דער 17־יאָריקער הערש פייוול גרינשפּאַן דערשאָסן דעם 7־טן נאָוועמבער 1938, האַלב צען אין דער פרי, דעם דייטשן דיפּלאָמאַט עדוואַרד פאָן ראַטה, ווי אַ נקמה־אַקט פאַר די יידישע צרות אין דייטשלאַנד און פאַרן אַרויסטרייבן פון דאָרט זיינע עלטערן. (קלישע נומ. 75).

אַכטער אַראָנדיסמענט:

157, boulevard Haussmann

דאָ האָט געלעבט און געשאַפן דער דראַמאַטורג אַנרי בערנשטיין (1953—1876). פון זיינע טעאַטער־ווערק אין שייכות מיטן יידנטום, זאָל דאָ דער־מאָנט ווערן זיין דראַמע „ישראל״.

184, boulevard Haussmann

דאָ האָט בעתן דרייפוס־פּראָצעס געוווינט מאַטיע דרייפוס, דער ברודער פון אַלפרעד דרייפוס.

מאַטיע דרייפוס איז געווען ביז גאָר אַקטיוו אויפן געביט פון פאַרטיידיקן זיין ברודער. זשאָזעף ריינאַך האָט אים באַצייכנט אַלס „װוּנדערבאַרער ברודער״. קלעמאַנסאָ האָט אים גערופן „נאָבעלער מאַטיע״ און עמיל זאָלאַ האָט אים באַ־צייכנט אַלס העראָאישן ברודער״.

20, rue Murillo

אין דעם האָטעל האָט געלעבט דער באַראָן טעאָדאָר ריינאַך. פאַרמישט אין דעם גרויסן פּאַנאַמע־סקאַנדאַל, וואָס האָט סוף פון פאַרגאַנגענעם י״ה אויפגע־טרייסלט דאָס לאַנד, איז ער דאָ, דעם 21־טן נאָוועמבער 1892 באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד.

41, rue Washington

האָט געלעבט דער קאָמפּאָזיטאָר פּאָל דיקאַ (1935—1865). דאָס הויז איז נישט מער דאָס זעלבע.

8, rue de Monceau

אין דעם הויז האָט פון יאָר 1891 ביז אַפּריל 1895 געוווינט ד״ר טעאָדאָר הערצל.

פון דאָ איז ער אַריבער אין דער רי קאַמבאָן.

קלישע נומער 75

הערש גרינשפּאַן.

5, rue Tronchet

אין דעם הויז האָט געלעבט און דאָ איז אויך געשטאָרבן אין יאָר 1910 די אַקטריסע דינה פעליקס, די יינגסטע שוועסטער פון ראַשעל.

43, rue de Liège

האָט אַ לענגערע צייט געוווינט דער מוזיקער עדואַרד קאָלאָן, דער גרינדער פון פאַריזער סימפאָנישן קאָנצערט „אָרקעסטער קאָלאָן".

6, avenue van Dyck

בעתן דרייפוס־פראָצעס, האָט דאָ געוווינט דער פּאָליטיקער און באַרימטער קעמפּער פאַר דער דריטער רעפּובליק זשאָזעף ריינאַך, מחבר פון דער זיבן־בענדיקער געשיכטע פון דער דרייפוס־אַפערע.

דאָס הויז איז נישט מער דאָס זעלבע.

ניינטער אַראָנדיסמענט:

17, rue de La Rochefoucauld

אין דעם הויז האָט אין יאָר 1841 געלעבט דער קאָמפּאָזיטאָר פראָמענטאַל האַלעווי, מחבר פון דער באַרימטער אָפּערע „לאַ זשוויוו" („די יידין"). ער איז דאַן אַלט געווען פערציק יאָר. ער האָט אויך געוווינט אין דער רי דע פּראָוואַנס און אין דער רי פּאַפּיאָן, אָבער יענע הייזער עקסיסטירן נישט מער.

9, rue de La Bruyère

אין דעם האָטעל האָט געוווינט דער פינאַנסיסט און מעצענאַט דאַניעל אָזיריס.

8, rue Henneur

דאָ האָט פון יאָר 1900 ביז 1914 געלעבט דער פילאָזאָף, שרייבער און ציוניסטישער מנהיג ד"ר מאַקס נאָרדאָו

אויף דער זעלבער גאַס נומ. 20 האָט נאָרדאָו געוווינט זינט 1920 און דאָ איז ער אויך דעם 21־טן יאַנואַר 1923 געשטאָרבן.

18, rue Notre-Dame-de-Lorette

דאָ האָט געלעבט און געשאַפן דער דיכטער־סימבאָליסט גיסטאַוו קאַהאַן (1859 — 1936).

עלפטער אַראָנדיסמענט:

37, rue Saint-Sébastien

בעת די קאָמונע־טעג האָט דאָ געוווינט דער זייגערמאַכער לעאָן פראַנקעל. אַן אונגאַרישער ייד וואָס האָט זיך זייער באַקאַנט געמאַכט בעת דער קאָמונע,

ווידמענדיק זיך דעם פּראָבלעם פון אָפּשאַפן אַרבעט־שקלאַפעריי. פּאַרוווּנדעט בעת די קאָמונע־קאַמפן האָט ער זיך לסוף געראַטעוועט אין דער שווייץ. ער איז געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט הינטער די אויגן.

10, cité Popincourt

האָט דער מאָלער מאַנע קאַץ געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל אויפן 5־טן עטאַזש, גלייך נאָך זיין קומען און באַזעצן זיך אין פּאַריז.

צוועלפטער אַראָנדיסמענט:

9, square Port-Royal

אין דעם הויז האָט געלעבט און דאָ אויך געשטאָרבן דעם 29־טן יוני 1966, אין עלטער פון 99 יאָר, דער דיכטער אַנדרע ספּיר.

פערצנטער אַראָנדיסמענט:

7, villa Seurat

דאָ האָט געלעבט און געשאַפן די קינסטלערין חנה אָרלאָוו.

126, boulevard Montparnasse

דאָ האָט אַ געוויסע צייט געוווינט (אויפן ערשטן עטאַזש) דער סאָציאַליס־טישער טוער און פּאָליטיקער לעאָן בלום.

3, rue Campagne-Première

אין דעם הויז האָט דער מאָלער מאָדיליאַני געהאַט אַ געוויסע צייט זיין אַטעליע.

62, rue Boissonade

דער מאָלער מאַנע קאַץ האָט דאָ געהאַט זיין אַטעליע גלייך נאָכן צוריק־קומען פון אַמעריקע, נאָך דער מלחמה 1939 — 1945.

זעכצנטער אַראָנדיסמענט:

47, boulevard Beauséjour

דאָ איז דעם 25־טן יאַנואַר 1941 געשטאָרבן דער פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן אין עלטער 82 יאָר.

באַווירקט פון קאַטויליציזם, האָט דער פילאָזאָף זיך אַרומגעטראָגן מיט דער כוונה זיך צו טויפן. דער אויפקום פון היטלעריזם און די נאָכגעקומענע פאַרפאָלגונגען אויף יידן האָבן אים אָפּגעהאַלטן פון דעם שריט.

אָט וואָס דער פילאָזאָף האָט דעם 8־טן פעברואַר 1937 איינגעשריבן אין זיין צוואה:

„מיינע מחשבות האָבן מיך דערפירט צום קאַטוליציזם, אין וועלכן איך האָב געזען די פולקאָמע רעאַליזירונג פון יידנטום. איך וואָלט זיך באַקערט צום קאַטוליציזם ווען איך זאָל נישט, זינט יאָרן געווען געזען דעם געפערלעכן אַנטיסעמיטישן געוויטער וואָס באַדראָט צו קומען אויף דער וועלט. איך האָב געוואָלט בלייבן צווישן די גערודפטע פון מאָרגן״.

אַנרי בערגסאָן האָט אונטער דער וישי־רעגירונג רעזיגנירט פון זיינע טיטולן, זיך אָפּגעזאָגט פון דער דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג אים פאָרגעלייגטן חסד צו בלייבן מחוץ די אַנטי־יידישע געזעצן. אייניקע וואָכן פאַר זיין טויט, ליגנדיק שוין שווער קראַנק, איז ער אין דער באַגלייטונג פון זיינס אַ דינער, אַנגעטאָן אין שטעקשיך און איינגעהילט אין אַ קאָלדרע, אַוועק אין געהעריקן אַמט זיך רעגיסטרירן אַלס ייד. ס׳האָט דאַן שווער געוועגנט. בערגסאָן איז לאַנג געשטאַנען ביז ס׳איז געקומען זיין ריי.

קומענדיק צוריק פון דער רעגיסטראַציע, האָט זיך דער פילאָזאָף צוריקגעלייגט אין בעט אַריין און שוין מער נישט אויפגעשטאַנען.

נאָך בערגסאָנס טויט האָט די קריסטלעכע וועלט זיך דערטראַכט צום ווערטל, אַז דער פילאָזאָף „איז געווען געשמדט, נאָר נישט געטויפט״ („קאָנווערטי, מע פּאַ באַטיזע״) מיט וואָס מען שפּעקולירט כסדר, כדי דעם פילאָזאָף פּרובירן צורעכענען צו דער קריסטלעך־קאַטולישער וועלט.

אָבער ווי מיר זעען, האָט די אײדלקייט פון אַנרי בערגסאָן אים דערפירט צום אָפּטרייסלען זיך פון דער קריסטלעכער וועלט, וועלכע האָט מיטגעמאַכט און מיטגעהאָלפן דעם נאַצישן אַנטיסעמיטיזם.

6, avenue du Président-Wilson

האָט געוווינט דער קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס. פון דער וווינונג איז ער אַוועק אַ געוויסן פרימאָרגן פון יאָר 1894 דערהאַלטנדיק אַן אויפפאָדערונג צו קומען אין „ציווילע קליידער״ אין קריגס־מיניסטעריום, ווו ער איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר שפּיאָנאַזש. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געשעעניש וואָס האָט געטרייסלט מיטן לאַנד און איז אַריין אין דער געשיכטע א״נ „דער דרייפוס־פּראָצעס״.

84, rue du Ranelagh

דאָ האָט געוווינט און אויך געשטאָרבן אין יאָר 1935 אין עלטער פון 70 יאָר דער קאָמפּאָזיטאָר פּאָל דיקאַ.

53, rue de l'Assomption

אין דעם הויז האָט געוווינט עלי האַלפּערין־קאַמינסקי, אַ מחבר פון אַ ריי

ווערק און דער איבערזעצער אין פראַנצויזיש פון פּושקין, גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי א. אַנד.

ער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „יוסטיץ", וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן קלעמאַנסאָ. אין פראַנקרייך איז אויך פאַראַן אַ יערלעכער „האַלפּערין־קאַמינסקי־פּרייז" פאַר גוטע איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן.

11, rue de la Tour

האָט געלעבט און דאָ איז דעם 11־טן אָקטאָבער 1966 געשטאָרבן אין עלטער פון 91 יאָר דער שרייבער אַנרי הערץ.

11, rue de la Pompe

האָט געלעבט זיינע לעצטע יאָרן און דאָ איז אויך אין יאָר 1874 געשטאָרבן דער שוין פריער־דערמאָנטער שרייבער און באַרימטער קונסט־קריטיקער זשיל זשאַנאַן.

4, place du Trocadéro

אין דעם הויז האָט געוווינט דער שרייבער ראָמאַן קאָאָליס. זיין פאַקטישער נאָמען איז געווען רענע ווייל.

70, rue de la Pompe

דאָ האָט געוווינט און דאָ איז אויך אין יאָר 1880 געשטאָרבן אין עלטער פון 84 יאָר דער באַרימטער יידישער מנהיג און קעמפער פאַר דער רעפּובליק אַדאָלף קרעמיע.

16, rue de Siam

דאָ האָט אין יאָר 1903 געוווינט אברהם גאָלדפאַדען בעת זיין געפינען זיך אין פּאַריז צום צווייטן מאָל.

טראָץ זיין אויפהאַלטן זיך אין דעם רייכן קוואַרטאַל און זיין באַווייזן זיך אין גאַס שטענדיק אָנגעטאָן אין אַ פּעלערינע און צילינדער אויפן קאָפּ, האָט ער אָבער דאַן אַדורכגעמאַכט אַ גרויסע נויט; געווען טעג ווען ער איז געבליבן אָן איין פראַנק אין טאַש.

זיבעצנטער אַראָנדיסמענט:

10, rue Jacques-Bingen

אין דעם הויז האָט אַ צייט לאַנג געוווינט דער מוזיקער עדואַרד קאָלאָן. (1838 — 1910).

אַכצנטער אַראָנדיסמענט:

15, rue Ravignan

דאָ האָט אַ לאַנגע צייט געוווינט דער ווירטואָז אַרטור רובינשטיין.

36, boulevard Clichy

אין דעם הויז האָט געלעבט און געשאַפן דער מאָלער זשיל פּאַסקין. זיין פאַקטישער נאָמען איז געווען פּינקאַס. אין דער דאָזיקער וווינונג איז ער דעם 15־טן יוני 1930 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אויפשניידן זיך די אָדערן.

זשיל פּאַסקין איז געווען אַ בולגאַרישער ייד. ער איז געקומען קיין פּאַריז אין יאָר 1905 אַלט זייענדיק צוואַנציק יאָר.

צוואַנציקסטער אַראָנדיסמענט:

82, boulevard Ménilmontant

דאָ האָט געוווינט און געהאַט זיין זייגערמאַכער־געוועלבל שלום שוואַרצבאַרד, בעת ער האָט אין חודש מיי 1926 אויסגעפירט דעם אַטענטאַט קעגן דעם אוקראַינישן אַטאַמאַן סעמיאָן פּעטליורא.

ביבליאָגראַפיע

זע נומער:

8, 12, 24, 47, 62, 98, 133, 136, 139, 145.

ביבליאָגראַפיע:

1 — ANCHEL Robert. *Les Juifs de France.* Edit. J.B. Janin. 1946.
2 — AMARK Mats. *La Cathédrale d'Upsal.* Upsala 1950.
3 — *L'Arche,* n° 81. Paris 1963.
4 — AUBERT Marcel. *La Cathédrale Notre-Dame de Paris* 1945.
5 — BAINVILLE Jacques. *Histoire de France.* Edit. A. Fayard. Paris 1924.
6 — BARING Maurice. *Sarah Bernahrdt.*
7 — BATUT Guy. *Les inspirateurs du Führer.* Paris 1934.
8 — BATUT Guy. *Les Pavés de Paris.* 1937.
9 — BECK, Dr Georg. *Bambergs Schönheit.* Bamberg 1963.
10 — BEN-LEVI G. *Le Café des Juifs.* Arch. Isr. Paris 1846.
11 — BERG Oscar. *A Paris sous l'occupation.* Journal des Communautés 23-XII-1966.
12 — BERMAN Léon. *Histoire des Juifs de France.* Paris 1937.
13 — BERNARD J.-J. *Le Camp de la mort lente.* Edit. Albin Michel. Paris 1945.
14 — BERNHARDT Lysiane. *Sarah Bernhardt. Ma grand-mère. 1945.*
15 — BERNHARDT Sarah. *Ma double vie.* 1907.
16 — BINET Valmer. *Sarah Bernhardt.*
17 — BLUMENKRANZ Bernhard. *Juifs et Chrétiens dans le monde occidental. 430-1096.* Paris 1960.
18 — BLUMENKRANZ Bernhard. *Le Juif médiéval au miroir de l'art chrétien.* Etudes Augustiniennes. 8, rue François-1er, Paris 1966.
19 — BLUMENKRANZ Bernhard. *Pour une nouvelle Gallia Judaica.* L'Arche n° 106. 1965.
20 — BLUMENKRANZ Bernhard. *Géographie historique d'un thème de l'iconographie religieuse: les représentations de Synagogua en France.* Poitiers 1966.
21 — BLUMENKRANZ Bernhard. *La grande misère des Monuments Juifs de France.* L'Arche. 1966.
22 — BOINET Amédée. *La Cathédrale de Bourges.* Paris 1952.
23 — BOINET Amédée. *La Cathédrale d'Amiens.* Paris 1959.
24 — BOUDAILLE Georges. *Du Carrefour Vavin à la Porte d'Orléans.*
25 — BRUYN Léo. *Histoire de l'église Sainte-Gudule et du Très Saint Sacrement de Miracle à Bruxelles.*
26 — CALOT Frantz. *Le Panthéon et Saint-Etienne-du-Mont.* Paris.
27 — CARMOLY E. *Revue Orientale.* Bruxelles 1841-1844.
28 — CHARTRAIRE Eugène. *La Cathédrale de Sens.* Paris 1930.

29 — CLARETIE Jules. *Paris assiégé. 1870-1871.*
30 — DELAMARE Edith. *L'Odyssée de statutes de Notre-Dame.* Paris 1954.
31 — DEMAISON Louis. *La Cathédrale de Reims.* Paris 1954.
32 — DEPPING G.B. *Les Juifs dans le Moyen Age.* Bruxelles 1844.
33 — DIAMAND David. *Héros Juifs de la Résistance française.* Paris 1962.
34 — DOMINIQUE Pierre. *L'affaire Dreyfus.* Miroir de l'Histoire n° 76-77.
35 — DULAUR J.A. *Histoire de Paris.* Paris 1825.
36 — DURAND Jeanne E. *Notre-Dame de Paris.*
37 — DUSSANE B. *Sarah Bernhardt.*
38 — *Encyclopedia Judaica.* Berlin 1928.
39 — ESCHOLIER R. *La Place Royale et Victor Hugo.* 1933.
40 — FELIBIEN D. Michel. *Histoire de la Ville de Paris.* Paris M.DCC.XXV.
41 — FISCHER André. *Le Secret de la Cathédrale de Strasbourg.* 1962.
42 — FUCHS Eduard. *Die Juden in der Karikatur.* München 1921.
43 — GAILLY Gerard. *Le Roman de lettres de Mme de Sévigné.* 1954.
44 — GAILLY Gerard. *La Petite Histoire littéraire.* 1954.
45 — GARÇON M. *L'affaire Dreyfus.* Historia n° 64-65.
46 — GAUTHIER Robert. *« Dreyfusards ! »* Collection Julliard. 1965.
47 — GELLER. *Sarah Bernhardt.*
48 — GENOUILLAC (H. Gourdon de). *Paris à travers les siècles.* Paris 1879.
49 — GENTILLY A.M. *Promenade à travers Paris.* 1955.
50 — GENTILLY A.M. *Avec Grégoire de Tours.* 1955.
51 — GINIEWSKI Paul. *Le dialogue judéo-chrétien.* La Terre Retrouvée, 15-3-1967.
52 — GRANGER, Ch.M. des. *Histoire illustrée de la Littérature Française.* 1916.
53 — *Reims.* Guides Diamant. Paris 1924.
54 — GUILHERMY et VIOLLET-LE DUC. *Description de Notre-Dame de Paris.* Paris 1856.
55 — HAHN Renaldo. *La Grande Sarah.*
56 — HALLEZ Théophile. *Des Juifs en France.* Paris 1845.
57 — HENNE A. et WAUTERS A. *Histoire de la ville de Bruxelles.* 1845.
58 — HERLITZ, Dr Georg und KIRSCHNER, Dr Bruno. *Jüdisches Lexicon.* Berlin 1927.
59 — HILDENFINGER Paul. *La figure de la Synagogue dans l'art du Moyen Age.* Rev. des Etudes Juives, t. XLVII. 1903.
60 — HILLAIRET Jacques. *Souvenirs et vestiges juifs du vieux Paris.* L'Arche n° 1. 1957.
61 — HILLAIRET Jacques. *Dictionnaire historique des rues de Paris.* Paris 1964.
62 — HILLAIRET Jacques. *Evocation du vieux Paris.* Edit. de Minuit. Paris 1952.
63 — HUGO Victor. *Notre-Dame de Paris.*
64 — HYMANS Louis. *Bruxelles à travers les âges.*
65 — JALABERT Denis. *Notre-Dame de Paris.* 1948.

66 — JOURNAL DES COMMUNAUTES. Paris 25-7-1969.
67 — KAHN Léon. *Les Juifs de Paris pendant la Révolution.* Paris 1898.
68 — KAHN Léon. *Les Juifs à Paris depuis le VIe siècle.* Paris 1889.
69 — KEMPF Anna. *Guide de la Cathédrale de Fribourg.*
70 — LAMBEAU Lucien. *La Place Royale.* Paris 1906.
71 — LASSUS et VIOLLET-LE DUC. *Projet de restauration de Notre-Dame de Paris.* Paris 1843.
72 — *La Terre Retrouvée.* 1-10-1961. 1-2-1966. 15-3-1967.
73 — LEBEUF (l'Abbé). *Histoire de la Ville et de tout le Diocèse de Paris.* Paris 1867.
74 — LEFEVRE Pl. O. Praem. *La Collégiale des S.S. Michel et Gudule à Bruxelles.* Bruxelles 1942.
75 — LEFEVRE Pl. O. Praem. *Documents relatifs aux vitraux de St.Gudule à Bruxelles.*
76 — LEFRANCOIS Ph. *La Maison où Dieu fut bouilli.* Mir. de l'Histoire n° 27. 1952.
77 — LEMOINE Henri. *Manuel d'Histoire de Paris.* Edit. Albin Michel.
78 — LENOTRE G. *Le Jardin de Picpus.* 1955.
79 — LE PAIGE. *Sur les hosties poignardées.* Mir. de l'Histoire n° 122.
80 — LESUEUR Bernard. *De l'affaire Dreyfus à l'Etat d'Israël.* Le Figaro. 30-XI-1967.
81 — LIBER Dom. *Le Faux Miracle du Saint-Sacrement de Bruxelles.* 1874.
82 — LITVINE M. *Vestiges historiques juifs à Paris.* Journal des Communautés. 1968 et 1969.
83 — MALET Al. *Histoire de France.*
84 — MANDEL Arnold. *Paysages juifs de Paris.* La Revue du F.S.J.U. n° 12. 1955.
85 — MAREZ G. des. *Guide illustré de Bruxelles.* 1918.
86 — MARTIN Henri. *Histoire de France. Paris* M.DCCC.LXV.
87 — MARTIN Alex. *Une visite à Paris en 1900.*
88 — MASSON Frédéric. *A l'ombre des Clochers.* Paris 1917.
89 — MICHELET J. *Histoire de France.* 1870.
90 — MOREAU-RENDU S. *A Paris, rue des Jardins...* Paris 1954.
91 — MOUSSET Albert. *Restauration du Temple Ste-Marie à Paris.* Le Monde 5-4-1963.
92 — MURET Th. *Histoire de Paris.*
93 — NOUVEAU LAROUSSE ILLUSTRÉ.
94 — PALEOLOGUE M. *Journal de l'affaire Dreyfus.* Edit. Plon. Paris 1955.
95 — *Paris.* (Les Guides Bleus).
96 — PIETRI François. *Napoléon et les Israélites.* Paris 1965.
97 — POETE Marcel. *Paris.* 1925.
98 — POTET E. *La Conciergerie.* Paris 1920.
99 — PRONIER Ernest. *Sarah Bernhardt.*
100 — QUIEVREAUX L. *Guide de Bruxelles.* Edit. A. de Boeck.
101 — RABI Wladimir. *Le Scandale de Deggendorf.* L'Arche n° 58. 1961.

102 — REINACH Théodore. *Histoire des Israélites.* Hachette 1884.
103 — RENAN Ernest. *Vie de Jésus.*
104 — RENAN Ernest. *Histoire Littéraire de la France.*
105 — ROBERT H. *Le Palais de Justice.* Paris 1927.
106 — ROBLIN Michel. *Les Juifs de Paris.* Paris 1952.
107 — ROCHEGUDE, de. *Promenade dans toutes les rues de Paris.* AR. NAT. Y 5213.
108 — ROLIN, Chanoine. *Histoire de l'Eglise.*
109 — ROTH Cecil. *Histoire du peuple juif.* Paris 1963.
110 — SCHWAB M. *Une nouvelle épitaphe médiévale à Paris.* Rev. des Et. Juives. 1912.
111 — SCHWARZFUCHS Simon. *Brève Histoire des Juifs de France.* Edit. « Maillons ».
112 — SCHWARZFUCHS S. *Yahiel, rabbin de Paris devant Blanche de Castille.* Evidence 1954.
113 — SÉVIGNÉ, Madame de. *Lettres choisies.*
114 — SPIRE André. *Poèmes juifs.* Edit. Albin Michel. Paris 1959.
115 — TEMKO Allan. *Le Roi, l'Evêque et le Juif.* Evidence. Paris 1955.
116 — TEMKO Allan. *Notre-Dame de Paris.*
117 — THIERRY Aug. *Récits des temps mérovingiens.*
118 — TOUATI E. *La revanche de Rabbi Yehiel.* L'Arche n° 25. 1959.
119 — TOUGERLOO, Abbé Van. *Guide de la Collégiale de Saints Michel et Gudule à Bruxelles.* 1959.
120 — J.T. (J. Tranchal). — *Les Hosties poignardées.* Mir. de l'Hist. n° 118.
121 — TROYAT H. *Ponts d'histoire et de légende.*
122 — VERNEUIL L. *La vie merveilleuse de Sarah Bernhardt.*
123 — VILLEFOSSE, René Héron de. *Histoire de Paris.* 1948.
124 — VILLEFOSSE, René Héron de. *Singularités de Paris.* Edit. Bernard Grasset. Paris 1940.
125 — VILLEFOSSE, René Héron de. *Pèlerinages parisiens.*
126 — VITU Auguste. *Paris.* 1889.
127 — WAHLEN Aug. *Bruxelles et ses environs.* 1849.
128 — WARNOD A. *Le Ventre de Paris - les Halles.*

129 — אַלפּערין א. **פון הערצלס טאָג־ביכער.** ירושלים תשכ״ה.
130 — **אין קאַמף פאַר פרייהייט.** פאַרלאַג „אויפסניי״. פאַריז 1948.
131 — בערקאָוויטש י. ד. **שלום עליכם־בוך.** ניו־יאָרק 1958.
132 — דובנאָוו שמעון. **די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק.**
133 — **„דווקא״ נומ. 14 — 15.**
134 — **„דער נייער זשורנאַל״ נומ. 10.** פאַריז 1913.
135 — טשעריקאָווער א. **די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די יידן.** „ייוואָ״־אויסגאַבע „יידן אין פראַנקרייך״. באַנד 1.
136 — מילנער יוסף. **יידן אין פראַנקרייך.**

137 — מלכי דוד. **דער מחבר פון ספר „מצוות גדול"**. „אונזער וואָרט" 1962.

138 — מלכי דוד. **רבי יחיאל פון פּאַריז**. „אונזער וואָרט" 1962.

139 — פּאָזנער ס. **פראַנצויזישע מקורים צו דער יידישער געשיכטע אין פראַנקרייך**. „ייוואָ", „יידן אין פראַנקרייך". באַנד 1. 1942.

140 — פענסטער הערש. **אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער**. פּאַריז 1951.

141 — צינעמאַן יעקב. **טעאָדאָר הערצל**. פּאַריז 1956.

142 — קאַסאָווער מ. **פראַנקרייך און פראַנצויזישע יידן אינעם טאָג־בוך פון חיים־יוסף־דוד אזולאי (חיד"א)**. „ייוואָ", „יידן אין פראַנקרייך". באַנד 1.

143 — קלויזנער, ד"ר י. **שלום עליכם דער ציוניסט**. „גאָלדענע קייט" נום. 34.

144 — רייזען זלמן. **לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור**. ווילנע 1929.

145 — שייקאָווסקי ז. **יידן אין דער פּאַריזער קאָמונע פון 1871**. „ייוואָ". „יידן אין פראַנקרייך". באַנד 2.

ק ל י ש ע ס

נומער		זייט
1	קירכע „סען זשיליען לע פּאָוור״	14
2	מטבע פון 6־טן י״ה געשמאָלצן דורך פּריסקוסן	18
3	דער פּאַנטאַן פון „די אומשולדיקע״	29
4	דער שאַנד־סלופּ ביי די האַלעס	33
5	די קליינע בריק	36
6	מערב־פאַסאַד פון דער „נאָטרע־דאַם״	40
7	די באַשאַפונג פון חוה׳ן	45
8	ביים עץ הדעת	45
9	דאָס פאַרטרייבן פון גן עדן	45
10	עקדת יצחק	47
11	איוב און זיינע פריינד	48
12	מ ש ה	49
13	דרום־טויער געווידמעט דער מוטער אַננאַ	50
14	דוד און בת שבע	51
15	שלמה און די מלכה פון שבא	52
16	די לעגענדע וועגן געבורט פון דער מוטער מרים	54
17	דאָס סענט עטיען־טויער	55
18	די געשיכטע פון דיאַקר סענט עטיען	57
19	יידן שטערן די לוויה פון דער מוטער מרים	60
20	די „באַזיגטע סינאַגאָגע״	61
21	די יידן פאַרשטעלן זיך אויערן און מיילער	67
22	די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין ריימס	68
23	די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין שטראַסבורג	70
24	די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין מעץ	72
25	די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין פרייבורג	73
26	די סינאַגאָגע־סטאַטוע אין באַמבערג	75
27	די שמייכלענדיקע סינאַגאָגע־סטאַטוע אין באַמבערג	76
28	דער ייד מיטן חזיר — אופּסאַלאַ	77
29	סאַטירישע שטיין־שניצעריי אין אַרשאָט	78
30	צייכענונג אויף אַ דייטשן מחזור פון 13־טן י״ה	79

31 די סינאַגאָגע און קירכע, ברעמען 81
32 די סינאַגאָגע און קירכע. (פון האַנס מעמלינג), בריזש, 15־טער י״ה 82
33 רי דע לאַ סיטע און דאָס שפּיטאָל „האָטעל דיע״ 98
34 די סינאַגאָגע־סטאַטוע פון ריימס 91
35 דער קירכע־זייגער אין שטראַסבורג (צייכענונג פון בען) 93
36 די צפון־רויז, געווידמעט דעם תנ״ך 98
37 מצבה־שטיין פון בישאָף מאַטיפאַס דע ביסי 100
38 סטאַטוע פון פיליפּ־אויגוסט 102
39 דער יוסטיץ־פּאַלאַץ 105
40 אַ וויכוח מיט די יידן 107
41 דער טורעם „ד׳אַרזשאַן״ 109
42 אַדאָלף קרעמיע 115
43 שלום שוואַרצבאַרד (צייכענונג פון בען) 117
44 דער „טעמפּל דע בילעט״ 127
45 יונתן שטעכט די האָסטיע 129
46 יונתן שמייסט די האָסטיע 130
47 יונתן שטעכט די האָסטיע מיט אַ שפּיז 132
48 דער קירכע־הויף אין דער רי דעז אַרשיוו נומ. 24 135
49 הילע פון קירכלעכן אינוועגטאַר־בוך פון 15־טן י״ה 139
50 פּאַרקויף־אַקט פון יונתנס הויז 146
51 דאָס דערהרגענען דעם ייד יונתן פון ענגיען 155
52 דער בנין פון פּאַריזער שטאָטראַט 165
53 דרום־טייל פון פּלאַס דאָפין 165
54 דער הויף אין דער מיליטער־שול 175
55 די דעגראַדאַציע פון אַלפרעד דרייפוס 176
56 דער האָטעל „קאַסטיל״ 181
57 ערשטע אויסגאַבע פון „יודענשטאַאט״ 184
58 רי דע ראָזיעי 187
59 רי דעז עקוף 188
60 מאַדאַם דע סעוויניע 191
61 הויז וווּ די מאַדאַם דע סעוויניע איז געבוירן 194
62 רי פערדינאַנד דיוואַל 201
63 רי דע לאַ טאַשערי 206
64 רי סען באָן 207
65 רי דע מוסי 208
66 קאַזאַרמע „נאַפּאָלעאָן״ 210
67 דער „יידן־האָטעל״ 213

68 רי מאָווע גאַרסאָן 214
69 ראַשעל־הויז אויפן פּלאַס דע וואָזש נומ. 9 216
70 קאָמענדאַנט לעאָן פּראַנשעטי 220
71 סאַראַ בערהאַרדט (צייכענונג פון בען) 228
72 סאַראַ בערנהאַרדט־מאָנומענט 232
73 שלום עליכם (צייכענונג פון בען) 241
74 ראַשעל (איילבילד פון ש. מיללער) 258
75 הערש גרינשפּאַן 260

ז ו כ צ ע ט ל

א

זייט

אַבער, מאַרסעל — 87
אוטשעלאַ, פּאַאָלאָ — 133
אופּסאַלאַ — 74
אַזאַנאַם — 169
אזולאי, חיים יוסף דוד — 257
אַזיריס, דאַניעל 261
איזידאָר, ראַבינער — 219
אייזענמאַן, ראָזשע — 250
אינאָקענטיוס — 27
אַנונציאַ, גאַבריעל ד׳ — 230
אַנניוס פון וויטערב — 10
אַנשעל, ראָבערט — 112
אַסטריק, זכריה — 101
אַערשאָט — 84
אַראַנזאָן, נחום — 256
אָרלאָוו, חנה — 262

ב

באָדאָן, זשאַן — 169
באַטיי, אַנרי 221
באַמבערג — 62, 66, 71, 74, 83
באַסיס, מאָריס — 246
באַעהמער — 256
בואַדעפער, גענעראַל — 174
בוכמאַן, פּאָלעט — 247
בורזש — 62, 94
ביסי, סימאָן מאַטיפאַס דע — 97, 99, 133

זייט

בלאַנש פון קאַסטיליע — 108, 110
בלוּאַ — 27, 84
בלום, לעאָן — 255, 262
בלומענקראַנץ, בערנהאַרד — 74
בעללאַטין — 126
בערגסאָן, אַנרי — 262, 263
בעעליטץ — 125
בעקערמאַן, אַנרי — 253
בערנאַר, זשאַן זשאַק — 178, 179
בערנאַר, טריסטאַן — 179, 230
בערנהאַרדט, מאָריס — 233, 234, 236, 237
בערנהאַרדט, סאַראַ — 224, 225, 226, 227, 229, 230, 231, 233, 234, 235, 236
בערנהאַרדט, עדואַרד — 231
בערנשטיין, אַנרי — 259
בערענגער פון טור — 123, 124
בראַנדענבורג — 125
בריזש — 80
בריסעל — 143, 144, 145, 147, 152, 156
ברעמען — 80

ג

גאַבריעל — 173
גאַדפרואַ לע טור — 156
גאָטיע קאַרני, בישאָף — 111
גאָלדפאַדען, אברהם — 264

זייט

גאַליגאַי, עלעאָנאָראַ — 171
גוזשאָן, זשאַן 25
גונאָד, שאַרל — 230
גיטרי, סאַשאַ — 230
געניואַק, גורדאָן דע — 140, 163
גראָהאַר, מאָריס — 248
גרינבוים, בערנאַרד — 250
גרינבוים, זשאַק — 252, 253
גרינבוים, מאָריס — 248
גריניאָן, מ"ם דע — 190, 195, 199
גרינשפּאַן, הערש — 259
גרעגאָר דער 9־טער, פּויפּסט — 104
גרעגואַר פון טור —
13, 15, 20, 21, 22

ד

דאַגענדאָרף — 158
דאָדע, אַלפאָנס — 202
דאָדע, לעאָן — 177
דאָמנאַלוס — 17
דאַנטע — 137
דאָניק, ניקאָלאַ — 104, 106, 110, 112
דובנאָוו, שמעון — 27, 83, 125, 133
דיאַמאַנד, דוד — 252
דיומאַ, אַלעקסאַנדער — 225
דיומאַ, אַלעקסאַנדער (זון) — 230
דילאָר י. א. — 141, 142, 147
דיקאַ, פּאָל — 259, 263
דיקראַ, גענעראַל — 219
דעניס דע מאַשאַ — 32, 34
דרייפוס־אַפּערע — 180, 200, 259
דרייפוס, אַלפרעד —
114, 173, 174, 179, 263
דרייפוס, מאַטיע — 259

זייט

ה

האָטעל דיע — 88
האָטעל דע וויל — 133
האָטעל דע טורנעל — 193
האָטעל לאַמואַניאָן — 196
האָטעל סילי — 202
האָטעל שאָלן — 196
האַלעווי, פראָמענטאַל — 261
האַלעז, טעאָפיל — 138
האַלפּערין־קאַמינסקי — 263
האַן, רענאַלדאַ — 230
האָפּיטאַל, מישעל דע ל׳ — 169
האַרד, יודיט וואַן —
231, 233, 234, 235
האַרלעם — 234
הוגאָ, וויקטאָר — 42, 96, 225, 230
הילדענפינגער, פּאָל — 69
הילערע, זשאַק — 140
העראָן דע ווילפאָס, רענע —
142, 143, 144, 145, 147,
163, 166
העראַקליט, פּאַטריאַרך — 80
הערץ, אַנרי 264
הערצל, ד"ר טעאָדאָר —
177, 180, 182, 183, 255, 259

ו

וואַלעווסקי, גראַף — 257
וואָרמס, לוסיען — 218
וויאָלע לע דיק —
42, 63, 94, 95, 96, 97, 101
וויטי, אויגוסט — 140
ווילד, אָסקאַר — 230
ווינער, פראַנץ — 221
וויענטשעסלאָס, פירשט —
149, 150, 156

זייט

ז

זאָלאָ, עמיל — 230, 259
זאַמעראַרד — 96
זשאַן פון לווען — 151
זשאַנאָן, זשיל — 257, 264

ט

טיטשיען — 56
טישעלמאַן, שמואל — 247
טעמקאָ, אַלאַן — 58
טרזשעבוצקי, אברהם — 252
טרעסטאַל — 114

י

יאַרבלום, מאַרק — 242, 243, 244
יהודה בן דוד, רבי — 110
יוליוס צעזאַר — 9
יונתן — פון 99 ביז 167
יידן־אינדזל — 163, 164, 166, 167
יידן־האָטעל — 211, 212
יחיאל פון פאַריז, רבי —
108, 110, 113

כ

כהן, הרב צדוק — 238, 239, 240

ל

לאָאָן — 80, 94
לאַדסקי, פאַני — 253
לאַיעוו, רחל — 240
לאַפּעז, אַלפאָנס — 170
לואי דער 6־טער — 30
לואי דער 7־טער — 85, 88

זייט

לואי דער 9־טער —
106, 108, 11, 112, 154
לואי דער 13־טער — 170
לואי דער 14־טער — 168, 198
לואי דער 15־טער — 200
ליאָן — 62
ליאָן, דע קרעמי — 32
ליבערמאַן, דוד — 247
לינדנער, מאַרסעל — 246
לעבעף, גלח 90, 142
לעבראַן — 56
לעווי, מישעל — 255
לעווי, רענעע — 247
לעמעטר, זשיל — 227
לענואַר, אַלעקסאַנדער — 95, 96
לעסעפּס, פערדינאַנד — 230

מ

מאַדיליאַני — 262
מאָזשיגלאָד, זשאַק — 251
מאיר פון ראָטענבורג, רבי —
168, 111, 112
מאַליער — 212
מאַלעי, גי און זשאַק דע — 166
מאַנגער, איציק — 256
מאָנטאַלאַמבערט — 96
מאָנטאַלטאָ, אליהו — 170
מאָסקווע — 236
מאָק, ריימאָנד — 253
מאַראַ־רענדי — 144, 159
מאַרי לאַ האָטיער — 126, 128
מאַריע אַנטואַנעטע — 256
מאַרעל — 231
מאַרשאַן, פּאָל — 248, 249
מוזיי קליני — 44, 96, 134

זייט

מיסע, אַלפרעד דע — 255
מישלע — 138
מעדיטשי, מאַריע — 170
מעיערבער — 256
מעמלינג, האַנס — 80
מעץ — 62, 66, 71, 83, 92, 95
משה פון קוסי, רבי — 110

נ

נאַני, זשאַן — 10
נאַפּאָלעאָן דער 1־טער — 172, 215
נאַפּאָלעאָן דער 3־טער — 218
נאַרדאַו, ד"ר מאַקס — 261
נואַיאָן — 80
ניזאַר — 78
ניקאָלאַ דער 3־טער, פּויפּסט — 113

ס

סאַבעליוס — 17
סאָוואַל — 30
סאָליע — 112
סאָלפערינאָ — 218
סאַנדער, קאָלאָנעל — 177
סאַנס — 62, 80
סאַרסעי, פראַנסיסק — 224
סוטין, חיים — 221
סיטע, אינדזל — 30, 35, 164
סילי, מאָריס — 88, 101
סיקאַר — 231
סיר־וויוו — 108
סעדאַן — 218
סעוויניע, מאַרקיזע דע — פון 189 ביז 203
סען דעני — 62, 80, 88
סענט זשענעוויעווע — 88
סענט עטיען — 53, 56, 58, 95

זייט

סענליס — 80
סערזשאַן־בלאָק, פראַנס — 252
ספיר, אַנדרע — 92, 262

ע

ענגיען — 150, 151, 157
עפשטיין, גרשון — 240
פּאַטי דע קלאַם — 174
פּאַטע, מאַרגאַריטע — 167

פּ

פּאַלעאָלאָג, מאָריס — 177, 178
פּאַנטואַז — 26
פּאַסקין, זשיל — 265
פּאָקלען, זשאַן באַטיסט — 212
פּעטלוראַ — 116, 265
פּער־לאַ־שעז — 231
פּערעירא, יעקב ראָדריגעז — 257
פּערפּיניאַן, סאָלאָמאָן — 257
פּריסקוס — פון 17 ביז 24
פּריצוואָלק — 125

פֿ

פֿאַטיר — 23, 24
פֿאָנטאַניע, זשאַן — 171
פֿולד, גיסטאַוו — 218
פֿיליפּ־אויגוסט — 25, 31, 41, 85, 88, 90, 101, 161, 205
פֿיליפּ דער 4־טער (דער שיינער) 137, 138, 149, 150, 164, 166, 168, 205, 209
פֿישער, אַנדרע — 71
פֿלעג, עדמאָנד — 256
פֿלערס, ראָבערט דע — 221
פֿעיע, איוועט — 249

זייט

פעלד, מאָריס — 251
פעלדמאַן, זשאָרזש — 251
פעליביען — 131, 137
פעליקס, דינה — 261
פעפער, דוד — 246
פראַ אַנזשעליקאָ — 56
פראַנס, אַנאַטאָל — 106, 244
פראַנקעל, לעאָן — 261
פראַנסואַ דער 1־טער — 170
פראַנשעטי, לעאָן — 218, 219
פראַנשעטי, אַלבערטאָ — 218
פרידמאַן, בערנאַרד — 252, 253
פרייבורג — 62, 66, 71, 74, 83

צ

צווינגלי — 124
צעזאַר באַראָניוס — 125

ק

קאָאַליס, ראָמאַן — 264
קאָהאַן, גיסטאַוו — 261
קאַטערינע — 152, 154
קאָלאָן, עדואַרד — 261, 264
קאַלמאַן, ראָבערט — 251
קאַנטשיני — 171
קאַפּלאַן, יעקב, הרב — 159
קאַץ, מאַנע — 257, 262
קאַרמאָלי, אליקום — 151
קוליש, יצחק — 243
קיפּען, א. מ. — 243
קלאָוויס — 11, 16
קלאָטאַר — 17
קליימיץ, פּערדינאַנד — 248
קליינע בריק — 35
קלעמאַנסאָ — 259, 264

זייט

קעלן — 152, 153
קערשנשטיין, זשאַק — 252, 253
קערשנשטיין, מישעל — 252, 253
קרואַסע, פראַנסיס דע — 219
קרעמיע, אַדאָלף — 114, 264

ר

ראָדריגעז, עדגאַר — 218
ראָטה, סעסיל — 125
ראָטשטיין, זשאַן זשאַק — 254
ראָיאַל, ריימאָנד — 248
ראָלניקאָס — 254
ראָסטאַן, עדמאָנד — 230
ראָסין — 225, 231
ראַפאַעל — 56
ראַשעל — 196, 212, 215, 224, 225, 234, 255, 257, 261
רובינשטיין, אַרטור — 265
רובענס — 56
רוים — 121, 122
רייזען, אברהם — 217, 238, 242
ריימס — 62, 66, 69, 71, 83, 90, 95, 97
ריינאַך, זשאָזעף — 230, 259, 261
ריינאַך, טעאָדאָר — 157, 259
רישעליע — 170
רישאַרד — 26, 27
רענאַן, ערנסט — 11, 42

ש

שאַגאַל, מאַרק — 256
שאַמפּאָ — 30
שאַמפּיני — 219
שאַמפּעין, פיליפּ דע — 56
שאַפּיראָ, לואי — 249
שאַרטר — 62

	זײַט
שאַרל דער 5־טער —	99
שאַרל דער 6־טער —	99
שאַרקאָ, זשאַן —	230
שוואַב, מאַרסעל —	256
שוואַרצבאַרד, שלום — 114, 116,	265
שטראַסבורג — 62, 66, 69, 71, 92,	95

	זײַט
שילדעבער —	41
שילפּעריק דער 1־טער — פון 15 ביז	22
שיף, ד״ר —	183
שלום עליכם — פון 238 ביז	243
שלמה בן אברהם —	159
שמואל בן שלמה, רבי —	110
שעוויני, גראַף דע —	221

טאָפּאָגראַפיש צעטל

ר י :

אָבערקאַמף —	251
אָ מער —	248
אָ זורס —	153
באַפרואַ —	186
בואַלאָ —	255
בואַסאָנאַד —	262
האָטפּוי —	200
הענער —	261
וואַשינגטאָן —	259
וויוויען —	255
ווילהאַרדוען —	248
וויעי די טעמפּל — 186,	246
זשאַק בינגער —	264
זשאַראַנט —	217
טורנאָן —	257
טירביגאָ —	204
טראַנשע —	261
לאָבאָ — 133,	209
ליאָטע —	222
מאָנטאָרגוי —	31
מאָנטיטשעלי —	252
מאָנטמאַרטר —	31
מירילאָ —	259

מענילמאָנטאָן —	198
נאָטרע דאַם דע לאַ לאָרעט —	261
נאָטרע דאַם דע שאַמפּס —	257
פּאַווע — 186, 196,	209
פּאַיען —	196
פּאַרק ראַיאַל —	196
פּיקסערעקור —	254
פּירועט — 31,	37
פּערדינאַנד דיוואַל — 200,	211
קאַמבאָן — 180,	259
קאָמין —	256
קאַמפּאַן־פּרעמיער —	262
קאַסטעקס —	195
קלואַטר נאָטרע דאַם —	58
ראַוויניאַן —	265
ראַמביטאָ — 31,	248
רעאָמיר —	247
שאַפּאָן —	247
שאַרלאָ — 136,	205
ד׳אַבוקיר —	246
די טעמפּל —	215
די מאָווע גאַרסאָן —	212
די רענאַרד — 200, 205,	211
די רענלאַג —	263
די פּאָבורג סען דעני —	250

זייט

די פּאָבורג סען מאַרטען — 250
דע וואָזשיראַרד — 256, 257
דע טורטיל — 253
דע טאָריני — 195
דע טורנעל — 193, 209
דע טירען — 247
דע טעמפּל — 195
דע ל'אַסאָמפּסיאָן — 263
דע ל'אַטאַשער — 205
דע ל'היראָנדעל — 257
דע ליאָן — 195
דע ליל — 259
דע ליעזש — 261
דע ל'עקאָל דע מעדיסין — 233
דע מאָ — 253
דע מאָנטמאָראַנסי — 195
דע מוסי — 205
דע מאַרע — 251
דע נאָרמאַנדי — 247
דע סיאַם — 264
דע פלאַנדר — 253
דע פראַן בורזשואַ — 196
דע ראָזיעי — 186, 249
דע ריוואָלי — 205, 217, 246
דע רישעליע — 256
דעז אַרשיוו — 126, 134, 158, 163, 205
דעז עקוף — 186
דע לאַ ברייער — 261
דע לאַ האַרפּ — 108, 200
דע לאַ ווערערי — 126, 200, 205
דע לאַ טאַשערי — 205
דע לאַ טור — 264
דע לאַ סיטע — 88, 95
דע לאַ פּאָמפּ — 264
דע לאַ ראָשפוקאָ — 261

זייט

דע לאַ סאַנטע — 252
סען באָן — 200, 205
סען דעני — 25, 153, 255
סען לואי ען ל'איל — 256
סען מאַרטען — 128, 211, 242
סען מעררי — 200
סען סעבאַסטיען — 261
סענט אַנדרע דעז אַר — 200
סענט אַנטואַן — 202

אַוועניו:
גאַמבעטאַ — 254
וואַן דיק — 261
די פּרעזידען ווילסאָן — 263

בולוואַר:
באָמאַרשע — 204
באָן נוועל — 255
באָסעזשור — 262
דע בעלוויל — 198
האָסמאַן — 259
העינריק דער 4-טער — 204
די טעמפּל — 204
די מאָנפּאַרנאַס — 262
דע מענילמאָנטאַנט — 265
סען זשערמען — 257
פּעריער — 230
דע קאַפּוסין — 240
דע קלישי — 265

גאַלערי ווערא-דאָדאַ — 255
ווילאַ סעראַ — 222, 262
סיטע פּאָפּאַנקור — 262
סקוואַר פּאָר-ראָיאַל — 262
פּאַסאַזש שאַרלעמאַן — 202

זייט

פלאַס:

באָדאָיע — 209

דע וואָזש — 193, 196, 197, 212

די טראָקאַדעראָ — 264

דע ל׳האָטעל דע וויל — 111, און פון 160 ביז 172

דע פאָנטענוּאָ — 174

די שאַטלע — 230

זייט

קעי:

ד׳אַנזשו — 256

דעז אָרפעוור — 164

דע גראַנד אָגיסטאַן — 257

דע ל׳האָטעל דע וויל — 204

וואָלטער — 257

דע זשעוור — 204

דע סעלעסטאַן — 204, 212

קירכעס

דע בילעט — 118, 126, 134

סען זשאַן — סען פראַנסואַ — 136, 159, 205

סען זשאַן ען גרעוו — 133, 136, 145

סען זשערווע — סען פראָטע — 195

סען לואי — סען פאָל — 195

סען לע — סען זשיל — 153

סענט מאַרי — 195

סענט עטיען די מאָנט — 136

שאַפּעל עקספּיאַטואַר — 113

ACHEVE D'IMPRIMER LE 26 DECEMBRE 1970
SUR LES PRESSES DE L'IMPRIMERIE
« LES EDITIONS POLYGLOTTES »
232, RUE DE CHARENTON, PARIS-XIIe